STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09777

# GEKLIBENE SHRIFTN

Alter Kacyzne

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. קאציזנע

# געקליבענע שריפטן

פארלאג „יידיש בוך“
ווארשע 1951

A. K A C Y Z N E

„GEKLIBENE SZRIFTEN“

Okładkę projektował K. Gleb
Redaktor — D. Sfard

Wydawnictwo „Idisz-Buch“
Warszawa 1951

Nakład 3.000 egz. arkuszy wydawniczych 11
Druk. „Nowe Życie“, Warszawa, Al. K. Świerczewskiego 79. Nr. zam. 130
Druk ukończono 15. VI. 1951. Papier dziełowy kl. V 61x86 cm. 80 gr.
Arkuszy drukarskich 12,5 2-B-18047



**אלטער שלום קאַציזנע**

געבוירן אין ווילנע אין יאָר 1885 31־טן מאי
אומגעקומען דורך אוקראַינישע פאַשיסטן
אין טאַרנאָפּאָל אין יאָר 1941 7־טן יולי



# קורצע כאַראַקטעריסטיק

ער פלעגט שנעל ווי אַ קינד ענדערן זיין שטימונג פון אומיטלבאַרער און אויפריכטיקער פרייד אויף בייזער מיזאַנטראָפּישער איינגעשלאָסנקייט אין זיך. אין ערשטן פאַל איז ער מיינסטנס געווען לייכט־איינפאַלעריש, געדאַנקען־רייך, וויציק און אָריגינעל, אין צווייטן — שווערטראַכטנדיק און בייזט־באַרעכטיקט פּרעטענסיאָנעל. אָפטמאָל האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער זאָל זיך נאָר וואָס אויפכאַפּן פון שלאָף און עס קומט אים אָן שווער זיך איינצוגלידערן אין דער וואָר. ער האָט דאַן אויסגעזען אָנגעבלאָזן און פאַרעמד און איז געווען פול מיט טענות. קוים אָבער האָט ער זיך איינגעגלידערט, איז ער ווידער געוואָרן שטיפעריש־מילד, פיל־פאַרשטייענדיק און פיל־פאַרצייענדיק. ער איז געווען אינטעליגענט, באַלעזן און פעיק, נאָר זיין קינסטלערישע צעשויבערטקייט האָט אים געשטערט צו דערגרונטעווען אַ וועלכן ס'איז געדאַנק ביזן סוף, און דער עיקר, צו רעאַליזירן אים קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן ביזן סוף. ער איז שטענדיק געווען אַרומגענומען פון אַ טיפן אומרו, כסדר געזוכט נייע פאָרמען און נייע אינהאַלטן, אָן אויפהער בלאָנדזשענדיק אויף דעם וועג פון קאָמפּליצירטע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קלאַסן־קעגנזאַצן און קינסטלערישע מיינונגס־פאַרשידנהייטן. ער האָט געשטרעבט אויסצוגעפינען אַזאַ קינסטלעריש וואָרט, וואָס זאָל פאָרמעל און אינהאַלטלעך שאַפן אַ מין סינטעז פון גאַנצן יידישן לעבן, וואָס זאָל זיין אויסער־און איבער־פּאַרטייאיש, אויסער־און איבערקלאַסן, און ער האָט זיך, פאַרשטענדלעך, נאָך מער פאַרפּלאָנטערט, אַריינפאַלנדיק אין נאָך גרעסערע און טיפערע אינערלעכע און אויסערלעכע קעגנזאַצן. די בורזשואַזע ווירקלעכקייט אין איר צאַריש־זעלבסטהערשערישער און דערנאָך סאַנאַטאָריש־פּוילישער געשטאַלט איז אים געווען

טיף דערווידער, און ער האָט זיך אומאויפהערלעך געבונטעוועט קעגן אירע דערנידערנדיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאָרמען און אומיושרדיקער עקאָנאָמישער אָרדענונג. די דאָזיקע בונטאַרישקייט זיינע איז נישט געווען קיין קליינבירגערלעכע און איר אַנטשטיק, האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך דאָס פאַלש־פּאַטעטישע, דאָס אַנטלויפן פון אייגענעם געוויסן, איז נישט אויפגעקומען פון דער אייגענער פחדנות צוצושטיין צו אַ וועלכן ס'איז באַשטימטן צד, אָדער, וואָס איז איינס און דאָס זעלבע, פון דעם ווילן אויסצומיידן יעדן צד. זי איז געווען אין איר אָנהייב אַן עכט־איבערגעלעבטע אין רעזולטאַט פון דעם טיפן אויסערלעכן און אינערלעכן קעגנזאַץ צווישן זיין אָפּשטאַם און די געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אונטער וועמענס השפעות ער איז אַרונטערגעפאַלן שוין פון זיינע פריסטע יינגלשע יאָרן.

ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער אַרבעטער־משפחה, פון אַ טאַטן — אַ מוליער, אַ זיידן — אַ שמיד און אַ מוטער — אַ שניידערין. ער אַליין האָט אויך פון זיין פערצנטן לעבנס־יאָר געלעבט פון זיין אייגענער מי, אַרבעטנדיק אַלס פאָטאָגראַף. אָבער די אומנאָרמאַלע דערציִונג און קנאַפּע סיסטעמאַטישע בילדונג, וועלכע ער האָט באַקומען אין זיין קינדהייט, לערנענדיק זיך אַ קורצע צייט ביי מלמדים און דערנאָך אין אַ רוסישער אָנפאַנגס־שול, זיין כאַאָטישע אָנגעלייענטקייט, און דער עיקר, די בירגערלעך־רוסיפיצירטע סביבה, אין וועלכער ער איז אַרייַנגעפאַלן פון זיין פריער יוגנט, האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקע דעצידירנדיקע ווירקונג אויף זיין גאַנצן ווייטערדיקן וועלט־באַנעם. זיין טיף אומרויִקע און איינדרוקספולע נאַטור האָט זיך געפונען אומאויפהערלעך אונטער דעם דרוק פון פאַרשידענע קעגנזעצלעכע השפעות. די בילדער און געוווינהייטן פון זיין קינדהייט האָבן אים געטריבן זיך צו באַהעפטן וואָס שטאַרקער און טיפער מיטן פשוטן פאָלק, מיט זיינע ליידן און שווערע איבערלעבונגען, ווי אויך מיט זיינע חלומות און גלויבן אין אַ בעסערער פרייערער צוקונפט. דאַקעגן האָבן די באַווירקונגען פון די קליינבירגערלעכע, האַלב־אינטעליגענטישע קרייזן, אין וועלכער ער האָט זיך דאַן געפונען, נישט געקוקט אויף אַלע זייערע אידילישע רייד וועגן פאָלק, אים פאַקטיש געשטויסן צו אָפּגעפרעמדקייט פון שוין אויפוואַכנדיקן אַרבעטנדיקן מענטשן און פון זיינע אידעאַלן. די דאָזיקע קרייזן, זייענדיק פון איין זייט אומאויפהערלעך געשלאָגן און דערנידעריקט פון דער רויבעריש־אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, און פון דער צווייטער זייט, דורכגעדרונגען מיט אַ בלינדער און טעמפּער שרעק פאַר דעם נייעם

אַנוואַקסנדיקן כּוח פֿון פּראָלעטאַריאַט, האָבן פֿאַר, און ספּעציעל, נאָך
דעם פֿינפֿטן יאָר געהאַלטן אין איין פּראָדוצירן אַבסטראַקטן ביראָנישן
וועלט־שמערץ, פֿאַרנעפּלטע געזעלשאַפֿטלעכע טעאָריעס און מיסטישע
וועלט־אויפֿפֿאַסונגען, וועלכע זײַנען געווען קאָסמאָפּאָליטיש לויט זייער
פֿאָרם און נאַציאָנאַליסטיש לויט זייער אינהאַלט. דאָס זײַנען די זעלבע
קרייזן, וועלכע האָבן שפּעטער אַ ביסל, אין אָנבליק פֿון דער גראַנדיעזער
פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם דאָזיקן אָנוואַקסנדיקן אַרבעטער־כּוח אין דער
אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געבראַכט צום אויסדרוק די גאַנצע צעטומלט־
קייט און פֿאַרלוירנקייט פֿון זייער שיכט, סובלימירנדיק די דאָזיקע צע־
טומלטקייט און פֿאַרלוירנקייט ווי עפּעס נײַע דערקענטניש־ווערטן. די
טראַגיק פֿון די סוביעקטיוו־בעסערע און סוביעקטיוו־אמתדיקערע מענטשן,
וועלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער דער באַווירקונג פֿון דער דאָזיקער
סביבה, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס, רײַסנדיק זיך אַבסטראַקט צו
גרויסע אַלגעמיינע טאַטן און יאָגנדיק זיך נאָך עפּעס אַן אויסערצײַטיקן
און אויסעראָרטיקן אמת, זײַנען זיי קאָנקרעט געבליבן שטעקן אין קליינ־
לעכע ענגהאַרציקע סביבות, דורכגעפּרעסענע פֿון אייגננוציקן עגאָיזם און
קליינבירגערלעכער וואַקלעניש און פּחדנות. אַלטער קאַציזנע האָט בלי־
ספק געהערט צו אָט די סוביעקטיוו־בעסערע און סוביעקטיוו־אמתדיקע־
רע. ער האָט אין זײַן קינדהייט געזען דאָס לעבן פֿון אַרבעטנדיקן מענטשן,
געזען די קלאַסן־אונטערדריקונג און אויף זײַנע אייגענע פּלייצעס גע־
פֿילט איר אומברחמנותדיקע פּראַקטיק. נאָר דער פֿרעמדער אָנוווּקס אין
זײַן וועלט־באַנעם פֿון פֿאָלקיסטיש־אוטאָפּיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע
אידייען האָט אים געשטערט פּשוט און קלאָר צו פֿאַרטײַטשן דאָס דאָ־
זיקע לעבן אויף דער קאָנקרעטער קינסטלערישער שפּראַך, שאַפֿנדיק דעם
טראַגישן קעגנזאַץ צווישן זײַנע פֿאַרנעפּלטע נישט דעצידירטע און נישט
קאָנסעקווענטע, דאָך סוביעקטיוו־פּראָגרעסיווע און טיילמאָל אַפֿילו רע־
וואָלוציאָנערע אײַנשטעלונגען און צווישן זייער, אָביעקטיוו גענומען,
אויסגעשפּראָכן אָפּגעשטאַנענעם אויסדרוק, סײַ פֿאָרמלעך, סײַ אינהאַלט־
לעך. דער דאָזיקער „ריס אין דער נשמה", וועלכער איז געווען אַזוי כאַ־
ראַקטעריסטיש פֿאַר דער גאַנצער פֿאַראַמטער קליינבירגערלעכער
האַלב־אינטעליגענץ פֿון יענער צײַט, האָט געפֿונען זײַן בולטן אויסדרוק אין
די שאַפֿונגען פֿון אַלטער־קאַציזנען, סײַ אויסערלעך, סײַ אינערלעך. אויסער־
לעך — דורך אַ פֿאַרנעפּלטער שפּראַך און אידעאַלער מיסטישער בילדלעכ־
קייט. אינערלעך — דורך אַן אויפֿריכטיקן ווידערווילן און בונט קעגן אַלטן
און אָפּשטאַרבנדיקן און גלײַכצײַטיק אַפֿענער שרעק פֿאַר דעם נײַעם,
צוליב וואָס דער קאָנקרעטער באַפֿרײַונגס־קאַמף פֿון אונטערדריקטן

פאָלקס־מענטש פאַרוואַנדלט זיך אָפּט אין זיין קינסטלערישער אַנקליידונג אין אַן אַבסטראַקטער און פאַרנעפּלטער אידיי פון אויסלייזונג סתּם, און דער סאָציאַלער אַנטאַגאָניזם צווישן דעם אַרבעטנדיקן מענטשן און זיינע באַדריקער — אין אַ נאַציאָנאַלן אָפּטמאָל אַנטאַגאָניזם צווישן איין פאָלק און צווייטן.

די דאָזיקע מאָמענטן קומען בולט צום אויסדרוק שוין אין דעם ערשטן גרעסערן ווערק פון קאַציזנען, אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גייסט דער מלך", פון וועלכן מיר גיבן נאָר אַלס ביישפּיל איניקע קורצע פראַג־מענטן צום סאַמע סוף פון בוך. געשריבן מער ווייניקער אין דער צייט פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז די פּאָעמע ביי אַלע אירע פאַרמעלע און שפּראַכלעכע דערגרייכונגען, אַ געמיש פון פאַרנעפּלטע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און פון אַ בלינדן געפיל פון שרעק פאַר דעם נייעם, וואָס קומט אָן. אויף די אומזיכערע רייד פון אייניקל:

„אָ זיידע, קרויך, ווי קען איך שטילן?
ווי קען מיין האַרץ די שטילקייט לויבן,
ווען שטומע וועכטער ריגלען שטרענג
די לעפצן פון דער וועלט?
מיין האַרץ אַ שטים צו הערן בענקט!
דער קלאַנג פון טאָג מיר פעלט!
ווי גרויס איז, זיידעניו, די שטראָף,
פאַר דעם, וואָס וועקט אַ וועלט פון שלאָף?
איך וויל זי וועקן!" —

ענטפערט אָפּ דער זיידע אַנטשלאָסן:

„זאָלסט נישט דערוועגן!
וואָס טוסטו, קינד! דערבאַרים דיך
אויף יוגנט דיין און זיידנס עלטער!
אַ גרויסע זינד, אַ גרויס געפאַר
פון נאַכט די רו צו שטערן
מען קאָן אונדז קנסענען דערפאַר,
ווען עמעץ זאָל דערהערן!"
(פון דעם פראַגמענט ב — אַ לבנה־שפּיל)

און אין דעם פראַגמענט ג — בשעת הבהלה — שילדערט קאַציזנע אויף אַזאַ אופן יענע שטורעמדיקע צייט, וועלכע איז געווען אַזוי אָנגע־

לאָדן מיט גרויסער מענטשלעכער געוואגטקייט און דרייסטע פרייהייטס־קאמפן:

„איבער בערג און איבער פעלדזן
קנוילן שווערע וואָלקן;
בלאָ און גראָע מענגעס
יאָגן א געיעג;
פולע איטער טראָגן זיי
מבול, בישט געמאָלקן;
פיקערדיקע שטענגעס
קנוילן זיי אין וועג;
שטורעם־רייטער יאָגן זיי
מיט ברומען און געהוילן...
אונטן ליגט דער טאָל,
אין נעפל־שייד פארהוילן.״

דערביי זאָגט איינער פון די געשטאלטן אין דעם דאָזיקן פראגמענט:

„אַ, זיין חסד טוט אונדז ווייכן!
מען זאָגט: די מעכטיקע די טייכן
ארויס פון זייער אלט געלעגער,
די ערשטע וואסער־צוימען פאלן,
פארפלייצט די טאָלן אלע!
ווי דעם אויג, וואָס זען געצוווּנגען,
דוי ס׳גייען דורות מי פארפאלן״...

ערטערווייז גייט די דאָזיקע שרעק פאר דער רעוואָלוציע איבער אין פולשטענדיקער רעזיגנאציע. אזוי למשל, אין פראגמענט ה — מולך — זאָגט נעמי:

„אָ, שוועסטער־קרויץ! בישט פרווו דערגייכן!
איך בין פון לעבנס־וועג אנטלאָפן,
ווו ס׳הערשט די שרעק פון ביין געוויטער,
און זע: איך ציטער!
זע: איך וויין!״

די דאָזיקע שרעק, ציטערניש און געוויין איז זייער כאראקטעריס־טיש פאר דעם קלייננבירגער פון יענער צייט, אין דער פאָעמע אנטשפרעכט

זיי פאַרמילדן די אומקלאָרקייט פון די קאָמפּליצירטע סימבאָלישע געשטאַלטן, כאַאָטישע קאָנסטרוקציע און אפילו די בלויזע באַצייכענונג פון די קאַפּיטלען אַלס פראַגמענטן. דער אויטאָר איז נישט אימשטאַנד צו יענער צייט צו דערזען די גאַנצקייט פון חוץ ביי אויפגעקומען לעבן, צו פאַרשטיין די צילגעווענדיקייט פון זיין ריכטונג, ער זעט בלויז אָפּגעריסענע איינצלנע דערשיינונגען און דאָס אויך נישט די סאַמע כאַראַקטעריסטישע, נאָר גראָד די צופעליקע און פאַרבייגייענדיקע. פונדאַנען די אומגעגלייכקייט איינצושליסן זיי אין אַ פאַרענדיקטער סיסטעם, די אומקלאָרקייט פון זייער באַשטימונג און פּעסימיסטישע אויספירן. דאָס איז ספּעציעל בולט אין די אויפטריטן פון גד און נעמיך, די צוויי געשטאַלטן, וועלכע סימבאָליזירן מיט זיך, מער ווייניקער, די גייער־ריזן צום דעם לאַנד פון גליק און וועלכע, גרייכנדיק שוין אַהין, ווערן ערשט פונסבי פאַרפיניקט פון אינערלעכע ספקות, ווייל יעדעס צופעליק שאַנדל פאַרשטעלט פאַר זיי דאָס גרויסע ליכט:

„אַ בייזער פליגל האָט פאַרשטעלט
די זון פאַר מיינע אויגן”...

אָדער:

„איך פרווו איין מיאונגען אחמזיסטע
די צונג פון צוויפלונג מאכן שטום...
אַ קאַלטע פינצטערקייט ארום
פאַרשפּרייט דעם שאָטנס פליגל שנעלער,
אַ, קינד! פאַרמאָגט פון גליק דער ברעג דער העלער
אויך היילן ווייסטע?”

און ווען:

„דער שוואַכער זילבער־שיין, פון דער לבנהס צעלט
באַפרייט פון וואָלקן־יאָך, מיט יעדער רגע העלט;”

און:

„דער בלאַסער נעפּל־ים צעגיסט זיך אין זיין ברייט”

און ביידע ריזן, גד און נעמי, ציטערן אויף „דערמונטערט און דערפרייט” און רופן אויס: „ליכט! ליכט!” — אויך דעמאָלט זאָגט נעמי:

„ס'איז וואָר, די זון שיינט ליכטיק העל
פון זינט מיין פוס דעם באָדן האָט באַטראָטן;
דאָך ווער פאַרזייט אין אונדזער האַרץ דעם שאָטן,
און לייגט אַ שטרויכלונג ביי דער העלער שוועל?”

אין דער האזיקער כסדרדיקער קליינבירגערלעכער זעלבסטפייניקונג און וואקלעניש ווערט דאס קלארע בילד פון קלאסן־קאמף פון יענער צייט פארשטויסן דורך פארשיידענע מיסטישע באגריפן און פארמען פון אבסטראקטע סכעמאטישע שטרייטן צווישן גוטס און שלעכטס, נאכט און טאג, פינצטערניש און ליכט און ענלעכע אלגעמיינע ווערטער, און ווי אין יעדער אבסטראקציע, פארשווינדן דאן די קאנקרעטע גרענעצן, וועלכע טיילן אפ איין ספערע פון דער צווייטער און עס הויבט זיך אן אן אומגעשטערט בלאנדזשעניש אהין און צוריק אונטער דער באקוועמער שוץ פון געהיימע סימבאלן און מיסטישע געשטאלטן.

די שפעטערדיקע שאפונגען פון אלטער קאציזנעס זיינען שוין געהאלטן אין א מער רעאליסטישן סטיל און פארמאגן שוין א מער קאנקרעטן אינהאלט. אבער אויך אין זיי דאמינירט נאך אלץ די ווירקונג פון דער קליינבירגערלעכער סביבה און איר אבסטראקט־נאציאנאליסטישער צוגאנג צו די פארשידענע פראבלעמען פון ווירקלעכן לעבן. אזוי למשל, ווערט דער דראמאטישער הויפט־קאנפליקט פון „דוכוס" פארוואנדלט אין אן אבסטראקטן, שיר נישט מיסטישן שטרייט צווישן דער „יידישער און „נישט־יידישער" עטיק, און אין די דראמעס „שווארצבארד", „דעם יידס אפערע" א. א. ווערט די טעמאטיק באגרענעצט בלויז צום נאציאנאלן פראבלעם, אן שום באריקזיכטיקונג פון די סאמע קאנקרעטע צווישן־קלאסן־אונטערשידן און צווישן קלאסן־שטרייטן.

דאס אפקערן זיך פון דער קאנקרעטער וואר אין דער ריכטונג פון אבסטראקטער אלגעמיינער סימבאליק, אדער אבסטראקטער נאציאנאלער פראבלעמאטיק האט, פארשטענדלעך, געהאט זיך ווירקונג אויך אויף דער קינסטלערישער זייט, סכעמאטיזירנדיק — ביי די גרויסע דראמאטורגישע פעיקייטן פון קאציזנען — די געשטאלטן און געשעענישן און צוגעבנדיק זיי אן עלעמענט פון צוגעטראכטקייט.

און דאך, נישט געקוקט אויף די אלע קליינבירגערלעכע השפעות פון האלב־אינטעליגענטישער גאולה־זוכעריי, לאזט זיך אלטער קאציזנע בשום אופן נישט קלאסיפיצירן צוגלייך מיט די אלע איבעריקע סימבאליסטן, מיסטיקער און כלל־ישראל־שרייבער, וועלכע זיינען אין די יארן צווישן פינפטן און זיבעצטן יאר אזוי שפעדיק אויסגעוואקסן אין דער יידישער ליטעראטור, לאזט זיך בשום אופן נישט איינגלידערן אין רעשט אין דעם שטראם פון קליינבירגערלעכער צעטומלטקייט, אויסוועגלאזיקייט און פחדנות, וועלכער האט אין יענער צייט פארפליצט די יידישע ליטעראטור אויג אויף אויג מיט די אנוואקסנדיקע רעוואלוציא־

נערע כוחות אויף דער אַלגעמיינער און יידישער גאַס. דאָס ערשטע, וואָס טיילט אים אויס פון אַלע אַנדערע, איז זיין אויפריכטיקע בונטאַרישקייט לגבי דער אַלטער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט, אין וועלכער ער זעט נישט בלויז נאַציאָנאַלן נאָר אויך סאָציאַלן אומיושר. די דאָזיקע בונטאַרישקייט, אויב אַפילו זיגזאַג־אַרטיק, גייט אַדורך אונטער פאַרשידענע פאָרמען ווי אַ רויטער פאָדעם אַפילו אין די אויבנדערמאָנטע ווערק. ווי אַ געטרייער תלמיד פון י. ל. פּרצן טראָגט קאַציזנע ווידער מיט זיין וואָרט דעם עטישן אומרו און קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן יעדער נאַציאָנאַלער אומווירדיקייט און סאָציאַלן אומרעכט. אמת, ער זעט אָפט אין דער יידישער קולטור און ליטעראַטור אַ מין זעלבסטצוועק, אָבער גלייכצייטיק קעמפט ער עקשנותדיק אויפצוהייבן דורך איר דעם באַוווסטזיין פון אַרבעטנדיקן מענטש, צו פאַרשענערן און אויסבעסערן זיין גייסטיק און מאַטעריעל לעבן. אין אונטערשייד פון אַ סך אַנדערע פון זיינע מיטצייטלער, איז זיין הומאַניטאַריזם, וועלכן ער ברענגט אַרויס אין זיינע פילאַרטיקע און פילפאַרביקע קינסטלערישע זשאַנרען און פאָרמען, אַ טיף־איבערגעלעבט און עכט געפיל, וואָס נעמט אַרום נישט בלויז זיינע ליידנדיקע ברידער, נאָר דעם ליידנדיקן מענטש בכלל. די דאָזיקע מאָמענטן האָבן וואָס ווייטער, אַלץ אָפטער, אַרויסגעפירט קאַציזנען פון דער עולם־התהו־דיקער וועלט פון שאָטנס און אַבסטראַקטער פּראָבלעמאַטיק און אַלץ מער און מער דערנענטערט צום פּראָגרעסיוון אַרבעטער־לאַגער און זיינע אַקטועלע פראַגן פון טאָג.

אין זיין ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע" קומען שוין אויף ברייטע שילדערונגען פון דער ווירקלעכקייט, אין וועלכע פאַרשידענע סביבות פון שרייבער, קינסטלער, קליינבירגער, אויפגעקומענע מלחמה־גבירים, ספּעקוליאַנטן פון איין זייט, און אַרבעטער פון דער צווייטער, ווערן שוין געגעבן אין אמתדיקן ליכט פון קריטישן רעאַליזם. עס גייען אויף גאַנצע רייען פון געשטאַלטן פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעטע און קינסטלעריש פאַרענדיקטע, געשטאַלטן, וועלכע לעבן זייער אייגן לעבן, רעדן מיט זייער שפּראַך און האַנדלען אין הסכם מיט זייער כאַראַקטער. די דאָזיקע שילדערונגען דעקן אויף די בורזשואַזע ווירקלעכקייט פון אינעווייניק, ווייזן אָן איר אינערלעכע פּוסטקייט און מאָראַלישע צעפוילטקייט.

גאַנצע אוצרות פון פאָלקסטימלעכקייט ברענגט אַרויס אַלטער קאַציזנע אין זיינע באַלאַדן און הומאָרעסקן, ספּעציעל אין די לעצטע קומט צום אויסדרוק אין אַ מייסטערישער פאָרם דער געזונטער און קלאָרער פאַרשטאַנד פון פּשוטן פאָלקס־מענטש, זיין טיף־מענטשלעכער הומאָר, זיין

לעבנספרייד און פאַרביסענע סאַטירע אין באַצוג צו זיינע אונטערדריקער.

אָבער באַזונדערס קעמפעריש אויף דער זייט פון באַוווּסטזיניקן אַרבעטער־מענטש איז קאַציזנע אויפגעטרעטן אין זיינע פרעכטיקע עסייען און פעליעטאָנען, וועלכע האָבן ביי זייער גאַנצער שפראַכלעכער און געדאַנקלעכער שפּילעוודיקייט, ביי זייער גאַנצער איינפאַלערישקייט און בילדלעכקייט, פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָקומענטן פון דרייסטער פּאָליטישער געוואַגטקייט און ערלעכקייט. קאַציזנע האָט באַריִרט אין זיי די אַקטועלסטע און געפערלעכסטע פראַגן, שרייבעריש אָריגינעל, און מענטשלעך מוטיק, נישט אָפּטרעטנדיק פון זיינע פּרינציפּן און נישט שוינענדיק קיינעם. אין קעגנזאַץ צו דער איינשטעלונג פון דעם רוב פון זיינע קאָלעגן, און נישט געקוקט אויף די ערגסטע געפאַרן אין יענער צייט, האָט ער זיך אַלץ ענגער און ענגער פאַרבונדן מיט דעם פּראָגרעסיווסטן טייל פון אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן, מיט זיין אַוואַנגאַרד דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָנערקענענדיק זי אַלס די איינציקע קאָנסעקווענטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וועלכע איז אימשטאַנד צו דערפירן דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס און מיט אים דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק צו פרייהייט און גליק.

ס'איז אים נישט באַשערט געווען צו זען די דאָזיקע אויסגעבענקטע פרייהייט און דאָס דאָזיקע אויסגעחלומטע גליק. צוזאַמען מיט דער מערהייט פון זיין יידיש אַרבעטנדיק פאָלק אין פּוילן איז ער אומגעקומען אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, דערמאָרדעט אויף דעם שווידערלעכסטן אופן דורך אוקראַאינישע פאַשיסטן. אָבער ער איז געבליבן לעבעדיק פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַרן יידישן פאָלק און אויך פאַר דעם נייעם פּוילן, אין וועלכן ער האָט זיין חשובן חלק.

מיר אַלע, וועמען ס'איז באַשערט די פרייד ווייטער צו שפּינען דאָס יידישע וואָרט אין פּוילן אין גאָר נייע באַדינגונגען פון געזעלשאַפטלעכן יושר און קעגנזייטיקער נאַציאָנאַלער פריינדשאַפט, וועלן נישט אויפהערן זיך צו לערנען פון זיין רייכן און פאַרביקן יידיש־לשון, שווונגפולער, אָריגינעלער בילדלעכקייט און עכטער, קערנדיקער פאָלקסטימלעכקייט. מיר וועלן אויך אויף שטענדיק פאַרגעדענקען זיין פערזענלעכן און קינסטלערישן מוט און באַקעמפן יעדע עוולה און יעדע אומרעכט, זיין שטאַרק סאַטיריש וואָרט קעגן יעדן שונא פון פאָלק, וועלכע זיינען באַזונדערס בולט געקומען צום אויסדרוק אין די צייטן, ווען ער האָט אין די סאַמע שווערסטע און געפערלעכסטע באַדינגונגען פון ריאַקציע און טעראָר מיטגעאַר־

גירט די פראגרעסיווע צייטונג „דעם פריינד” און דערנאך זיין אייגענע מוטיקע אויסגאבע „מיין ריידנדיקער פילם”. זאָל זיין אָנדענק דינען ווי א קוואל פון דערמוטיקונג פאר אלע די, וואָס שטייען ווידער אין שווערן קאמף פאר דערהאלטן פיזיש און גייסטיק דעם רעשט פון אונדזער פאָלק, פאר ראטעווען די מענטשלעכע קולטור, פאר שלום, און ווי א דערמאָנונג פאר די, וואָס ווייזן ארויס אין דעם דאָזיקן קאמף פחדנות און אומ־אנטשלאָסנקייט, אָדער גאָר נאָכגיביקייט לגבי די שונאים פון דער מענטש־הייט, פארקויפנדיק זיי פאר א טאָפּ לינדזן זייערע גופים און נשמות און מאכנדיק זיי אונטערטעניק זייער קינסטלערישׂ וואָרט און געוויסן.

דעם דאָזיקן אָנדענק דארף אויך דינען דאָס בוך, ווי אַן אומפארגעס־לעכע מצבה פון זיינע פריינד און פארערער און פון יעדן יידישן לייענער אויף זיין אומבאקאַנטן קבר.

**ד. ספארד.**

# שטאַרקע און שוואַכע

(פראַגמענטן)

# אין דער סביבה פון פרייער קונסט

שייקע האָט געטראָפן לעאָנען אין רעדאקציע ארומשפּאַנען אין מאַנטל מיטן שטעקן אין דער האַנט.

— איר האַלט, זע איך, ביים אוועקגיין? נו, און די נאַכט־רעדאַקציע?

— קומט, קומט, שייקע, דער נאַכט־רעדאַקטאָר איז שוין געזונט געוואָרן.

אויף דער גאַס האָט ער שייקען גענומען אונטערן אָרעם, מעשה קאָלעגע. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל, אַז לעאָן ברוינער, אַ שריפטשטעלער מיט אַ נאָמען, זאָל נעמען אונטערן אָרעם אַ דיכטער אַן אָנפאַנגער.

— וואָס מאַכט דאָס קינד, שייקע? שלאָפט רויק?

שייקע האָט זיך קוים אָנגעשטויסן, וואָס פאַר אַ קינד ער מיינט עס לעאָן. ער, שייקע, האָט דאָך נישט קיין קינדער.

— באַרינקע, מיינט איר? יאָ, ער שלאָפט.

— און וואָס האָט באַסיע געטאָן אַ גאַנצן אָוונט?

— גאָרנישט, מיר האָבן זיך דערציילט מעשות.

אַזוי? מעשות גאָר? כאַ־כאַ־כאַ! איר זייט אַ ווויילער בחור, שייקע. — און לעאָן האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט דער ברייטער האַנט איבער דער פּלייצע — אָבער היט זיך איר זאָלט באַסיען דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען, איר הערט? באַסיע איז נישט ווי אַלע פרויען. באַסיע איז אַ קינד.

און דאָ האָט ער ווידער גענומען שייקען אונטערן אָרעם. אומאָנגענעם איז שייקען געווען לעאָנס נאָענטע גוטפריינטשאַפט אין דעם מאָמענט. ער האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין שום קרומע מחשבות וועגן באַסיען. ער האָט זיך אפילו נאָך רעכט נישט צוגעקוקט צו איר. וואָס קאָן ער אויסן

זיין, אַז דער לעאָן ברוינער דערמיט, וואָס ער האָט אים אַליין אונטער־געדרוקט אַ שלעכטן געדאַנק.

— מירן גיין צו ריטאָוון אויף אַ ביבקע — האָט לעאָן אים פריינד־לעך געטרובעט אין אויער. — באַסיען קאָן איך אַ הין נישט מיטנעמען. איר פאַרשטייט דאָך, שייקע ,איר זייט דאָך אַ גוטער־ברודער.

אָבער שייקע האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. ער האָט בלויז פאַרשטאַנען, אַז ער פאַרשטייט נישט, ווי לעאָן וואָלט גערעדט צו אים אויף אַן אַנדער שפּראַך, נישט אויף יידיש. אַזאַ געפיל האָט שייקע אויך געהאַט, ווען ס׳פלעגן אים קומען צו דער האַנט לעאָן ברוינערס נאָוועלן, אָדער די פעליעטאָנען זיינע. דאַכט זיך: באַקאַנטע ווערטער, אָבער דעם אינהאַלט זייערן פאַרשטייט ער נישט.

אַט זעט ער פאַר זיך באַסיען אין איר טערקישן שאַל איינגעוויקלט, איינגעקנוילט, ווי אַ קעצל, מיט די פיס אויף דער אָטאָמאַנע. זי קוקט מיט אַזעלכע גרויסע, שטילע, קלוגע אויגן. אַליין זיצט זי דאָרט, גאָר אַליין. פאַר־וואָס טאָר זי נישט זיין אויף דער ביבקע ביי ריטאָוון? באַסיע איז אַ קינד? נישט אמת. גיכער איז שוין אַ קינד אָט דער גרויסער מאַנצפּערשוין. מיט די גרויסע הענט און פיס, מיטן ברייטן קאַפּעליוש און גראָבן שטעקן, דער מאַנצפּערשוין, וואָס שרייבט לאַנגע נאָוועלן און טיפע פעליעטאָנען — לעאָן ברוינער.

און אפשר האָט דער מאַן געוווּסט וועגן זיין פרוי עפּעס אַ סוד אַזאַ, וואָס ער, שייקע, אַ מענטש אַ פרישער און אַ זייטיקער, האָט עס נישט גע־קאָנט און נישט געדאַרפט וויסן. אפשר האָט באַסיע אַ שוואַכקייט אַזאַ, וואָס זי טאָר זיך נישט געפינען אין קיין פריילעכע קאָמפּאַניעס. אַ שוויינג־דיקע איז זי דאָך, מאָדנע ווי זי שווייגט.

און לעאָן ברוינער האָט דערווייל פאַר זיך געטראַכט:

— נו, איך בין עפּעס אַנדערש. איך בין אַ קינסטלער־נאַטור. איך מוז מיך פון צייט צו צייט אָפּפרישן אין מיין אייגענער סטיכיע. אָבער אַלץ אויף דער גאַס, ווייט פון דער היים. די היים איז הייליק. די היים איז אומבאַרירלעך. אַ ווייב, אַ קינד, אַ שרייב־טיש, פּרצעס בילד אויפן שרייב־טיש. אין דער היים זאָל מיר זיין ליכטיק און ציכטיק און קיין זאַך זאָל נישט פעלן. אַרבעט איך דאָך צוליב דעם טאָקע אין אַ רעדאַקציע. שרייב איך דאָך, איך, לעאָן ברוינער, צוויי מאָל און דער וואָך פעליעטאָנען, וועלכע גייען מיר אָן ווי פּאַראַיאַריקער שניי. ניין, באַסיע, קענן דיר בין איך שוין אין אָרדענונג.

— און האַנקען האָט איר שוין געזען? — גיט ער שייקען פּלוצלינג אַ ציפּ פאַרן אָרעם.

— האַ? וועלכע האַנקע?

— ווי הייסט וועלכע? וויפל האַנקעס פאַרמאָגט עס וואַרשע? איין מאַהאָמעט און איין האַנקע. נו ,די שיינע האַנקע, ריטאָוואס אבן־טוב.

— אַ כלה זיינע?

— איר האָט אַ בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע, חבר! נישט קיין כלה, נאָר אַ מאָדעלקע. צוליב איר האָט ער דאָך געגומען דעם פּריז אויף דער לעצטער אויסשטעלונג. צוליב דעם טאַקע מאַכט ער דאָך די ביבע...

— וואַרט, וואַרט!...

שייקען איז געוואָרן ליכטיק אין קאָפּ. צוליב דעם, הייסט עס, זיצט באַסיע איינע אַליין אויף דער אַטאָמאַנע, איינגעקנוילט, ווי אַ קעצל. צוליב דעם, הייסט עס, שפּאַנט דער גופיקער שריפטשטעלער אַזוי האָפּערדיק צו ריטאָוון אויף דער ביבקע. און צוליב דעם, הייסט עס, האַלט ער איבן, שייקען, גוט־ברודעריש אונטערן אָרעם און רוקט אים אונטער דעם פּאַסקודנעם געדאַנק וועגן פאַרדרייען באַסיען דעם קאָפּ! האַנקע! איר גאָלדענעם אַקסל האָט ער היינט געכאַפּט מיטן אויג אין דער אָפענער טיר פון ריטאָוואס אַטעליע.

און פאַר גרויס שמחה, וואָס אים זיינען קלאָר געוואָרן אייניקע זאַכן פאַר אַמאָל, האָט שייקע אין מיטן דער גאַס און גאָר אומגעריכט פאַר לע־אָנען אַזוי קונציק און הילכיק אַ גרילץ געטאָן, ווי אַ קאַץ, וואָס מען האָט איר אָפּגעטרעטן דעם וויידל, אַז לעאָן איז אָפּגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגע־בריטער.

פון אַלע זייטן האָבן מענטשן זיך אומגעדרייט, אומגעקוקט און גע־זוכט מיט די אויגן די אומגליקלעכע קאַץ. אויך שייקע האָט זיך ערנסט פאַרנומען מיט זוכן די קאַץ. לעאָנען האָט געשטיקט דאָס גרויס געלעכטער.

— משוגענער, הער אויף, — האָט ער זיך געבעטן פון דער ווייטן,

— כ'וועל מיט דיר מער אויף דער גאַס נישט אַרויס. קאָנסט אומגליקלעך מאַכן אַ מענטש!

דערזען, אַז שייקע איז גרייט איבער׳צוחזרן די חכמה מיט דער קאַץ, האָט אים לעאָן אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער, ווי אַ רוח דעם מלמד, און אַריינגעשליידערט אין דער פאַרבייפאָרנדיקער דראָזשקע.

— דו האָסט אַ בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע! — האָט שייקע געכריפּעט מיט אַ פאַרשטיקט קול.

לעאָן האָט נישט אָפּגעלאָזט זיין קאָלנער.

— כ'וועל דיך דערשטיקן, משוגענער! — און אַליין שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פאַר געלעכטער.

אַזוי זיינען זיי געקומען צו פאָרן אויפן אַלטן מאַרק.

די שמחה ביי ריטאָוון איז שוין געווען אין פולן ברען, ווען די אַטעליע איז באַרייכערט געוואָרן מיט לעאָנס היפּשע פיגור און גאָלדענע ברילן און מיט שייקעס גרין העמדל, פלאַמענדיקן דאָרן־קאָפּ און כינעזישע אייגעלעך. ריטאָווס ריזיקער, ווייכער טאַפּטשאַן, דער קוואַל פון טרייפע שמייכלען פאַר האַלב וואַרשע, איז געווען אָקופּירט פון צוויי טוץ דאַמען־פיס און זיידענע לייב־קאַליריקע זאָקן, הויך אַ פוס אויף אַ פוס פאַרוואָרפן, ווי איין פוס וואָלט אויפן צווייטן געשפּילט — טשעללאָ. אַ שטומער קאָנצערט פון דאַמען־פיס. די אייגנטימערינס פון די פיס זיינען געווען צוריקגעוואָרפן, אויף דעם באַרג קישעלעך אָנגעלענט. זיי האָבן זיך געסודעט און געלאַכט. און דאָס איז געווען די אייגנשאַפט פון ריטאָווס באַרימטן טאַפּטשאַן. זעצט מען זיך אויף אים, מוז מען זיך סודען און לאַכן. מענער האָבן זיך ברייט צעליינט אויפן טעפּיך, אין שכנות פון די דאַמען־פיס און אַ היפּשע קאָמפּאַניע האָט גענומען מיט שטורעם דעם טיש מיט צובייסעכץ. עס האָט זיך געדאַכט: ניכטער זיינען אַלע און יעדער באַזונדער רעדט צו דער זאַך. אָבער שיכור איז נאָר געווען די לופט ביי ריטאָוון אין אַטעליע, זי איז געווען שיכור, און זי האָט עס געטומלט אָן אָן אויפהער און געוואָרפן אַ טשאַד אין קאָפּ.

צוויי שר־המשקימס האָבן פאַרכאַפּט דעם בראָנפן ביים טיש, אַ דיכטער מיט אַ מאָלער, ביידע לאָדזשער חברה־לייט. ביידע פוטוריסטן, ביידע מיט באַקנבערדלעך, מיט משונה־גרויסע שטיינער אין די רינגען און מיט משונה־ברייטע קראַוואַטן, אָבער דער פוטוריזם פאַרייניקט היפּוכים. דער דיכטער האָט געהאַט גלאַטע, לאַנגע, נאַסע האָר און אַ נאָז אַ לאַנגע, אַ סענטימענטאַלע, אַ שלעפּעריקע. און דער מאָלער האָט געהאַט צוויי שטעכיקע שוואַרצע בערשטלעך פון ביידע זייטן לבנה־פּליך, און זיינע פאַרריסענע נאָזלעכער האָבן געקוקט יעדן גלייך אין די אויגן אַריין, ווי די פאַרלאָשענע לאַמטערנעס פון אַ לאָקאָמאָטיוו.

ביידע ,זין פון לאָדזשער סוחרים — האָבן זיי באַוויזן, ווי שווער עס איז אַרויסצובאַקומען דאָס, וואָס עס פאַלט צו זיי אין יד אַריין. מען האָט זיך געקאָנט אויסציען פאַר אַן איבעריק גלעזל בראָנפן. זיי האָבן ציניש באַרעכנט יעדן שלוק.

— האָסט דאָך שוין אויסגעזשלאָקעט פינף גלעזער, אַ בראַנד דיר אין די קישקעס אַריין, וויפל איז דער שיעור?

— אָבער זייט נישט קיין חזירים און גיט מיר אַ גלעזל. דאָס וועט זיין דאָס דריטע.

— מאָל דיך, אַז ס'איז דאָס פערטע.

—אַ, פרייַלין טאַטשע. — ביטע, ביטע! איר ווילט אַ דריט גלעזל קאָניאַק?

— נידער מיט די לאַדזשער! — האָט עמיצער רעוואָלטירט אין די הינטערשטע רייען.

— שאַ! ווער האָט עס געשריגן? לאָמיר נאָר מאַכן אַ חקירה־ודרישה! ווער מאַכט עס דאָ רעוואָלוציעס?

און די לאַדזשער האָבן באַהאַלטן דעם בראָנפן און דערקלערט אַ לאָקאַוט. מען האָט געדאַרפט האָבן די אינטערווענץ פון ריטאָוון אַליין און מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון צווישן די דאַמען מיט זיינע קרומע פיסלעך און פרויען־גזשיוּוקע איבערן שטערן.

דורך אַלע האַלב־שיכורע און געמאַכט־שיכורע אויסגעשרייען האָט זיך געוויקלט, ווי אַ רוויטער פאָדים, אַ ליטעראַרישע דיסקוסיע; קלעפּיק און שטאַרק זיינען זיי די פעדים פון די ליטעראַרישע דיסקוסיעס. מען דאַרף נאָר אַרויסציען אַ ברעג. ציט זיך און ציט זיך און רייסט זיך נישט איבער. שולדיק איז דאָ געווען איינער אַ מיזאַנטראָפּ אין ברילן. די לאַדזשער האָבן אים שלעכט באַהאַנדלט און ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיין ליידיק גלעזל. האָט ער כאָטש געוואָלט פאַרסמען דעם עולם מיט זיינע ביטערע ציגאַרן און איינגעגעסענע רייד.

— און איך זאָג אייך, קאָלעגן, אַז אָנשרייבן אַ ראָמאַן איז גאָר נישט פון די קלייניקייטן — האָט ער געצויגן דעם פאָדים — גוטע ראָמאַנען האָבן מיר ווייניק. פאַרוואָס שרייבסטו נישט קיין ראָמאַנען, לעווקאָווסקי? פאַרוואָס זאָלט איר זיך נישט אַ נעם טאָן צו אַ ראָמאַן, חבר שטיינבערג? אהאַ! איר האָט מורא!

שטיינבערג און לעווקאָווסקי האָבן זיך געפילט באַליידיקט.

דער לאַנגער שטיינבערג האָט אַזש פאַרלוירן זיין מאָנאָקל פון אויג און זיך פאַרשפּריצט מיט קאָניאַק די נייע הויזן. און לעווקאָווסקי מיט די שוואַרצע ברעמען איז אַוועק צו די דאַמען. האָט דער מיזאַנטראָפּ מיטן ליידיקן גלעזל דערוויַיל זיך צוגעשטופּט נענטער צו די לאַדזשער.

— מען גיט שוין אַמאָל אַ גלעזל קאָניאַק, צי נישט?

דו שווייגסט, צי נישט, וויזלטיר איינער! — האָט דער לאַדזשער מיט די שוכבערשטלעך זיך פאַרמאָסטן איבער אים מיט דער פלאַש — דיר וועל איך געבן קאָניאַק! דיר! פאַר די פּאַסקודנע דיסקוסיעס דיינע?

וואָס דען? בין איך נישט געהעכט אוודאי? מע שרייט ביי אונדז: ראָמאַנען — פע! ראָמאַנען זיינען שונד! ראָמאַנען זיינען באָבע־מעשות. נו, אָט פרעגט דאָרט ביי דעם בן־עיר אייערן ,ביי גליקסאָנען, לעזט מען עפּעס א סך די פּוטורעזן זיינע? האָט ער פּרנסה פון זיי?

גליקסאָן האָט אָנגעשטעלט אויף אים די לאַנגע נאָז מיט די צוויי סאָ־ווע־אויגן.

— ווער איז דיזער מאַן? וואָס פאַרלאַנגט ער היר, ווי קומט ער אין זאָ איינע אָנשטענדיקע געזעלשאַפט?

אָבער דער פאָדים פון דער ראָמאַנען־דיסקוסיע האָט זיך דערווייל איבערגעוואָרפן צו א צווייטער גרופּע, ביים דריטן פענצטער.

און באַלד איז ארויסגעשפּרונגען לעווקאָווסקי אויף א שטול מיט א גלעזל אין דער האַנט.

— הוראַ! — עס האָט זיך אויסגעפונען א בעלן אָנצושרייבן א ראָ־מאַן אויף געוועט, איך ווונש אים דערפאָלג אין זיין נודנער ארבעט.

— ווער? ווער איז דאָס?

פאַר דעם בעלן האָט זיך ארויסגעוויזן לעאָן ברוינער. אינדערשטיל האָט ער זיך שוין לאַנג ארומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרייבן א גרעסע־רע זאַך. ער האָט נאָר געדאַרפט האָבן א שטויס. און אָט איז דער שטויס געקומען. נאָכן דריטן גלעזל האָט ער געזאָגט צו שטערנען מיט א גע־מאַכטער פויליקייט:

— און איר מיינט, חבר, איך וואָלט נישט אָנגעשריבן א ראָמאַן? איך וועט זיך מיט אייך.

— וואָס עפּעס וועט איר זיך?

— ווייל אויב כ'וועל זיך נישט וועטן, וועל איך קיינמאָל נישט אָנ־שרייבן.

מען האָט גלייך אויסגעפונען א בעלן אויפן געוועט אויך. דאָס איז געווען א שווייגנדיקער, שמייכלענדיקער, געקרייזלטער יונגערמאַן, ברייט אין שטערן און שמאָל אין דעם קין. דער עולם האָט אים צוגעזאָגט א צוקונפט פון א גרויסן מעצענאַט ביי יידן, צוליב דער פעטער ירושה, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג אָפּגענומען. ביז איצט האָט אים ריטאָוו געהאַלטן לעבן זיך. אָדער ביי די דאַמען אָדער ביי זיינע בילדער אויף די ווענט. איצט האָט אים ריטאָוו געמוזט אָפּטרעטן אויף דער קורצער צערעמאָניע פון געוועט.

דער יונגערמאַן — באַסקים האָט ער געהייסן — איז צוגעגאַנגען צו לעאָנען מיט א פאַרשעמטן שמייכל און ראָז־לויכטנדיקן שטערן.

— גוט, איך וועט זיך מיט אייך.

— אין וויפל?
— אין פינפהונדערט רובל.
— הורא!

ריטאָוו האָט געמוזט איבערשלאָגן די הענט. שייקען האָט מען אוועק־געזעצט שרייבן אַן אַפּמאַך מיט געכתיבעטע אותיות.

שייקע האָט נישט געטרונקען. „אײדער אָנצוקומען צו די לאָדזשער — האָט ער געזאָגט — איז שוין בעסער בלייבן ניכטער". ער האָט געזוכט מיט די אויגן די הויפּט־שולדיקע אין דער שמחה — האַנקען, און נישט געקאָנט זי געפינען. איינגנטלעך האָט ער זי שוין געזען און געקענט פון די גרויסע און קליינע לייוונטן אויף די ווענט. איצט האָט ער שוין געוווּסט, אַז דאָס איז די האַנקע.

צום ערשטן מאָל, ווען ער איז געווען ביי ריטאָוון, האָט זיך אים אויך געוואָרפן אין די אויגן איר געשטאַלט אויף דער וואַנט. ער האָט אָבער אויף קיין רגע נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז דאָס זאָל זיין אַן אַקט פון אַ לע־בעדיקער, איצטיקער פרוי, ניכער עפּעס אַ קאָפּיע פון אַן אַלטן מייסטער. נאָר אַמאָל, פאַרצייטן — האָט זיך אים געדאַכט — האָבן געקאָנט זיין אַזעלכע אויסגעצחלומטע געשטאַלטן אויף דער וועלט. איצט ווייסט ער, אַז דאָס איז האַנקע, איצט ווייסט ער, אַז האַנקע שפּרינגט עס אַראָפּ פון דער וואַנט מיט אירע גאָלדענע רייפע היפטן, מיר אירע צעקריגטע צווישן זיך, שפּיציקע, האַלב־רייפע בריסט, מיט איר צניעותדיק רבניש פּנימל אין דער מופטע פון זיידענע לאָקן.

אומעטום, אויף אַלע לייוונטן איז זי די זעלביקע, נישט קיין אויס־געדיכטעטע, אַ צעקלונגענער גאָלדענער פרויען־קערפּער — אַליין אַ קונסט־ווערק.

האַנקע — די בעל־שמחהטע אַליין איז נאָך נישט געווען. דער עולם האָט זיך נאָך נישט געלאַנגווייליקט. די דאַמען אויף דער אַטאַמאַנע זיינען נאָך געווען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע רייד און נישט געפאָדערט מען זאָל זיך מיט זיי עקסטרא פאַרנעמען. באמת שיכור איז נאָך קיינער נישט געווען און דער עולם האָט זיך איינגעטיילט אין גרופּקעס, יעדע מיט אירע געשפּרעכן. די שטימונג האָט שיעור נישט קאַליע געמאַכט דער מיזאַנטראָפּ, ער האָט זיך טאַקע דערשלאָגן צו אַ גלאָז וויין און שוין כמעט אויסגעזופּט. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס וואָלט אַ יושר געווען צו האַלטן אַ טאָסט לכבוד ריטאָוון און דעם פּריז, וואָס ער האָט באַקומען. אויפן חשבון פון דעם טאָסט האָט ער געפאָדערט נאָך וויין. פאַרן טאָסט האָבן אָבער די לאָ־דזשער מורא געהאַט און קיין וויין מער נישט געוואָלט געבן.

לעאָן האָט זיך דערוווּיטערט פון אַלעמען און געפונען אַן אָרט פאַר זיין איינזאַמקייט אויפן ברייטן פענצטער פון אַטעליע. פונדערהויך האָט ער געזען דאָס גאַנצע יאַרידל. און געקוקט אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ. ער איז נישט געווען אויף אזוי פיל גיכטער, אז ער זאָל חרטה האָבן אויפן געוועט זיינעם אָנצושרייבן א ראָמאַן. פאַרקערט, ס'איז גענוג געווען ער זאָל אַריינפאַלן אין דער קאָמפּאַניע פון שרייבער און דיכטער און דערביי אויס־טרונקען איין גלעזל, און שוין האָט אים באַהערשט אַ יינגלשע קאַמף־שטימונג. ער וועט זיי ווייזן — די אַלע האַלבע און גאַנצע טאַלאַנטלאָזיקייטן, וואָס לעאָן ברוינער קאָן! איין זאַך האָט אים באַאומרויקט: פאַר זיין ראָמאַן האָט ער קיין טעמע נישט. אַ טעמע, געוואַלד, אַ טעמע! אַ האַלבע מלוכה פאַר איין טעמעלע! און שוין, די מינוט וואָלט ער אַוועק פונדאַנען און זיך צוגעשרויפט צום שרייב־טיש.

אויפן פענצטער איז ער געווען איינער און עס וואָלט אים געווען באַקוועם אין זיין דערהויבענער איינזאַמקייט. געשטערט האָט נאָר דאָס פאַרבאָרגענע פּאָרל, וואָס האָט זיך היים געסודעט הינטער דער שווערער פאָרטיערע במעט ביי זיינע קני.

— ווער קאָן דאָרט זיין? — האָט ער אַ פּאָר מאָל אַ טראַכט געטאָן.

און אָט האָבן זיי זיך באַוויזן פון הינטער דער פּאָרטיערע, פריער — ער, שפּעטער — זי, ביידע ראָז צעפלאַמטע, האַלב־שיכורע. לעאָן האָט זיך אַ קנייטש געטאָן, ווען ער האָט דערקענט ביסטריצקים ברייטן, ציינישן שמייכל. און לעאָן האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן, ווען אין דער זי האָט ער דערקאָנט די קליינע דאָראַטשקע מיטן בולטן שטערן און בלאָע בלומען־אויגן.

און ס'איז געווען פון וואָס זיך אויפצוטרייסלען. דאָראַטשקע איז מיט איר אויסזען געווען כמעט אַ קינד. אָנגעטאָן איז זי געווען ווי אַ באַשיידענע שילערין. און זי איז נאָך טאַקע געווען אַ קינד און אַ שילערין.

— אָט האָסטו דיר אַ טעמע פאַר אַ ראָמאַן — האָט לעאָן געטראַכט, נאָכקוקנדיק מיט עקל ביסטריצקין מיט זיין קליינער דאַמעלע. זיי זיינען דאָרט אַוועק צום טיש טרינקען ווייַן.

און ביסטריצקי האָט איצט פון דאָרטן אַלעמען באַטראַכט פון אונטער זיין ברייטן שטערן, ווי פון אונטער אַ דאַשיק אַרויס. צום שטערן האָט זיך אים צוגעקלעפּט זיין נאַפּאָלעאָנישער לאָק און די ברייטע ליפּן זיינע זיינען אויך געווען ווי צוגעקלעפּט, פאַרשנירלט. ער האָט אויסגעפונען מיט די אויגן לעאָנען אויפן פענצטער, אויפגעהויבן דאָס גלאָז ווייַן און געשמייכלט

צו אים פונדערוויטן. און שמייכלענדיק, האָט ער לאַנגזאַם געעפנט דעם מויל זיינעם, לעאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, ער זאָגט דאָרט:

— אז איך וויל, קאָן איך דיך אויפעסן.

שייקע האָט אויסגעפונען ריטאָוון צווישן די דאמען, אראָפּגעשלעפּט אים פאַרן אָרבל און אָנגעוויזן פונדערוויטן אויף ביסטריצקין.

— פאַרוואָס מאָלט איר אים נישט, ריטאָוו?

ריטאָוו האָט א קניפּ געטאָן זיין בערדל, א גלעט געטאָן זיין גזשיוועקע און זיך געקליבן שייקען אויסצוזידלען, פאַרוואָס ער האָט אים אוועקגעשלעפּט פון די דאמען. אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך אויך פאַרקוקט אויף ביסטריצקין און אָנגעהויבן צייכענען מיט די פינגער אין דער לופט.

— איר זענט גערעכט, שייקע, כ'לעבן! ס'איז אַן אידעע!

דראָטשקע האָט גענומען עטלעכע לויטערע טענער, וועלכע האָבן אָפּגעקלונגען אין געטומל, ווי דער גרעסטער אמת צווישן א חברה ליגנער. און איבעריקע זאַך.

דראָטשקע איז אָבער נישט געווען פון די נאַטורן, וואָס לאָזן זיך אָפּזאָגן פון דעם, וואָס עס האָט זיך זיי פּלוצלינג פאַרגלוסט. דראָטשקע האָט געוואָלט זינגען. זי האָט זיך דורכגעשלאָגן א וועג צו דער פּוס-האַר-מאָניע אין ווינקל.

האָט א קלונג געטאָן און א בראַזג געטאָן די גלעזערנע טיר און אין אַטעליע איז ווי א דונער אריינגעפאַלן האַנקע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— קוק נאָר אָן! ווי פון הימל אראָפּגעפאַלן!

— ווי א יוון אין סוכה!

— טראַסקע, האַנקע, אז די שויבן זאָלן פּלאַצן!

און פון די וויטערע ווינקלען האָט מען זי באַגריסט מיט אַן אויסגעצויגענעם, פאַרשפּיצטן — א-א-א-א!

איז האַנקע געשטאַנען אין מיטן אַטעליע און האָט נערוועז געלאַכט מיט א שטילן ברוסט-געלעכטער. זי האָט אראָפּגעריסן דעם בערעט און מיטן קאָפּ א טרייסל געטאָן. א פריזור — ווי אויף היַיון, א פּאַפּאַכע א גאַנצע. דאָס פּנימל האָט ארויסגעקוקט ווי פון א מופּטע. מיט א שלאַנקן בויג האָט זי געפּרוווט ארויסשפּרינגען פון איר קורץ מאַנטעלע. נאָר דאָ האָט זי דערזען דעם ווין אויפן טיש און אירע נישט-פּראָפּאָרציאָנעל-גרויסע אויגן האָבן אויפגעבליצט.

— איך מוז מיך אָנשיכורן!

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט, האַנקע? — ריטאָוס פראַגע איז געווען אין אַ פאַרדעכטיקן טאָן.

— איך פרעג מיך ביי קיינעם קיין דעות נישט. ווען איך וויל — קום איך. — האַנקעס תשובה איז געווען צוגעוואָרפן פאַרביסן און אויפגערעגט, מיט דער גרייטקייט אָנצוהייבן אַ קריג.

ס'איז געווען צו זען, אַז צווישן איר מיט ריטאָוון איז לעצטנס אַ שוואַרצע קאַץ דורכגעלאָפן.

זי איז צוגעלאָפן צום טיש און אַ כאַפּ געטאָן דאָס פלעשל קאָניאַק.

— לאָזט נישט! לאָזט זי נישט! — האָט ריטאָוו פאַרצווייפלט אויסגעשריגן. ער האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט, אַז האַנקע זאָל זיך נישט אָנשיכורן.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַרן פלעשל קאָניאַק. דער ערשטער קרבן איז געפאַלן דער לאָדזשער פוטוריסט מיט די בערשטלעך אַרום פליך. ער האָט געכאַפּט פון האַנקען אַ פּאַטש. דעם לאָדזשער דיכטער האָט זי צעדראַפּעט דאָס פּנים. לעווקאָווסקין מיט די שוואַרצע ברעמען באַגאָסן מיט קאָניאַק. און אַלץ מיט אַ קוויטש און מיט אַ ברוסטיק געלעכטער. ענדלעך האָט זי געמוזט דאָס פלעשל אָפּלאָזן. און, ווען זי האָט באַקומען פון די גרויסמוטיקע שונאים דאָס ערשטע גלעזל קאָניאַק, האָט זי דאָס זייער גרויסמוטיק אויסגעגאָסן אויפן טישטוך און אַוועק צו די דאַמען אויף דער אָטאָמאַנע — שאַ־שטיל.

די שטימונג איז ווידער געוואָרן געמיטלעכער, כאָטש נישט אין דער פולער מאָס. מיט האַנקעס קומען איז עפּעס ענגער און הייסער געוואָרן אין אַטעליע. עס איז אויסגעקומען, ווי עפּעס פאַר איר וואָלטן דאָ גאָר קיין פרויען נישט געווען און אָט איז געקומען די פרוי.

די דאַמען האָבן שוין נעדאַרפט, מען זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיי.

— לאָמיר שפּילן אין אַ טעלעפאָן!

— פ־ע־ע!

שייקע האָט גאָר פאָרגעשלאָגן אַ שפּיל אין האַנטוכער. ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם שפּיל אין טורמע. אַלע זעצן זיך אין אַ ראָד און דעם האַנטוך גיט מען איבער פון איינעם צום צווייטן אונטער דער קני. דער האַנטוך דאַרף זיין מיט אַ קניפּ, און בעת דער, אויף וועמען עס פאַלט דער גורל, זוכט דעם האַנטוך אין איין זייט, כאַפּט ער דערווייל מיטן קנופּ פון דער אַנדערער זייט, און ער דאַרף טרעפן, ווער עס האָט אים געשלאָגן.

— אויסגעצייכנט!

— פּע־ע־ע! אַן אַרעסטאַנטן־שפּיל!

— שטייט אייך אוודאי נישט אָן — האָט באַמערקט ביסטריצקי.

ער איז איצט געשטאַנען נעבן שייקען.

— זאָגט נאָר, ביסטריצקי, ווי קומט איר אין דעם קרייז — האָט אים שייקע געפרעגט — דאָ זיינען דאָך, ווי איך זע, אַלץ גאַנצע און האַלבע קינסטלער, נישט קיין פּאָליטיקער.

ביסטריצקי האָט זיך ברייט צעלאַכט.

— ביסט אַ בהמה, שייקע, כאָטש דו פּייפּסט ווי אַ נאַכטיגאַל. לויטן פּאַרטיישן פּאַס מעסט מען נישט קיין מענטשן. איך בין, ברודערל, אַליין אַ קינסטלער. פּונקט, ווי אַ קאַסע־ברעכער, אַ קאָרטן־שפּילער אָדער — אַן אַנדער מוזיקער — זיינען קינסטלער. קונסט — דאָס איז מיין סטיכיע. כ'האָב ליב אַלע חתונות, ווו עס שמעקט מיט נבלה. כ'האָב ליב צו זען, ווי די ווערעם פרעסן זיי. האָסט אפשר אַ פּאַפּיראָס, שייקע?

אַ שאָד, ביסטריצקי האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גאַנצע דרשה. אָבער האַראָטשקע האָט אים אָפּגערופן אין אַ זייט אויף אַ פּאָר ווערטער. און אָט שטייט ער שוין און דרשנט אין אַ צווייטן ווינקל. אומעטום וואַקסט ער אויס. אומעטום הערט מען זיך צו צו זיינע רייד גאַנץ אויפמערקזאַם, אַפילו מיט אַ ביסל מורא. פון דעם ווייטסטן, פון דעם טונקעלסטן ווינקל ארויס איז צו באַמערקן, ווען ביסטריצקי טוט אַ שמייכל מיט זיין ברייטן מויל.

ס'איז ווידער געוואָרן אַ טומל.

— ווער? ווער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס פלעשל קאָניאַק פון טיש? דער קאָניאַק איז פאַרשוווּנדן.

אָבער מיטן קאָניאַק צוזאַמען איז פאַרשוווּנדן האַנקע. קיינער האָט נישט באַמערקט ווען זי האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל ארבעט.

ריטאַוו האָט נערוועז געפּויקט מיטן פּוס אין דער פאַרשלאָסענער טיר פונם אַלקער.

— האַנקע! נו, האַנקעלע! גיב אָפּ דעם קאָניאַק! איין מאָל אַ חכמה.

ריטאַוו איז צוגעלאָפן צום טיש און, גלעטנדיק די גזשיוועקע און ציפּנדיק דאָס בערדל, אויסגעבייטלט צו די לאָדזשער אַלע בייזע חלומות, פאַר וואָס מען האָט האַנקען געלאָזט צונעמען דעם קאָניאַק.

— זי טאָר גאָרנישט טרינקען! האָט ער שיעור נישט געוויינט פאַר כעס — זי איז אַזוי אויך האַלב משוגע! וואָס האָט איר געטאָן?

לעווקאָווסקי מיט די שוואַרצע ברעמען האָט אים געטרייסט.

— ס'וועט איר גאָרנישט זיין. זי וועט זיך אָנטרינקען און איינשלאָפן. מיינסט, דו אַליין קאָנסט האַנקען? איך קען זי אויך.

— איך קען זי אויך — האָט געזאָגט ברוינער — זי וועט זיך אָנשיכורן, וועט זי וויינען.

— איז וואָס, אַלע ווייבער וויינען שיכורערהייט.

דאָראָטשקע האָט אוועקגעשלעפּט ריטאָוון צו דער פּיסהאַרמאָניע. נאָך אויפגערעגטערהייט האָט ער געבלעטערט די נאָטן און געפרעגט: וואָס שפּילן מיר?

דאָראָטשקען איז געווען אַלץ איינס וואָס צו זינגען, אַבי זינגען. ריטאָוו האָט גוט געקאָנט איר רעפּערטואַר. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך שוין איבערן שיכורלעכן טומל געוועבט דער אייגנאַרטיקער קוויט פון רוביני־שטיינס אַ פּערסיש ליד אויף די ווערטער פון האַפיז:

און זאָל דעם חכמס מידה זיין
בייטאָג, ביינאַכט, באַגינען,
אין האַנט אַ בעכער אַלטן ווײַן
אַ נייער וויץ אין זינען...

דאָראָטשקע האָט געהאַט אַ נאַטירלעכע קאָלאָראַטור. זי האָט געזונגען לייכט, ווי געלאַכט מיט אַ זילבערן גלעקעלע. דער עולם האָט געהערט און געשמייכלט. נאָכן זינגען האָבן די דאַמען אויף דער אָטאָמאַנע געפּאַטשט בראַוואָ און די מענער — געמאַכט אַ נייע כוסה. אין האַנקען האָט מען אײַנגאַנצן פאַרגעסן.

אָבער ריטאָוון איז אײַנגעפאַלן צו געבן אַ שטיקל קאָנצערט. ער האָט ליב געהאַט באַכן און פאַר אַ היימישע קאָמפּאַניע פלעגט ער גערנישט שלעבט אויספירן אויף דער פּיסהאַרמאָניע אייניקע לייכטערע זאַכן. האָט ער פּלוצלינג אַ ברום געטאָן אויף די באַסן און ס'איז געווען, ווי עס וואָלט זיך אויסגעקערט אַ פאַס האָניק. אַ געדיכטע זיסקייט פון דער קאַנטאַטע האָט זיך שווער צעגאָסן איבערן שיכורן טומל.

ריטאָוו וואָלט עס געוויס נישט געטאָן, ווען ער וואָלט געדענקט אין האַנקען. פאַר דעם יאָר צייט, וואָס דאָס מיידל געפינט זיך ביי אים אין אַטעליע האָט ריטאָוו איין גוטע זאַך פאַר איר אויפגעטאָן: ער האָט זי אויך אָנגעשטעקט מיט אַ ליידנשאַפט צו באַכן, און, הויפּטזעכלעך, צו זיין באַליבטער קאַנטאַטע.

אינמיטן שפּילן האָט זיך טאַקע דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ פאַלנדיק פלעשל אין אַלקער. הייזעריק פון אויסגעטרונקענעם קאָניאַק האָט האַנקע געשריגן פון דאָרט:

— וויצעק, הויב אָן פון אָנהויב!
האָט ער אַ ציטער געטאָן:
— האַנקע, מאַך דיך נישט משוגע!
— וויצעק, איך זאָג דיר הויב אָן נאָכאַמאָל!
— שעם זיך כאָטש פאַר לייטן, האַנקע!

ריטאָוו האָט זיך אומגעקוקט אומבאַהאָלפן. האַנקעס פאַרלאַנג, אַז ער זאָל אָנהויבן נאָכאַמאָל איז, ווייזט אויס, געווען פאַרבונדן מיט אַ שטיקל סקאַנדאַל, וואָס נאָר ער אַליין האָט געוווסט פון דעם. אָבער נישט אָנהויבן האָט ריטאָוו אויך נישט געקאָנט. סיי ווי האָט איר הייזעריקע שטים געדראָט מיט אַ סקאַנדאַל. פון גרויס אומבאַהאָלפנקייט האָט ער זיך אַזש צעשמייכלט. זיך אַ גלעט געטאָן איבער דער גזשיווקע און ווידער אויסגעקערט דעם פּאַס האָניק.

שייקע איז געווען אומגעדולדיק. ער האָט גלאַט געוואָלט הערן שפּילן. בעסער — ערגער; אָבער דער אָנהויב פון דער קאַנטאַטע האָט אים פאַראינטריגירט: זע נאָר, אַ מענטש האָט זיך דאָס צעגאָסן! — האָט ער געטראַכט וועגן באַכן.

האָט איבער אים זיך אָנגעבויגן ביסטריצקי און, ווי מיט אַן אייזערנער רייף איינגעדריקט זיין האַנט ביים אָרעם. ברייטלעך האָט ביסטריצקי געשמייכלט.

— אוי, שייקע, ביסט אַ בהמה!

— פאַרוואָס?

— ווייל דו קוקסט נישט וווהין מען דאַרף.

און ביסטריצקי האָט אים אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן אין דער ריכטונג פון אַלקער. שייקע האָט זיך אומגעקוקט.

די טיר איז דאָרט געווען אָפן. און אויפן פינצטערן פּאָן האָט זיך געגאָלדיקט אַ לעבעדיק וואַנט־געמעל: האַנקע איז אין דער טיר געשטאַנען אַ נאַקעטע.

זי האָט זיך געוויגט צום טאַקט, געמאַכט אַ טריט און נאָך אַ טריט פון אַלקער אַרויס און מיט אַ מאַיעסטעטישער גראַציע אַ שוועב געטאָן איבערן טעפּיך, איינהערמיט אַמעליע, אויף די שווערע האַניקרוועלן פון באַכס קאַנטאַטע.

שמעצער האָט פון איבערראַשונג קורץ אַ לאַך געטאָן. שמעצער האָט געמאַכט: — ש־ש־ש! און אין דער געוואָרענער שטילקייט האָט שוין בלויז באַך געברומט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער הייליקייט, און אַנטקעגן די טענער האָט האַנקע געטראָגן איר הערלעכן נאַקעטן גוף מיט אַ הייליקער ליידנשאַפט. איר קליין פּנים איז אינגאַנצן פאַרזונקען אין שאָטן פון דער פּאַפּאַכע אירער. עס האָט לאַנגזאַם געשוועבט אַ ריין־גאָלדיק לייב מיט חוצפּהדיקע קליינע שפּיציקע בריסטן, צעקריגטע, אָפּגעקערטע איינע פון דער אַנדערער. חוץ דער מוזיק האָבן נאָך גערעדט צום אויער האַנקעס באָרוועסע טריט איבערן טעפּיך. אירע באַוועגונגען זיינען געווען לייכט. אָבער דער דינער פּוס האָט שווער געדריקט דעם באָדן, דערציילנדיק וועגן

דער רייפקייט פון איר גרויסן גאָלדיקן לייב. אויך שווער האָט זי געאָטעמט, האַנקע. און עס האָט זיך געדוכט: זי וויינט, זי כליפּעט.

דער עולם איז נישט געווען אויף אַזוי פיל שיכור, ער זאָל נישט קאָנען באַמערקן די שיינע זייט פון האַנקעס שיכורער אימפּראָוויזאַציע. מען האָט זיך צוגעקוקט שווייגנדיק, כאָטש יעדער האָט געפילט, אַז אָט־אָט ברעכט אויס אַ געשריי.

אָבער האַנקע האָט אַליין קאַליע געמאַכט איר דרייסטן שפּיל. איר האָט זיך פּלוצלינג דער קאָפּ פאַרדרייט און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין טיש, נישט אומצופאַלן. ריטאָוו האָט געשפּילט ווי ער וואָלט מורא געהאַט איבערצורייסן, זיך אומצוקוקן.

דאַן האָט אים האַנקע אויסגעפונען מיט אירע פאַרשיכורטע אויגן, וואַקלדיק אַוועקגעשפּאַנט צו אים און אין איר גאַנצער שיכורער נאַקעטקייט און אין דער קאָנטאַטע האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעריסן איר הייזעריק־היסטערישער אויסגעשריי:

דו! דו, וויצעק, האָסט מיך אומגליקלעך געמאַכט!

זי איז אומגעפאַלן אויף דער אָטאָמאַנע, צווישן די דאַמען. און שפּירנדיק איר איינציקע נאַקעטקייט צווישן אַלע באַקליידעטע לייבער, האָט זי זיך געקנוילט און נעקאָרטשעט און היסטעריש געשריגן:

— מיידלעך! הערט מיידלעך! ער האָט דאָך מיך גענומען! ווי אַ גאַסן־פּרוי מיך גענומען! ווי אַ צויג! אָט אַזוי־אָ האָט ער זיך אַרויפגעוואָלגערט אויף מיר! איצט בין איך אַ נאַקעטע! איר זעט!

האַנקע האָט געוואָלט אויפשטיין און זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער פּאָדלאָגע. איר הייזעריקייט איז פאַרשוווּנדן. זי האָט געשריגן מיט אַ ריינער ברוסט־שטים:

— איך שפּיי אויף אייך! אַ נאַקעטע בין איך אין דער גאַס אַרויסגעלאָפן! אין סאַלאָן אויף דער אויסשטעלונג, אויף פּאָסט־קאַרטלעך בין איך אַ נאַקעטע אַריינגעלאָפן אין אַלע וואַרשעווער הייזער! אַנו, פּרווט איר אַזוי! אַ נאַקעטע! כאַ־כאַ־כאַ!

מען האָט זי שוין איינגעהילט אין אַ שאַל, געטומלט אַרום איר, געפּרוווט אַריינגיסן קאַלט וואַסער צווישן די פאַרהאַקטע ציין, לעאָן ברוינער, וואָס האָט זיך דער ערשטער אַ וואָרף געטאָן זי צו באַרואיקן איז אָפּגעטרעטן מיט אַ צעדראָפּעט פּנים.

דאַמען האָבן געקווטשעט און געגעבן עצות. ריטאָוו האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער פיסהאַרמאָניע און, אַ פאַרלוירענער, געצופּט דאָס בערדל. פון גרויס פאַרלוירנקייט האָט ער אפילו געפּרוּווט שמייכלען:

— זי... לייגט! ס'איז אַלץ אַן אָנשטעל אַזאַ... אַזאַ משוגעת ביי איר... אַלע, דוכט זיך איר, ווילן איר טאָן שלעכטס...

און ער האָט געשמייכלט.

שייקע האָט איצט געזוכט מיט די אויגן ביסטריצקין. וואָס וועט יענער עפּעס זאָגן צו דעם אַלעם? אָבער ביסטריצקי האָט זיך אינגאַנצן נישט אַריינגעמישט אין טומל. ער האָט געהאַט דאָס זייניקע צו טאָן. דאַראָטשקע האָט פּלוצלינג באַקומען אַן אַטאַק פון איר שווערער קרענק, וואָס מען האָט אויסבאַהאַלטן פאַר לייטן. זי איז פון גרויס אויפטרייסלונג איינגעשלאָפן אַ פאַרגליווערטן שלאָף, זיצנדיק אויף דער ערד, אין אַ ווינקל אַטעליע.

צווישן דער גאַנצער צערודערונג, שפּרייזנדיק אַן אויפגערעגטער אין די איצט געראַומיע ווינקלען פון אַטעליע און ווישנדיק מיט אַ טיכל די שמאַרצנדיקע ווונדן, וואָס האַנקע האָט אים אָנגעקראַצט אויפן פּנים, האָט לעאָן ברוינער באַמערקט ריטאָוון, ווי ער צופּט זיך דאָס בערדל און שמייכלט. ער שטייט, ווי צוגעקלעפּט צו דער פּיסהאַרמאָניע. מיט זיין גזשיוקע און בערדל, אַ צעשמייכלטער אין זיין אייגענער בושה און אומגליק, אַן אָנגעבויגענער איבער דער האַלב אָפּגעדעקטער האַנקען אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ריטאָוו אויסגעזען ווי אַן אומגליקלעכער סאַטיר.

לעאָנען האָט אַזש אין מוח אַ זעץ געטאָן: אַ טעמע פאַר אַ ראָמאַן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

לעאָן ברוינערן איז נישט באַשערט געווען צו לויפן גלייך מיט דער טעמע אַהיים און זיך צושמידן צום שרייב־טיש. די לאָדזשער פוטוריסטן האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג אונטן, ביים אַרויסגאַנג. מיט זיי איז אויך געשטאַנען דער מיזאַנטראָפּ מיט די שלעכטע ציגאַרן, לעווקאָווסקי מיט די שוואַרצע ברעמען און שייקע. ביי דער געהיימניספולער שיין פון פּאַרציי־טיקן לאָמטערן, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט און געוועלבטן קאָרידאָר האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג ווי אַהינצוטאָן די פּאָר שעה פון דער אויסגעוועפּטער נאַכט.

אָט איז לעאָן אויך. קומט, לעאָן, מיט אונדז.

— ווהין?

די פאַרצייטיקע געשמידטע טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ סקריפּ און זיי זיינען אַרויסגעפאַלן פון פינצטערן קאָרידאָר אויפן אַלטן מאַרק אַרויס. דער אַלטער מאַרק איז גרהאַ געווען. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטע, פאַרטונקלטע גראַוור.

לעאָן האָט נישט געפּועלט ביי זיך אָפּצושטיין פון דער קאָמפּאַניע. ס'איז דאָך געווען אַזוי נאַטירלעך אוועקצוטרייבן דעם קאַצניאַמער בציבור.

אלעמען האָט געדריקט די שווערע שטימונג, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעטראָגן פון דער הויך, פון אונטערן גלעזערנעם דאַך. מען האָט זיך אַזוי ווי אָפּגערעדט נישט צו רעדן וועגן דעם און לעאָן האָט מיט אַ שיכורלעכן חשד אַ טראַכט געטאָן, אַז מיט דער טעמע מוז מען זיך צוויילן, אַז נישט אים אַליין איז זי אַריין אין דער נאָז.

— אָבער וווהין גייען מיר?

— קומט, קומט... האָט קורץ קאָמאַנדירט דער לאָדזשער מיט די בערשטלעך.

— און געלט?

—אָט איז געלט! לעווקאָווסקי האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קאָמפּאַניע באַסקיסן, דעם יונגן, פאַרשעמטן מעצענאַט. ער איז געווען פאַרשעמט פון דעם גרויסן גליק, וואָס איז אים אויסגעפאַלן היינטיקע נאַכט. דער סקאַנדאַל ביי ריטאָוון האָט איבערגעשטיגן זיינע דערוואַרטונגען און באַסקיס האָט געפילט, אַז דער דאָזיקער סקאַנדאַל פאַרקניפּט אים, מאַכט אים פאַר אַ היימישן צווישן דער חברה קינסטלער.

דער אַלטער מאַרק האָט געדולדיק איבערגעוואַרט ביז די קליינע, צעהיצטע קאָמפּאַניע וועט אַריבער מיט איר געפילדער, כדי צו ענדיקן רואיק זיין פאַרטאָגיקן זיסן שלאָף. ווייט גיין האָט מען נישט באַדאַרפט. די צווייטע גאַס נאָכן מאַרק איז שוין געווען אַזאַ, אַז וווהין דו זאָלסט נישט ווענדן דעם בליק — שפּאַרט ער זיך איין אָדער אין דעם ווינקל פון אַ קאַשטשיאָל, אָדער אין אַ רויטן לאַמטערן. און די זייטיקע, נאָך שמעלערע געסלעך זיינען אויך געווען באַצירט מיט רויטע לאַמטערנעס. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין דער הויפּט־גאַס, ווי די כינעזישע מינדעריעריקע גאָסןפרווייען אין דער מאַמעס פאָלע.

דער לאָדזשער פוטוריסט איז געווען דער אָנפירער. ער האָט פאַרקירעוועט אין אַזאַ שמאָל געסלע, אַז מען האָט, דוכט זיך, געקאָנט אונטערשפּאַרן די מויערן מיטביידע אויסגעשטרעקטע הענט.

— שטילער, קינדער, דאָ קאָן מען נאָך כאַפּן מיט אַ מעסער אין זייט.

— און דו האָסט שוין געכאַפּט?

האָט פאַר אים געענטפערט זיין חבר, דער דיכטער מיט דער נאָז, געענטפערט מיט אַ זיפץ:

— יאָ, געכאַפּט... אָבער נישט אין זייט און נישט מיט אַ מעסער.

— ב־ר־ר!

לעאָן האָט געטראַכט וועגן זיין טעמע: ער האָט איינגעפונען, אַז אפילו די איצטיקע עקספּעדיציע אין די שמאָלע געסלעך מיט די רויטע לאַמ־

טערנעס קאָן מען אין דער טעמע אַריינפּלעכטן. און, בכלל, ווען מען זאָל האָבן אָפענע אויגן, איז די גאַנצעווירקלעכקייט איין שטיק ליטעראַטור. מען דאַרף נאָר זיין געשטימט צו קוקן אַרום זיך דורך... פּאַפּירענע בריִלן — אַ הערלעכע שטימונג!

— ש־שאַ, חברה!

דער לאָדזשער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פאַרהאַנגענעם פענצטער. שייקען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פענצטער איז פאַרהאַנגען מיט אַ פּרויען־העמד. און אָט האָט זיך אַ ברעג פון העמד אויפגעהויבן. זעט ער: צוויי אויגן מיט אַ באָרד. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך שטיל געעפנט די דערבייאיקע טיר און דער עולם האָט זיך אַריינגעשאָטן אין אַ פינצטערע קאַטאַקאָמבע. מען האָט זיך געהאַלטן איינער פאַרן אַנדערן, זיך אָפּגעטרעטן די פיס און פאַרשטיקט געלאַכט. אַלע האָבן געשוויגן, ווי צונויפגערעדט זיך, אַ בלעכערנער עמער איז אומגעפאַלן און קיינער האָט שוין נישט אויסגעמיטן זיך אָנצושטויסן אין אים מיטן פוס. עס האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן דאָס גרויס געלעכטער. האָט זיך געעפנט אַ ליכטיקע טיר און אַ באָרד האָט זיך געבעטן פון דאָרט רחמים.

— אָן געוואַלדן, מענטשן! איר וועט מיר אויפוועקן מיינע געסט!

— אַ געסט, געסט! — וואָס מאַכט מען עפּעס? וואָס האָסטו דאָרט אין קעשענע, מיין בלאָנדין?

שייקען האָט אַרומגעכאַפּט אַ בראָנעטקע מיט הייסע הענט און אַ היים לייב. ער וואָלט שווערן, אַז דאָס מיידל האָט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור. מיט דער הייסער באַק האָט זי זיך צו אים צוגעטוליעט.

— פאַרוואָס האָט מען דיך אַזוי לאַנג נישט געזען ביי אונדז?

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן. וואָס מאַכסטו עפּעס?

שייקע האָט דאָס מיידל געזען דאָס ערשטע מאָל פאַר זיין לעבן. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט צו זאָגן דעם אמת, וואָלט ער אָהער בכלל נישט אַריינגעקומען. ביי זיין גאַנצער צוואָרפנקייט האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין נאָענטע באַגעגעניש מיט אַ גאַסן־פרוי.

און אָט פאַרבינדט זי אים אַזוי היימיש דעם קראַוואַט, ווי נאָר אַ נאָענטע באַקאַנטע און ענטפערט אים אויף זיין פראַגע, וואָס זי מאַכט, מיט אַ ציניש ער פאַכמענישער פּשטות.

די איבעריקע חברה איז שוין אויך פאַרטיילט פאַרוויז מיט פאַרשלאָפענע מיידלעך, גראָבע און דאַרע, האַלב־נאַקעטע און אָנגעטועגע, ווי צום ניין שפּאַצירן.

ביים לאָדזשער מיט די בערשטלעך זיצן אַזש צוויי מיידלעך אויף די קני. לעאָן שמועסט זיך דורך מיט אַ קליין מיידל, וואָס אימיטירט מיט

איר אָנטאָן אַ גימנאַזיסטקע, אַ גימנאַזיסטקע מיט אַ פּנים פון אַ סאָלדאַט. און דער צימער איז אומהיימלעך־לאַנג, ווי אַ וואַגאָן. און עס פעלן בענקלעך, זיך אַוועקצוזעצן. מיט דער באָרד פערטראַקטירט דער לאָדזשער דיכטער מיט די נאַסע האָר, און דער פעטער שאָקלט צו מיטן קאָפּ און ציילט מיט די אויגן די פרישע געסט.

— נו, נו, מ'עט שוין קריגן, פאַר געלט קריגט מען. דריי פלעשער, פיר פלעשער, האָ? עכטן, עכטן! פון פוקערס וויינקעלער, וואָס מיינט איר עפּעס. צו מיר קומען אריין אָפיצירן!

און דער פעטער ציט אַרויף זיין קאַפּאָטע אויפן לאַנגן געקעסטלטן קאַפּטל אַרויף. ער וועט גיין באַזאָרגן וויין. שייקע האָט געפונען אַן אָרט צום זעצן זיך, אין ווינקל צימער, אויפן שלאָפבאַנק. דאָרט איז עפּעס אַ שוואַרץ קליין פּעקעלע געלעגן. ער האָט באַמערקט דאָס פּעקל ערשט דאַן, ווען די מיידלעך האָבן געמאַכט אַ קוויטשיקן גערוואַלט, פאַרוואָס ער זעצט זיך. זיין הייסע ברונעטקע האָט אויך געשריגן און אים געשלעפּט ביי דער האַנט פון שלאָפבאַנק. צום גליק האָט זיך נאָך שייקע נישט גע־האַט אַוועקגעזעצט. באַצייטנס זיך אומגעקוקט אויפן פּעקעלע.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ קינד! זעסט דען נישט?

אין פּעקל איז באמת געלעגן אַ קליין קינד, אין גאַנצן פון אַ וואָכן פינף־זעקס. געלעגן איינגעוויקלט אין שוואַרצן און רואיק געשלאָפן.

האָט איצט דער גאַנצער עולם נייגעריק אַרומגערינגלט די שלאָפ־באַנק, געקוקט אויפן קליינעם שלאָפנדיקן פּנימל. אַ קינד אויפן שלאָפ־באַנק אין אַ שאַנד־הויז.

שייקע, וואָס האָט זיך שיר נישט אַוועקגעזעצט אויף דעם, האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן דאָס שלאָפנדיקע קינד.

מיידלעך הינטער אים האָבן זיך צעלאַכט.

— וועמענס איז עס? — האָט עמעץ פון דער חברה געפרעגט.

— אונדזערס — האָבן די מיידלעך געענטפערט.

— אירס, האָט איינע אָנגעוויזן אויף שייקעס ברונעטקע.

זי האָט זיך געטוליעט צו אים מיט איר הייסן לייב און שייקע האָט פאַרשטאַנען, פאַוואָס זיין דאַמע האָט אַזאַ הויכע טעמפּעראַטור.

ער האָט זי אַרומגענומען ביי דער וואַרעמער טאַליע און זיך צוגע־דריקט צו איר הייסער באַק.

— לאַם־טאַ־דאַ־ריטאַם! — האָט דער לאָדזשער דיכטער זיך צעזונ־גען — וועלן מיר מאַכן אַ מזל־טוב.

און דער פעטער האָט געפינטלט מיט בלייענע אויגעלעך און זיך געבעטן.

— אָבער שטילער! — איר וועט מיר אויפוועקן מיינע געסט.

און פלוצלינג איז ער געוואָרן אינטים אָפנהאַרציק.

— וואָס זאָגט איר צו מיין אומגליק? — ער האָט אָנגעוויזן אויפן קינד אין פעקל — האָבן זיך איינגעשפּאַרט: האָדעווען דאָס קינד!

האָט זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט די אימיטירטע גימנאַזיסטקע מיטן שוואַרצן שערצל.

— פאַרוואָס נישט? און אַ קאַץ מעגט איר האַלטן, פעטער עוזר? און אַ קאַנאַריק? צוויי קאַנאַריקעס!

ביים פעטער עוזר האָט זיך אָנגעגאָסן דער קאַרק מיט בלוט און די בלייענע אייגעלעך זיינען פאַרלאָפן אונטערן שטערן.

— בהמה! וואָס פאַרגלייכסטו! דאָס איז דאָך אַ מענטש!

— כאַ־כאַ־כאַ! אויך מיר אַ מענטש! — האָבן געליאַרעמט די מיידלעך אַרום און מיט גרויס אייפערזיכט אָפגעטריבן איינע די אַנדערע פון שלאָפנדיקן קינד. יעדערע האָט עס געוואָלט אַ קוש טאָן.

אין אַ מינוט צען אַרום איז די גאַנצע קאָמפּאַניע געזעסן אין אַ באַזונדערן צימער ביי צוויי צוזאַמענגעשטעלטע טישלעך. שטולן האָבן געפעלט, איז מען געזעסן אויף די מיידלשע בעטן און פון דער וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט צוויי פּאָרטרעטן: דער קייזער מיט דער קייזערין.

דער פעטער עוזר אַליין האָט געעפנט די פלעשער וויין און אָנגעגאָסן אין טיי־גלעזער. ער האָט זיך געפילט מאָדנע היימיש מיט דער קאָמפּאַניע, ווי ער וואָלט זי אויפגענומען ביי זיך, אויף אַ היימישער שמחה. אַ פּאָר מיידלעך האָבן זיך באַצייטנס אויסגעטאָן און געזעסן ביי זייערע קאַוואַלערן אויף די קני אין איינע העמדער. אַ יידל מיט רויטע אויגן און מיט אַ קויש איז אויסגעוואַקסן אין צימער און פאַרגעלייגט קויפן שפּיגעלעך, קעמעלעך, שמעקעדיקע זייף. אַ צווייטער ייד, אין אַ געשטריקטן קאַמזויל און מיט אַ פּנים פון דער באָבע יאַכנע, האָט אַריינגעברענגט אַ גיטאַרע מיט נאָטן און זיך אָוועקגעזעצט גרימפּלען פון „שולמית".

דער לאָדזשער מיט די בערשטלעך האָט געהאַלטן אַ העברעישע דרשה מיט דער ספרדישער הברה. דער עולם האָט געלאַכט, די גיטאַרע האָט געשפּילט „התקוה", און איינע פון די מיידלעך, אַ צעהיצטע פון דעם וויין, האָט אויסגעשריגן צום לאָדזשער:

— דו ליגסט ווי אַ הונט! דו קאָנסט גאָר קיין העברעיש נישט. דו מאַכסט דעם אָנשטעל. האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט יאָ געקאָנט אַביסל און זי האָט טאַקע אמת געזאָגט. דער לאָדזשער פוטוריסט

האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן און פּונקט ווי ער האָט פריער אימיטירט די קלאַנגען פון אַ העברעישער דרשה, האָט ער איצט אָנגעהויבן רעדן ענגליש, ווי וואַסער, און קיין ענגליש האָט ער אויך נישט געקאָנט.

זיין חבר מיט די נאַסע האָר האָט אָנגעקלאַפּט מיטן בלייפעדער אין טיש, אַלס צייכן, אַז ער האָט געענדיקט שרייבן זיין אימפּראָוויזאַציע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען לעזן פון פּאַפּיר:

אַן אַלטער ליַז ברומט אוים אויף זיין גיטאַרע
דאָס שטילע ליד, דעם ניגון פון שולמית.
אין זומפּ פון טומאה, אויפן גאָלד פון טהרה
צעשמייכלט זיך אַ קינד פון זיבן מאַמעס.

און אַלע מאַמעס — יונגע ווייבער זיבן —
זיי שטרעקן אוים צום קינד די פולע בריסטן,
און ריינע מילך פון מוטערלעכער ליבע
באַשפּריצט די ווענט פון טומאה־זינד פּאַרמיסטיקט.

און ס׳ציטערן ביים ליַז די פינגער דאַרע,
דערוועקנדיק אַ קלאַנג פון זיין גיטאַרע,
באַוועגנדיק די האַרציקע שולמית,
צו זינגען פאַר דעם קינד פון זיבן מאַמעס.

— בראַוואָ! בראַוואָ! פאַר דעם נייעם וואַרשעווער בירגער!

— פאַר דיין קינד! — האָט שייקע פּשוט געזאָגט צו זיין הייסער דאַמע — און ער האָט אָפּגעזופּט פון גלאָז וויין. די שוואַרצע האָט זיך דאַנקבאַר געדריקט צו אים און זי האָט אים געשטערט. ער האָט געהאַלטן אין צייכענען דעם גיטאַריסט. אויף אַ ברעג טיש, אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

יענער האָט דאָס באַמערקט און זיך באַליידיקט.

— איך וויל נישט, יונגערמאַן! איר הערט? איך וויל נישט, איר זאָלט פון מיר מאַכן חוזק! אַרויסטראָגן מיין חרפּה פאַר דער וועלט! גענוג, אַז מען האָט איינמאָל פון מיר חוזק געמאַכט. האָט מען מיר כאָטש באַצאָלט ווי געהעריק.

דער אַלטער מיטן פּנים פון דער באָבע יאַכנע האָט געטרונקען און געוויינט. לעאָן איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל דערציילן, ווי אַזוי מען האָט פון אים חוזק געמאַכט און באַצאָלט פאַר דעם.

און די באָבע יאַכנע האָט געוויינט, געזופּט פון גלאָז און דערציילט:

אַמאָל איז ער יונג געווען. אַמאָל האָט ער געשפּילט ביי גאָלדפאַדענען אין בוקאַרעשט. אָבער רחלע האָט אים נישט געוואָלט: וואָס טויג איר אַ

בחור אַ קבצן? איז אַראָפּגעקומען קיין בוקאַרעשט אַ צירק מיט לייבן. לייענט ער אַן אַנאָנס: ווער עס נעמט זיך אונטער צו געבן קאָנצערט אין אַ לייבנשטייג, וועט קריגן גוט באַצאָלט. איז ער אַוועק צום דירעקטאָר. איז ער גרייט צו זינגען שולמית אין לייבנשטייג!

דריי מאָל האָט ער געזונגען און אָפּגעגעבן רחלען די שווערע געלטער, זאָל זי קלויבן, וועט ער אַנטלויפן מיט איר קיין אַמעריקע.

נאָכן פערטן קאָנצערט האָט ער שוין נישט געהאַט וועמען אָפּצוגעבן דאָס געלט.

רחלע האָט געהאַלטן, אַז זי האָט געגנוגנ. בעת ער האָט געזונגען ביי די לייבן איז זי אַנטלאָפן מיט אַ ציגיינער קיין סטאַמבול...

— אַזוי, אַ מעשה!

— לאָמיר טרינקען פאַר דער לײדנדיקער מענטשהייט!

— הוראַ! הוראַ!

— ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט...

— קינדער, מאַכט נישט קיין טומל, מיינע געסט וועלן זיך אויפּ־כאַפּן!... ווער פון אייך בלייבט שלאָפן?

— ווער שלאָפן? וואָס שלאָפן? ס'איז דאָך שוין טאָג!

— זאָל לעבן דער נייער טאָג!

# חבר באַלעבאָס

פון דער מאַשינען־אָפּטיילונג האָט אַריינגעטאַנצט דער חבר־באַלעבאָס. אַזוי האָבן די עלטערע אַרבעטער גערופן דעם פאַבריקאַנט פּאָדלאַסקי. ער איז געווען ברייט־פּלייציק און רירעוודיק. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ יונג יינגל, דאָס בערדל זיינס האָט אויסגעזען ווי צוגעקלעפּט, דער קאָפּ — נישט צוגעקעמט.

— האַ, ישראל? וואָס, ישראל? ס'וועט זיין ביי מיר אַ שטרייק? וואָס? ווי?

זיין יינגליש פּנים האָט געהאַט אַ שעמעוודיקן אויסדרוק, און,רעדנ־דיק, האָט ער די אויגן שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס, חבר־באַלעבאָס?

— פּטור, נו! איך וועל נישט וויסן! — מיינע האָט מיר געזאָגט.

מיר זיינען דאָך עפּעס שטיקלעך חברים... געוועזענע. וואָס הייסט? בײַ מיר וועט מען נישט שטרייקן!

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— ע, מעַ! כ'וועל נישט דערלאָזן. מ'עט דורכקומען. אַ רענדל אַרויף — אַ רענדל אַראָפּ, ווי זאָגט איר? כ'בין דאָך עפּעס נישט קיין הינטעראויוונדיקער...

אַ שעמעוודיק פּנים, צאַפּלדיקע אויגן־לעפּלעך — אַרויף און אַראָפּ, ווי ער וואָלט נישט קיין מוט געהאַט אַ מענטשן אין די אויגן צו קוקן, צעוואָרפענע, צעבראָכענע, נישט דערעדטע רייד און בײַ דעם אַלעם אַ זיכערער, כמעט שניידנדיקער טאָן.

ער האָט געהאַט אַ בריליאַנטענע טבע, דער חבר־באַלעבאָס, אשר פּאָדלאַסקי: ער האָט געקאָנט באַלאַנסירן. ער איז נישט געגאַנגען מיט קיין פעסטן, גלייכן טריט. ער האָט געטאַנצט, באַלאַנסירנדיק. ער האָט נישט גערעדט קיין פעסטע, גלייכע רייד. ער האָט אַזוי באַלאַנסירט, אַז אין יעדן פאַל זאָל אויסקומען דאָס גלייכגעוויכט אויף זיין זייט. פון יעדער ריזיקאַלישער פּאָזיציע פלעגט ער אויסבאַלאַנסירן פאַר זיך דעם מאַקסימום נוצן. אפילו זיין יינגליש אויסזען און זיין שעמעוודיק פּנים האָבן אים געדינט. מיט סוחרים האָט ער זיך געהאַלטן מעשה יינגל, וואָס מען דאַרף פאַר אים קיין סודות נישט האָבן און מען דאַרף זיך נישט היטן פאַר אים. און אין דער נוטיקער מינוט פלעגט ער אַזוי אַ דריי טאָן, אַז די באַנאַרישטע סוחרים פלעגן האָבן צו זינגען און צו זאָגן.

בײַ זיינע אַרבעטער האָט ער אויסגענוצט די פּאָזיציע פון חבר־באַלעבאָס. ער איז אין דער אמתן נישט געווען קליינלעך, נישט געהאַלטן פון דעם כלל, אַז אַ פאַרמעגן קאָן מען מאַכן פון נידעריקע לוינען. אַ פאַרמעגן, פלעגט ער טענהן, קאָן מען מאַכן בלויז פון פאַנטאַזיע. ווער עס האָט אַ ברייטערן פאַרנעם, דער מאַכט אַ גרעסערן כאַפּ. און עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז נישט אַזוי דעם כאַפּ איז ער אויסן, ווי דעם פּראָצעס פון מאַכן אַ כאַפּ. געלט, ווען ער האָט עס געהאַט, האָט בײַם חבר־באַלעבאָס קיין ראָל נישט געשפּילט. מיט געלט פלעגט ער זיך וואַרפן.

די גרעסטע ראָל האָט אָבער בײַ אים געשפּילט אַ וואָרט. מיט אַ וואָרט איז ער געווען אָפּגעהיט. אַזוי ווי אין פאַנטאָן־שפּיל פלעגט מען בײַ אים די ווערטער יאָ און ניין קיינמאָל נישט קאָנען אַרויסבאַקומען. אַלע מאָל האָט ער זיך דורכגעגליטשט צווישן יאָ און ניין. און, נישט געבנדיק קיינעם קיין וואָרט, פלעגט ער במילא בלייבן אַ וואָרטס־מאַן. איז טאַקע געווען שווער צו טרעפן, צי איז דער חבר־באַלעבאָס אַן ערלעכער מענטש, צי איז ער דער גרעסטער אַפעריסט פון די נאַלעווקעס.

די שטרייק־טעמע האָט דער חבר־באַלעבאָס שוין איצט געהאַלטן פאַר אויסגעשעפּט. ביי אַ געלעגנהייט וועט ער קאָנען זאָגן, אַז מיט ישראלן האָט ער שוין איבערגערעדט, כמעט זיך אויסגעגלייכט. איז ער אַריבער־געשפּרונגען צו אַ צווייטער טעמע, וואָס האָט, דוכט זיך, אַרויסגעברויזט פון אים צוליב זיין יינגלשער אָפּנהאַרציקייט.

— איר ווייסט, ישראל? דער פעטער מיינער קומט צופאָרן. ווי איך בין אַ ייד! האַ? וואָס? טאַקע בכבודו ובעצמו, פאָדלאַסקי בערל, פון די גרויסע מאַיאָנטקעס. איך וויל אים צורעדן, ער זאָל אַריין אין געשעפט. ווי מיינט איר? ס'וועט גיין? מירן אָנדרייען אַ געשעפט, אַז בענק וועלן טרעשטשען. זאָג איך אייך! מירן אָנשפּאַרן קיין סטאַמבול, קיין יאַוואַ, קיין יאַפּאַן און ווו נישט? אָבער, קודם — אַ נייע פאַבריק בויען. איך האָב שוין אַ פּלאַץ. אַ פאַבריק, אַ ליכטיקע, אַ גרויסע, אַ באַקוועמע, אַ הי־גיענישע, ווי דען? דאָס איז דאָך אַ לאַך ,אַ הקדש איז דאָ. איך ווייס דען נישט, אַז מען טאָר דאָ נישט אַרבעטן? אידע זאָגט אויך אַזוי?

זיין העכסטע אינסטאַנץ איז געווען אידע. אָט דאָס יינגל מיטן בערדל איז געווען אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון צוויי קינדער. און, אויב ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס צו פאַרבלייבן ביי זיינע יינגלשע גענג — איז דאָס געווען בלויז זיין ווייב אידען צו פאַרדאַנקען, ווייל די אמתדיקע מיושבדיקע סוחרטע איז זי געווען. דער חבר־באַלעבאָס מיט זיינע ברייטע פאַנטאַזיעס האָט זיך געריסן אין דער לופטן, ווי אַ באַלאָן אויפן ווינט, און ווי אַ באַלאָן פאַרן שטריקל האָט אידעס מיושבדיקע פעס־טע האַנט געהאַלטן דעם פליענדיקן מאַן אירן און געהאַמוועט זיינע דרייסטע פאַנטאַזיעס. און אַפילו פון דער דאָזיקער באַגרענעצונג האָט זיך פאָדלאַסקי געקליגט אויסצובאַלאַנסירן אַ שטיקל נוצן פאַר זיך. עס זיינען געווען פאַלן, ווען עס האָט פשוט געלוינט צום געשעפט.

— איך — מיטן גאַנצן האַרצן! אָבער אידע לאָזט נישט...

פאַר ישראלן איז קיין נייעס נישט געווען, אַז פאָדלאַסקי זאָל זיך מיט אים, אָדער מיט אַנדערע עלטערע אַרבעטער אָן עצה האַלטן אין די אָנגעלעגנהייטן פון פאַבריק, אָדער אין מיטן דער אַרבעט זאָל ער פונקט קומען מיט אַ היימיש' שטיקל נייעס. דערפאַר האָט מען אים דאָך טאַקע געקרוינט מיטן נאָמען חבר־באַלעבאָס. אין די פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן פון די פאָדלאַסקיס זיינען די אַרבעטער געווען אַ היפּש ביסל באַהאַוונט.

ישראל איז גאָרנישט נתפּעל געוואָרן פון חבר־באַלעבאָס פּראָיעקטן אַריינצוציען דעם רייכן פעטער אין געשעפט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר פּוסטע פאַנטאַזיעס.

— אויף וויפל איך האָב געהערט פון אייער פעטער, פאַני פּאָדלאַסקי, איז ער נישט פון די מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַזוי לייכט אַריינציען אין מסחר. ער וועט זיך אויסלאַכן פון אַלע אייערע פּראָיעקטן. איר וועט שוין זען.

— האַ, וואָס? אויסלאַכן זיך גאָר? פון וואַנען ווייסט איר?

— איך בין מיך משער.

— נו, גוט, וועלן מיר שוין זען. ס'געהערט? אויסלאַכן זיך! וואָס איז דאָס געלעכטער? און פּוילישע פּריצים בויען דען קיין פאַבריקן נישט, וואָס? שאַ, אָט גייט דער טאַטע, לאָמיר ביים טאַטן פרעגן.

עס איז אַריין אַ ייד, אַ לאַנג־געקליידעטער, אין אַן עלעגאַנטער געהאַקטער קאַפּאָטע און גלאַנצנדיקע שטיוועלעך. ער האָט געהאַלטן אין פונאַנדערקעמען זיין קופּערנע באָרד.

— טאַטע, הער, וואָס ישראל זאָגט. טאַטע! ער זאָגט, אַז דער פעטער בער וועט נישט קומען!

פּאָדלאַסקי האָט גערעדט מיט דעם נאַיוון יינגלשן טאָן, ווי פאַרמסרט אַ חבר פאַרן רבין.

דער טאַטע האָט זיך אַ קנייטש געטאָן און אַ פּאַטש מיט די ליפּן:

— אַ, וואָס? וואָס באַדאַרפסטו פּויקן, וואָס? וואָס מאַכסטו דעם טראַסק, וואָס? וועט ער יאָ קומען, בערל, וועט ער נישט קומען. בדלות בין איך!

דער טאַטע האָט געהאַט גאָר אַ דעקאָראַטיוון אויסזען. אַ באָרד, אַ בייכל און אַ שניט־דאָק מיט אַ טאַליע. אָבער אין געשעפט האָט ער געהאַט די קלענסטע דעה. ער האָט אַליין אָנערקענט, אַז דאָס זיינדל, אַשרקע, שטייגט אים צען מאָל איבער אין סוחרישע פעיקייטן, און אַז די שנור האַלט די מזל־ברכה אין אָרענדע. אָבער פאַר לייטן האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז דאָ באַלעבאָס און אַז אָשרקען דאַרף מען אויסשייגעצן פאַר זיינע יינגלשע שטיק.

— שעמען האָסטו דיך געמעגט, דו פּויקער, דו! זע נאָר, זע, אַ טאַטע פון צוויי קינדער איז דאָס! אַ גדולה אויף אים, דער פעטער בערל קומט צו פאָרן!

דער טאַטע פּאָדלאַסקי האָט אַראָפּגענומען דעם קאַשקעט און גענומען זיך ווישן דעם ראָזן פאַרשוויצטן פּליך מיט אַ הימל־בלויי טיכעלע.

— אי, אַ הייז אַביסל! דו זאָג מיר בעסער, ישראלקע, ווען דאַרף דאָס ווייבל דיינס געלעגן ווערן, ווען דאַרפן מיר זיך גרייטן אויף אַ ברית, האַ?

—מען וועט אייך שוין אָנזאָגן, ר' יונה!

— נו, גוט, גוט! ביסט א כוואט, ישראלקע! — און דער אַלטער האָט ישראלן מכבד געווען מיט אַ גוט־ברודערישן קיצל אין זייט — מען זאָגט דאָך, אַז דו רעדסט אויף די פאַרזאַמלונגען, ציטערן די ווענט. ווען וועסטו שוין אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, ווען?

— איר וועט שוין וויסן, ר' יונה. מען וועט שיקן איטשע דעם שמש אייך אָנזאָגן...

— אַזוי? כאַ־כאַ־כאַ! נו, קום אָשר, קום אין קאַנטאָר אַריין. איך האָב עפּעס מיט דיר איבערצורעדן.

און צום לערן־ייִנגל, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אַרום די צעוואָרפענע בינט וואָל, כדי זיי צו ברענגען אין אָרדענונג, האָט דער אַלטער פּאָדלאַסקי זיך געווענדעט מיט אַ שטרענגען פּנים:

— וואָס טרעטסטו אויף סחורה, וואָס? עס קאָסט דיר קיין געלט נישט? אָ, יונגע, יונגע! אָפּגעלאָזט די לייצעס און גאָר!

ווען דער טאַטע מיטן זון זיינען געאָרעמט דורכגעגאַנגען דורך אַלע פיר ריזיקע צימערן פון פאַבריק, כדי צו קומען אין דער קאַנטאָר אַריין, האָבן אַרבעטער זיי נאָכגעקוקט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

— לצים!

און איינער, אַן אַלטער מאַשיניסט, האָט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויגל.

— שדימלעך!

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אין אונדזער געגנט רופט מען אַלע פּאָדלאַסקים: שדימלעך.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער זייגער אויפן אַלטן קאַשטשיאַל־טורעם האָט געקלונגען צוועלף און ישראל האָט זיך צוגעאיילט. די פּאָדלאַסקים האָבן געוווינט ווייט. אין די פּריציִשע אַלעען. דער חבר־באַלעבאָס האָט זיך די האָר פון קאָפּ געריסן, וואָס עס קומט אים אויס צו פאָרן אַזאַ וויטעניש. אין הארצן איז ער אָבער צופרידן געווען, וואָס ער וווינט צווישן פּריצים. און געווען איז דאָס אידעם אויפטו. צוליב די קינדער — האָט זי געזאָגט — מוז זי וווינען אויף אַ גאַס מיט אַ ריינער לופט. שווער צו פאַרשטיין, וואָס האָט די דאָזיקע מזלדיקע פאַבריקאַנטן־פּאָר באַוויזן צו פאַרענטפערן זיך פאַר די אַרבעטער מיט זייער וווינונג אויף אַ רייכער גאַס. ווייזט אויס, אַז מיטן געוויסן האָבן זיי נאָך געשטעקט אין דער יידישער אָרעמקייט. מען האָט לעצטנס אין פאַבריק זיך געריכט אויף אַ שטרייק. ישראל, מינע און זלמן־קיווע האָבן דאָס געדאַרפט קומען מיט פאָדערונגען אין נאָמען

פון די ארבעטער. איז אַנשטאָט אַ שטרייק גאָר אויסגעוואַקסן אַ גוט לעבן. דער חבר־באַלעבאָס האָט מיט גאָר אַ קליינער דינגעניש נאָכגעגעבן די פאָדערונגען און פאַרבעטן די דריי ארבעטער אויף שבת צו מיטאָג. אויף זיין יינגלשן פּנים איז געווען צעגאָסן אַ ליכטיקער סוד און ער האָט אים לאַנג נישט געקאָנט איינהאַלטן.

איז פאַר די ארבעטער געוואָרן פאַרשטענדלעך, צוליב וואָס מען רופט זיי. מען דאַרף זיי פאַר אַ דעקאָראַציע ביים טיש, ווו עס וועט זיצן דער משונהדיקער פעטער בערל, דער רעוואָלוציאָנער מיט מאַיאָנטקעס. און אפשר דאַרף מען דאָס צוליב געשעפט? ס'איז געווען אין דער הייסער מינוט, ווען מען איז דורכגעקומען מיט די פאָדערונגען און אָפּזאָגן זיך פון דער איינלאַדונג וואָלט געווען ממש נישט העפלעך. דער חבר־באַלעבאָס האָט עס אין דעם מאָמענט נישט פאַרדינט.

ישראל האָט אַ קליין ביסעלע פאַרשפּעטיקט אויף די אַלעען. ער האָט אָנגעקלונגען און אין אַ רגע ארום האָט די טיר אָנגעהויבן ברומען און שווער און שטיל זיך אַליין געעפנט.

אויבן האָט אַ פרייליין אין אַ ווייסן שערץ צוגענומען ביי אים דעם הוט מיטן שטעקן. אַ געדיכטער געברום פון שטימען האָט דערלאַנגט פון אַ זייטיקער טיר. אין עס־צימער האָט ער געטראָפן אַ גאַנצן ערב־רב.

דאָ זיינען געווען סוחרים לאַנג־געקליידעטע, אָן היטלען און אין היט־לען, מיט פּליכן און הדרת־פּנימער. דאָ זיינען געווען עטלעכע ליטווישע סוחרים, טייל ראזירטע, ווי די אקטיאָרן, און טייל מיט אַן אויסזען פון פאַרזעסענע ישיבה־בחורים. דאָקטאָר לינדע מיט עטלעכע שיטערע הערעלעך און מיט אַ באַברילטער רויטער נאָז. דאָקטער בריסקער מיט אַ דעקאָראַטיוו גרויען קאָפּ, ווי מיט אַ זילבערנער קאַסקע ארום דעם לײמענעם פּנים. דאָ איז אויך געווען דער אדוואָקאַט יאַקובסאָן, דער שייניקער, מיטן גע־שניצטן נעזל און געשליפענע ליפּן — ווי אַ פאַרצעלייענער, און אַן אַלטער, פאַרדייטשטער אקטיאָר איז געזעסן און געדרשנט. דער אקטיאָר האָט גע־האַט אַזאַ שפּיציקע קין, אַז אין פּראָפיל האָט ער אויסגעזען, ווי מיט צוויי נעזער איינע אונטער דער אַנדערער. און צווישן דעם דאָזיקן עולם האָט זיך ארומגעדרייט זלמן־קיווע, דער אַלטער פּ. פּ. ס.ניק מיט זיין באַקאַלבט מלמדיש בערדל און מיט אַן עכט־גוישער אונטערגעשווירענער פּאַלקע און ער האָט נישט געהאַט ווי אַהין צו טאָן זיינע גרויסע ידים, כאָטש די קע־שענעם פון זיין שבתדיקע מארינאַרקע זיינען געווען אָפּגעשטאַנען ברייט און זיך געבעטן: פאַרפאָרט צו אונדז!

ישראל האָט זיך אריינגעקוועטשט אין ענגען רעדל, וואָס האָט ארומ־געריננלט דעם גאַסט, דעם פעטער בערל. ענדלעך זעט ער אים פאַר זיך,

דעם לעגענדארישן פעטער, דעם רעוואָלוציאָנער מיט די מאַיאָנטקעס! אָט ווי אזא אויגער זעט אויס!

א הויכער, רונדער שטערן, צארט־ווייס — און דאָס פּנים — טונקל־אָפּגעברענט. אַ שוואַרצע הערצל־בערד און אַ ברייט ווייס רוסיש העמד מיט א לעדערנעם גארטל און מיט קעשענעס. א פּאָר הויכע, עלעגאַנטע ברוינע שטיוול מיט שטיפּע כּאָלוועס. די פיס האָט ער פונאנדערגע־שטעלט ברייטלעך, ווי נישט אויף אַ טעפּיך שטייט ער, נאָר אינמיטן פעלד. ער האַלט א גראָבן ציגאַר צווישן די פינגער און פון צייט צו צייט פאַר־ציט ער זיך. און, צוזאַמען מיטן רויטן־ציגאַר־פייערל צינדן זיך אָן צוויי רויטע פינטעלעך אונטער זיינע צוזאמענגעוואַקסענע ברעמען, ווו ס'איז אַזוי פינצטער. ער הערט זיך צו צו דעם וויכוח, וואָס דער דאָקטער ברים־קער מיט דער זילבערנער קאָסקע פירט מיט אַן אויסגעפּאַשעטן ליטוואַק, דער ליטוואַק האָט אַליין אַ פּנים פון אַ דאָקטער, אָדער אַן אַקטיאָר. איזן — איז ער אַ געריבענער רייזנדער מיט א געשליפן צינגל. ער לאָזט במעט דעם דאָקטער צום וואָרט נישט קומען און וואַרפט אויגן צום שמייכלענ־דיקן, געלאַסענעם פעטער בערל, ער וויל אים אריינציען אין וויכוח. אָבער דער פעטער בערל לאָזט זיך נישט אַריינציען און דער ליטוואַק קאָכט זיך.

— פרעגט מיך, דאָקטער! איך בין אַ רייזנדער מיט אַן אַלטן מאַגנ־קאַטאַר. איך ווייס אַלע וועגן און איך קען אַלע מערק. פון טאַמאַשעוו ביז קאַמטשאַטקע. יידן האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פאַרן עקאָנאָמישן באָיקאָט, די וועלט איז פאַר זיי אָפן. בפרט אין אַזאַ בראַנזשע, וואָס האָט נאָך זיך אַליין נישט באַגראָבן. אָט נעמט, צום ביישפּיל, טריקאָטאַזש. ווו איז דאָס אַשר פּאָלדאַסקי, דער פאַבריקאַנט אונדזערער? ער איז דאָך אַ גאון אין דער דאָזיקער בראַנזשע. אַזאַ מענטשן מיט געהעריקע קאַפּיטאַלן קען דאָך... ווו איז ער אָקאָרשט? ברענגט אים נאָר אַהער!

אָבער דער חבר־באַלעבאָס איז אַזוי ווי אויסגערונען. ישראל האָט אים שפּעטער באַמערקט הינטער דער טיר. אין צווייטן צימער. דאָרט האָט אים אַ היגער פעטער, דער פעטער עוזר, אויך אַ טריקאָטאַזש־פּאַב־ריקאַנט, געהאַלטן ביי דער קלאַפּע און אין אים אַריינגעטענהט.

— זאָג איך דיר אַשרקע, זאָלסט מיטן משוגענעם פעטער בערל דיי־נעם זיך אין קיין עסקים נישט אַריינלאָזן. וועסט בדיל־הדל ווערן! ער איז דאָך אַ סאָציאַליסט, רחמנא־ליצלן! וועסט אָנשפּאַרן קיין סיביר, געדענק מיין וואָרט. און דער חבר־באַלעבאָס האָט זיך געלאָזט טרייסלען ביי דער קלאַפּע און פאַרשעמט געקוקט אַראָפּ און געשמייכלט. אַז דער פעטער עוזר ווישליצער ציטערט פאַר קאָנקורענץ און האָט אַליין מורא בדיל־הדל צו ווערן — דאָס איז אים קלאָר פון לאַנג. אייגנטלעך, האָט ער אַליין געמאַכט,

אז דער פעטער זאָל אים נישט אָפּלאָזן און טרייסלען ביי דער קלאַפּע. דאָס האָלט ער גאָר צו דעם פעטער עוזר, אַז יענער זאָל זיך נישט אַריינ־מישן דאָרט אין וויכוח. געגוג, אַז דער פעטער עוזר האָט אָנגעשטעלט פון זיין צד דעם דעקאָראַטיוון דאָקטער בריסקער. דערפאַר איז אָבער פון אַשרס צד דער ליטוואַק מיט אַ פּיסק... גוט אַזוי, זאָל ער אים האַלטן ביי דער קלאַפּע.

און דער פעטער עוזר איז צופרידן, וואָס זיינע רייד האָבן אַ וויר־קונג. אָט שטייט ער, אַשרקע, ווי אַ יינגל און שעמט זיך אים גלייך אין די אויגן צו קוקן. און פעטער עוזר. גלייכט זיך אויס, ווי אַ דראַגון. ער איז אַ הויכער, מיט גלייכע פּלייצעס. און פעטער עוזר בערשט זיך זיין שטרויען פּריציש בערדל מיט דער דלאָניע אויף צוויי העלפטן. אַ חוץ דער שטייפקייט פון אַ דראַגון, אַ חוץ אַ פּריציש בערדל האָט פעטער עוזר נאָך אַ מעלה: ער איז אַ דעמאָנסטראַטיווער אָרטאָדאָקס און טראָגט אַן אכט־קאַנטיק זיידן קאַפּל אויפן מוח. וואָס צו גאָט איז צו גאָט, וואָס צו לייט איז צו לייט.

דער חבר באַלעבאָס האָט באַמערקט ישראלן ביי דער טיר און זיך שטאַרק דערפרייט.

— גוט שבת, ישראל, גוט שבת אייך! איר זענט שוין לאַנג דאָ? האָט קיין פאַריבל נישט, מיר האָבן זיך פאַרשמועסט. באַלד גייט מען צום טיש.

ער האָט זיך העפלעך אַרויסגעכאַפּט פון פעטער עוזרס אַפּוטרופּסות, אַרויפגעלייגט ישראלן אַ האַנט אויפן אַקסל, גאָר מעשה חבר, און גע־פרעגט בסוד:

— געפעלט אייך פעטער בערל? דער אמתער אָריגינאַל, האַ?

— יאָ, זיין הילוך...

— כאַ־כאַ־כאַ! ער שעמט זיך נישט, וואָס? ער פייפט אויף דער וועלט! דאָס איז ער ערשט מיט אַ שעה צוריק אָראָפּגעקומען. זיין באַגאַזש, האָט מען נאָך נישט געבראַכט. נו, קומט צום טיש, אידע רופט.

אידען האָט ישראל געזען אַ פּאָר מאָל דורכלויפן. זי איז געווען פאַר־באַלעבאַטעוועט, צעהיצט, דענערווירט און צעשמייכלט. אָבער אין איר באַנעמונג צו די געסט, די זעלבע צוריקגעהאַלטענע, אויסגערעכנטע, טאַק־טישע באַלעבאָסטע, וועלכע ער האָט געקאָנט פון דער פאַבריק. קיינעם נישט פאַרזען. פאַר יעדן אַ וואָרט, אַ שמייכל, אַ נויג מיטן קאָפּ, פאַרביי־לויפנדיק, צו דער ריכטיקער צייט.

אויב מיטן באַלעבאָס האָט זיך ישראל געקאָנט פאַרהאַלטן אויסערלעך מעשה גוטער־ברידער, האָט ער זיך אָבער געהאַלטן פון דער וווייטן פון אידען.

ער האָט קיין שום צוטרוי נישט געהאַט צו דער דאָזיקער קלוגער פרוי, וואָס איר טאַקטישקייט און קאַלטבלוט זיינען געווען אין סתירה צו איר ברייט־אָפענעם און ליידנשאַפטלעכן פנים. זי האָט געהאַט אַ הוט פון ציגל־קאָליר, ווי ער וואָלט זיך אָנגעהיצט ביי אַן אָפענעם אויוון, אָדער ווי אויף אים וואָלט געפאַלן דער אָפשיין פון אַ זוניקער ציגלנער וואַנט. און אַן אויס־דרוק האָט זי מיט זיך געטראָגן, ווי זי וואָלט נאָר וואָס מיט עמעצן זיך צעקריגט. און מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק פלעגט זי קאָנען אַריינזאָגן די פיינסטע הערלעכקייטן. ישראל האָט שוין לאַנג ביי זיך באַשלאָסן, אַז אידע איז אַ פאַלשער מענטש און קיין זאַך, וואָס זי רעדט, מיינט זי נישט. איין זאַך האָט ישראל נישט געקאָנט באַגרייפן: פון וואַנען נעמען זיך צו דער דאָזיקער הארטער, פאַלשער פרוי אַזעלכע דינע, זיידענע, צעשטויבטע האָר? די האָר זיינען געווען ווי פון אַן אַנדערן מענטש, אָפּגעהאַרציק־קאַפּריזנע, צעפלויגענע. אַרום איר קאָפּ האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן אַ זוניקער כאַאָס, וואָס האָט געקאָנט אונטערקויפן, מאַכן זי אין לייטנס אויגן מילד און סימפּאַטיש, און איר אַרט פאַריכטן די האָר מיט דער האַנט איז אויך געווען אַ מילדער און אַ סימפּאַטישער, ווי זי וואָלט זיך אַנטשולדיקט אַ־הער געלאַכט איבער זיך אַליין:

— איר זעט, סאַראַ צעוואָרפענע איך בין?

אפילו באַרן טיש־באַזעצטן טיש האָט זיך אידע אַרויסגעהאָלפן מיט דעם דאָזיקן זשעסט. זי האָט געהאַט צו דיריגירן מיט אַ היפּשן כאָר. מיט דער דינערשאַפט איז זי אויסגעקומען בלויז מיטן בליק און מיט אַ פּאָר האַלבע ווערטער אויף אַ נידעריקער אָקטאַווע. מאכלים און משקאות האָבן זיך געטוישט צו דער ריכטיקער מינוט. מיט די געסט איז געווען אַ ביסל שווערלעך. גיי, רייס איבער די דיסקוסיע ביי מינען מיטן אַדוואָ־קאַט, אָדער ביי דעם פריידענקער דאָקטער לינדע מיטן אָרטאָדאָקסישן פעטער עוזר.

אידע איז בייז געווען, וואָס איר מאַן האָט צוליבן פעטער צונויפגע־נומען אַזאַ משונהדיקע קאָמפּאַניע. זי האָט אָבער געלאָזן געשמייכלט.

— עסט, מיינע פריינט, ס'וועט זיך אָפּקילן וועט איר קיין הנאה נישט האָבן!

— דאָקטער! צו אייך רעד איך, דאָקטער! פעטער עוזר!

און דערוויייל כאַפּט זי אַ קוק פאַרזאָרגט און צעשמייכלט צום גאַסט, צום פעטער בערל, צי פעלט אים נישט וואָס?

מיטן פעטער בערל האָט זי געקאָנט זיין צופרידן. ער האָט סיסטעמאַ־טיש געקייט, סיסטעמאַטיש געטרונקען און געריכערט ביים טיש. און זיין

איינציקע זאָרג איז, דוכט זיך, געווען, אז דער אַש פון זיין ציגאַר זאָל זיך האַלטן וואָס לענגער, נישט אַראָפּפאַלן. אין די געשפּרעכן אַרום טיש האָט ער זיך אויך איצט נישט געמישט, נאָר אָנטיילגענומען אין זיי מיט די אויגן.

און אָט איז ער גאָר אויפגעשטאַנען, דער פעטער בערל. אויסגעטרונקען א האַלבע גלאָז ווייַן, א קוק געטאָן אויף זיין גאָלדן בראַסלעט־זייגערל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין פויערישן אַרבל פון זיין העמדל, און פאַרצויגן זיך מיטן ציגאַר, אַרויסגעלאָזט דעם רויך אין דער ריכטונג פון פעטער עוזרס אָרטאָדאָקסישע יאַרמולקע.

אַרום טיש איז געוואָרן שטיל, מען האָט געמיינט, דער גאַסט גיי־ האַלטן א ספּיטש.

דער גאַסט האָט באַוויליקט צו זאָגן:

— מיינע הערן, האָט קיין פאַריבל נישט. איך בין מיד פון ווע־ איך גיי זיך ליינן שלאָפן.

און ער האָט לאַנגזאַם פאַרקערעוועט זיינע ברייטע, בערישע פּלייצעס און אין די הויכע שטיוול אַוועקגעשפּאַנט איבערן גלאַנציקן פּאַרקעט. די געסט האָבן נאָר געהאַט די זכיה צו זען, אז זיין העמדל איז געשטוקעוועט. א גלאַטע פּלייצע און, נידעריקער, אין פעלדלעך. אַזעלכע העמדער פלעגט טראָגן לעוו טאָלסטאָי.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער חבר־באַלעבאָס האָט דאַנקענדיק נאָכגעטאָנצט יעדערן פון די געסט, וואָס האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעצויגן. ער האָט אויך נאָכגעטאַנצט זיינע דריי אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען, ווי אַפּגעשמועסטערהייט.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך זייער, אין מיין נאָמען, אין אידעס נאָמען... אָט אַזוי חבריש, היימיש... איך דאַנק אייך נאָך אַמאָל. און אויפן פעטער דאַרפט איר נישט קיין פאַריבל האָבן. א מענטש פון ווע־ מיד...

אונטן האָבן זיי נאָך געדאַרפט וואַרטן ביז די טיר האָט זיך עלעקטריש צעברומט און דאַן זיך געעפנט. האָבן זיי א שפּאַר געטאָן אַלע מיטאַמאָל, ווי אויס מורא צו פאַרבלייבן הינטערשטעליק. מינע מיט ישראלן זיינען צום ערשטן מאָל געווען אין אַזאַ חברישער נאָענטקייט, צום ערשטן מאָל געהאַט גלייכצייטיק דאָס אייגענע געפיל, — דאָס איז געווען א געפיל פון באַליידיקונג און קאָמפּראָמיטאַציע. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט —ביידע מיט רויטע פּנימער — און זיך צעלאַכט אין מיטן דער גאַס. און

דער אַלטער מאַשיניסט זלמן־קיווע האָט אַ קעם געטאָן מיט די פינגער דאָס באַקאַלכט בערדל פון אונטן אַרויף און געזאָגט פילאָזאָפיש:

— מילא, אַז דער מיליאָנשטשיק איז אַ כלב־שבכלבים איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אָבער וואָס האָבן מיר זיך דאָס האַרץ אָפּצועסן, האַ?

מינע מיט ישראלן האָבן זיך צעלאַכט. אָבער באַלד האָט דאָס געלעכטער זיך אָנגעבראָכן. מען איז אַוועק שווייגנדיקע.

צוזאַמענגערופן מענטשן, כדי צו ווייזן זיי דעם רוקן! דאָס קאָן זיך דערלויבן אַ משוגענער מיליאָנער! געוויס זיינען זיי קאָמפּראָמיטירט אַלע!

און זלמן־קיווע זאָגט אַרויס אינדערהויך אַלעמענס געדאַנק.

— זאָלט איר וויסן, קינדער, מיין פּוס וועט מער די דאָזיקע שוועל נישט אַריבערטרעטן. זאָל ער זיך אויפהענגען מיט זיין פעטער אייניקעם, דער חבר־באַלעבאָס!

ישראל אַליין איז אויך געווען טיף דערשלאָגן. שוין אָפּגערעדט פון דער קאָמפּראָמיטאַציע. אַן אילוזיע איז אים צעבראָכן געוואָרן. ער האָט געמוזט, נעבעך, מודה זיין, אַז אַ היפּשע צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ משונהדיקער פאַנטאַזיע וועגן אַ קאַפּיטאַליסט־אידעאַליסט, וועלכער קאָן אין דער באַוועגונג אַזוי נוצלעך זיין...

אָט אַזוי זעט ער אויס, דער אידעאַליסט, וואָס זיינע הויכע שטיוול קאָסטן מער, ווי דער טייערסטער אָנצוג. און דאָס זייגערל אויפן גאָלדענעם בראַסלעט אין דעם טעאַטראַליש־פויערשן אָרבל!...

— דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל! האָט ער געטראַכט וועגן זיין היינטיקן וויזיט.

אָבער אַ מענטש קאָן נישט איבערטראַכטן.

גרויס איז געווען זיין שטוינונג, ווען אויף מאָרגן האָט דער חבר־באַלעבאָס אַריינגעטאַנצט אין דער פאַבריק אַ יום־טובדיקער און געהיימ־נישפול גענומען עפּעס שלעפּן פון די קעשענעס. ער האָט געשלעפּט און פאַרטיילט דעם פעטער בערלס וויזיט־קאַרטן מיט אַ פּערזענלעכער איינ־לאַדונג אויף היינט אין אָוונט אין „סאַוואָי".

— איך גיי נישט! — האָט ישראל געזאָגט צו זיך, באַקוקנדיק אַזאַ איינלאַדונג. — איך האָב גענוג דאָס נעכטיקע.

ער האָט זיך דערמאָנט און איז רויט געוואָרן.

אָבער אין משך פון טאָג האָט ער אייניקע מאָל איבערגעטראַכט.

ערשטנס, האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט זען נאָכאַמאָל דעם דאָזיקן אויסטערלישן פאַרשוין. אמת, ישראל האָט זיך אַנטוישט אין אים. ער האָט אָבער דאָך געמאַכט אַן איינדרוק, דער פעטער. צווייטנס... צווייטנס, האָט זיך אים פאַרוואָלט צו געבן דעם דאָזיקן פאַריסענעם נגיד אַביסל פעפער

צו שמעקן, האָבן מיט אים אַ צוזאַמענשטויס. און אַט מאַכט זיך די גע־לעגנהייט. ער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיטן מיליאָנער.

דריטנס, איז זיין אין דעם גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן „סאַוואָי" גלאַט אַן אַטראַקציע פאַר אַן אָרעמען אַרבעטער. פאַרוואָס זאָל ער נישט אויס־נוצן די זעלטענע געלעגנהייט? ער איז עפּעס אַ סך מאָל געווען אין דעם באַרימטן „סאַוואָי"?

פערטנס, לעזט ער מאָדנע פּשוטע ווערטער:

„חבר ישראל! טוט מיר אָן דאָס פאַרגעניגן און כאַפּט זיך אַריין אין „סאַוואָי" אויף אַן אָוונטברויט אין אַן ענגערן היימישן קרייז". — חבר נאַר! אָדער דער פעטער בערל איז בלויז נעכטן געווען משוגע, אָדער ער, ישראל, וועט אים היינט דערווייזן, אַז ער איז בטבע אַ משוגענער. ער וועט זיך נישט שעמען פאַר אים.

אין אָוונט איז ישראל, צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג, געווען אין סאַ־וואָי, און צו זיין נאָך גרעסערער פאַרוווּנדערונג, אונטן אין פאָיע, זיך אָנגעשטויסן אויף מינען, וועלכע האָט, ווייזט אויס, זיך אויך געלאָזט איבערבעטן. האָבן ביידע זיך פאַרשעמט, רויט געוואָרן און געפּרוּווט מאַכן אַן ערנסטע מינע, ווי יעדערן פון זיי וואָלט אַהערגעבראַכט זיין פּריוואַטער ערנסטער ענין, וואָס איז דעם צווייטן נישט באַוווּסט. דער אָנשטעל האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. זיי האָבן זיך דערפילט ווי חברים פון איין פאַרברעכן מיט זייער אַריינדרינגען אין דעם דאָזיקן בורזשואַזן פרעס־טעמפּל. זיי האָבן זיך געלאָזט גלייכצייטיק גיין איבער די ברייטע, ווייך־געדעקטע שטיגן אַרויף און צו זיי אַנטקעגן זיינען אויך אַרויפגעשטיגן אַ ישראל מיט אַ מינע אין דער שפּיגל־וואַנט.

— איך שטעל מיר נאַר פאָר! — ווי דער גאַסט וועט דאָ אויסזען אין זיינע הויכע שטיוול מיט דעם רוסישן העמדל!

מינע האָט דאָס געזאָגט און איר אייגענע שטים נישט דערקענט. ס'האָט געקלונגען מיט אַ נערוועזן ציטער. זי האָט אין שפּיגל איר אייגענעם בליק נישט דערקענט. זי האָט באַמערקט אין איר אויג אַ נערוועזן ברי־ליאַנט. זי האָט עס באַמערקט אין יענער רגע, ווען פון דער הויך איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ ברייטער שטראָם טענער פון פידלען און פלייטן.

פון אָנהויב האָבן זיי זיך פאַרלוירן אין די גרויסע, געדיכט־באַזעצטע, העל באַלויכטענע זאַלן. זיי האָבן געזוכט מיט די אויגן די כאַראַקטערע פי־גור אין אַ וויים העמדל און מיט אַ שוואַרצער באָרד. און נישט זיי האָבן פאַרלאַסקין געפונען, נאָר ער האָט זיי פון דער ווייטן באַמערקט און צו־געשיקט צו זיי דעם גאַרסאָן, זיי צו ברענגען צום טיש.

עס איז געווען פאַר זיי אַ נייע איבערראשונג.

בײַ צוויי צוזאַמענגערוקטע טישן, צווישן אַ היפּשער קאָמפּאַניע איז געזעסן בערל פּאָדלאַסקי, אָבער גאָרנישט דער נעכטיקער בערל. זײַן באָרד איז גאָר קלענער און עלעגאַנטער געוואָרן און אָנגעטון איז ער געווען אין אַן ענגלישן אָנצוג פון זײַער אַן אײדעלער פאַרב; קאַקאַאָ מיט מילך, און דער אָנצוג איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן און די פאַרב האָט האַר־מאָנירט מיט זײַן אָפּגעברענטער ברוינער הויט אויפן פּנים און אויף די הענט. נאָר דער הויכער געוועלביקער שטערן איז געווען מיט זײַן ווײַסקייט, ווי צוגעשטיקעוועט. פּאָדלאַסקי האָט געשמייכלט און געדויכערט, ווי נעכטן בײַם טיש. ער איז אָבער געווען מונטערער און באַרעדעוודיקער און זיך פאַרהאַלטן, ווי אַן אמתער באַלעבאָס, וואָס פאַרווײַלט זײַנע געסט. אידע האָט מיטגעהאָלפן דעם פעטער אויפצונעמען און צו פאַרנעמען די געסט. און געסט האָבן געהאַלטן אַלץ אין איין אָנקומען און טוישן זיך. בערל פּאָדלאַסקי האָט פאַרוואַנדלט דאָס ווינקל פון סאַוואָי אין זײַן געשעפטס־קאַנטאָר און אָפּגעהאַלטן קורצע קאָנפערענצן מיט זײַנע וואַרשעווער אינ־טערעסאַנטן.

ער האָט זיך זייער פרײַנטלעך באַגריסט מיט ישׂראלן און מיט מינען און דער גאַרסאָן האָט אויף זײַן ווונק צוגעשטעלט פאַר זיי נאָך צוויי שטולן. נעענטער צו אים.

— ווי איר זעט, חברים, האָב איך דאָ קיין עין־הרע מיט וועמען צו רעדן. ווען איר דאַרפט פרעגן, פאַרוואָס האָב איך דאָ געמאַכט מײַן קאַנטאָר? וועל איך אײַך ענטפערן: עס מאַכט מיר אויס ביליקער. איך דאַרף קיין דירה־געלט נישט צאָלן און איך פּטר אָפּ אַלע פאַראַמאָל.

און ער האָט זיך צעלאַכט, בערל פּאָדלאַסקי, געבעטן אידען מיטן בליק זיך צו פאַרנעמען מיט די נײַע געסט און אַליין זיך אָפּגעקערט צו די אינטערעסאַנטן. ערשט איצט האָט ישׂראל באַמערקט, אַז הינטער פעטער בערלס שטול זיצט אַ דיקלעכער יונגערמאַן מיט אַ דײַטשישן אויסזען און פאַרנאָטירט אין אַ ביכעלע אַלץ, וואָס פעטער בערל הייסט אים פאַרנאָטירן. צײַטנווײַז מאַכט ער אויך זײַן אײגענע באַמערקונג אין געשעפטלעכן גע־שפּרעך. אידע האָט זיך אָנגעבויבן צו ישׂראלן און מיט יראת־הכּבוד איב דערקלערט, אַז דער יונגערמאַן איז דעם פעטערס וואַרשעווער אַדוואָקאַט און געשעפטס־פּאַרטרעטער. ישׂראל האָט צום ערשטן מאָל געזען, ווי ווײַ־ניק צײַט עס פאַרנעמט צו רעדן וועגן גרויסע געשעפטן. אָט זיצט אַ גופיקער זאַפרענדיקער ייד מיט אַ פּנים און מיט אַ באָרד, וואָס וואָלטן געפּאַסט פאַר שלמה־המלך. ער שמועסט געלאַסן מיטן פעטער וועגן וואַלד. עס פלי־ען אין געשפּרעך צענדליקער טויזנטער — ישׂראל ווייסט נישט וואָס: בײַ־מער צי רובלס. און שמועסנדיק, שפּילט זיך שלמה המלך מיט זײַן אײגנע־

נער באָרד. אַ האַנט איז ביים סוחר ווי פון רויען ווייסן טייג און באַשאָטן מיט זומער שפּרענקעלעך. שפּילן, שפּילט זיך די האַנט מיט דער באָרד אויסציענדיק זאַפרן־הערעלעך איינציקווייז, איינציקווייז. און אָט שטייט ער שוין אויף צום געזעגענען זיך. דאָס געשעפט איז געשלאָסן. דער דייטש פאַרנאָטירט. אויף זיין אָרט זיצט שוין אַ צווייטער גופיקער מאַנצפּערשוין, וואָס זיין ראַזירט פּנים איז אונטן פיל ברייטער ווי אויבן. פון זייערע פאַרשוואָלענע נעסטן לאַכן ארויס זיינע קליינינקע, קלוגעטשקע אייגעלעך, און הענט מיט פינגער האָט ער אַזעלכע, וואָס מען קאָן מיט זיי ברעכן קופּערנע צענערס. ער טראָגט אַ שווערן רינג אויף אַ פינגער — אַ באַנקיר. נישט ער רעדט, נאָר ער שוועבט, ער פליט. דוכט זיך, פּאָדלאַסקי אליין קאָן מיטן אויער נישט נאָכפליען די שנעלקייט פון זיינע רייד. אָפּגעפּטרט. דער דריטער אינטערעסאַנט — אַ מיליטערמאַן פון אינטענדאַנטור, מיט אַראָפּגעהאָנגענע באַקן און אַראָפּגעהאָנגענע וואָנצעס. מיט אים אַ יידישער מעקלער מיט אַ ליינען־בערדל און מיט אַ קליין פּליכל. דער מעקלער האָט, ווייזט אויס, צוליב דעם באַזוך אין סאַוואָי עקסטראַ אויסגעטאָן די לאַנגע קאַפּאָטע און ער פילט זיך איצט אין זיין קורצן רעקל, ווי אַ הונט אָן אן עק.

און ביים טיש גייט הערוויי'ל אַ היימישער שמועס. דאָקטאָר ליבהע האָט זיך אויך דאָ צוזאַמענגעטראָפן מיטן פעטער עוזר, וועלכער זיצט נאַטירלעך אין אַ קאַפּל און זיי שפּינען ווייטער דעם פאָדעם פון זייער נעכטיקן דיספּוט איבער רעליגיע און פרייען געדאַנק. דער באַלעבאָס קוקט אויף זיי מיט אַ ייִנגלשן געלעכטער און רייצט זיי אָן איינעם אויפן אַנדערן. די מומע זלאַטע איז אויך דאָ. דאָס איז דעם פעטער עוזרס פרוי. זי האָט אַ פריצישן אויסזען און זי רעדט מיט אידען ווענן איינגעמאַכטץ. דער אַדוואָקאַט יאַקובסאָן איז נישט געשטימט. אים פאַרדריסט, הפּנים, וואָס נישט ער איז פעטער בערלס פאַרטרויונגס־מאַן אין וואַרשע. איז ער דעריבער געשטימט פּעסימיסטיש צום גלות און פּאָלעמיזירט מיט מינען.

אידע זאָגט ארויס גאַנץ דרייסטע ציוניסטישע געדאַנקען.

איר ברייט רונד פּנים איז, ווי שטענדיק, ליידנשאַפטלעך און אויפגערעגט. צוליב דער רויטלעכער ציגל־פאַרב דוכט זיך: עס איז באַלויכטן פון אַן אינערלעכן פייער. און אַן אויסדרוק — ווי זי וואָלט זיך געהאַט ערשט מיט עמעצן געקריגט. אָבער אידע רעדט מילד און געלאַסן, און מיט

הומאָר אפילו. זי איז אָנגעטאָן צום פּאַרב פון פּנים, רויטלעך־ברוין: זעט זי אויס, ווי פון איין גוס. אַ געשטאַלט פון רויטלעכן אייזן ,אַ שטאַרקע געשטאַלט. און אַרום קאָפּ — אַ רויכיקער כאָאָס פון צעשאָטענע האָר.

אָפּיציאַנטן מיט ווייסע גאַרסן, מיט פּנימער פון ענגלישע לאָרדן דערלאַנגען צום טיש. ס'איז אויסגעוואַקסן אַ ניקלנער עמער מיט שאַמפּאַניער אויף אייז אונטער אַ טישטוכל. ישראלן ווערט קאַלט. דער אַלטער יונה פּאָדלאַסקי גלעט די באָרד מעשה פּריץ און פּרוווט רויכערן דעם ציגאַר אַזוי ווי בערל, זיין יונגער שטיף־ברודער, דער אַש זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

ענדלעך זיינען שוין ביים טיש קיין אינטערעסאַנטן נישט פאַראַן. בערל פּאַרלייגט אַ סערוועטל הינטערן קאָלנער. דער חבר־באַלעבאָס האַלט אין אַריינרעדן אין אים.

— איר זעט דאָך, פּעטער, ביי מיר איז אַ האַלבע קאָמונע אין פאַבריק. מיט די אַרבעטער זיינען מיר אויסגעבונדן. אָט פרעגט ישראלן...

בערל האָט זיך צעשמייכלט צו מינען.

— אַנטקעגן דעם, חברטע מינע, וואָס איר האָט נעכטן געטענהט: נישטאָ ביי אונדז קיין כלל־אינטערעסן. אָט עסן מיר דאָך צוזאַמען.

— יאָ, מיר עסן... על חשבון הגביר... האָט זיך מינע צעלאַכט.

דער חבר־באַלעבאָס האָט זיך דערשראָקן און געוואַרט מיט זיין אויסדרוק ביז דער פּעטער האָט זיך צעשמייכלט.

— אָבער ניין, חברים. איך האָב נעכטן נישט גערעדט וועגן כלל־ישראל אינטערעסן אין דעם זין, ווי מיט דעם אויסדרוק באַנוצט זיך די בורזשואַזיע... וואָס איך האָב דעם צווייפלהאַפטן כבוד צו געהערן צו איר...

דער פּעטער בערל האָט מיט קורצע הפסקות גערעדט און געגעסן. און ישראל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, וואַרטנדיק אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט דאַרפן אַריינפאַרן דעם פּעטער בערל מיט אַ ביטער פּראָלעטאַריש וואָרט. ס'האָט זיך אָבער נישט געמאַכט די געלעגנהייט.

— דער אונטערשיד צווישן מיר און אייך, חברים — פּאָדלאַסקי האָט בפירוש גערעדט צו מינען מיט ישראלן, איגנאָרירנדיק די איבעריקע, ווי זיי וואָלטן גאָר ביים טיש נישט געווען — דער אונטערשיד צווישן מיר און אייך איז דער, וואָס איך האָב געלט און איר נישט. אָבער דער צוועק אונדזערער איז איינער. דאָס, וואָס איר ווילט מאַכן דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, פּרווו איך זיך, אין די ראַמען פון מיינע מעגלעכקייטן, צו מאַכן פאַר מייך געלט.

ישראל און מינע האָבן זיך אומרויק איבערגעקוקט און פאַרשטאַנען זיך. די צעשטערטע אילוזיע פון אַן אידעאַליזירנדיקן קאַפּיטאַליסט איז

פאַר זיי ווידער געוואַקסן. ווי צו רעאַגירן האָבן זיי נישט געוווּסט. זיי האָבן פאַרזיכטיק איבערגעקליבן וואָס פאַרא פראַגע צו שטעלן.

— וואָס קאָן דען איין מענטש אויפטאָן, — העד פּאָדלאַסקי.

— און וואָס ווילט איר אויפטאָן? — האָט מינע דרייסטער געפרעגט.

— איין מענטש קאָן פיל אויפטאָן, ווען ער האָט מיטלען און איני־ציאַטיוו — האָט פעטער בערל געענטפערט ישראלן און דאַן זיך געווענדעט צו מינען.

— וואָס וויל איך אויפטאָן? איך טו דאָס, וואָס עס דיקטירט מיר מיין רעוואָלוציאָנער און יידיש געוויסן, חברטע. צי טו איך גוט אָדער שלעכט — קומט אַראָפּ צו מיר, וועט איר זען. קומט אַראָפּ, חברים. איך מיין ערנסט. אַשר! דיינע אַרבעטער האָבן ביי דיר אורלויב?

— אַ שאלה! ווי דען? — דער חבר באַלעבאָס האָט זיך צעשמייכלט און נערוועז געטאַנצט אויף זיין זיץ־פּלאַץ — וואָס מיינט עפּעס דער פעטער, איך בין אַ עקספּלאָאַטאַטאָר בין איך? האַ, מינע? זאָל מינע זאָגן.

הכלל, דער פעטער בערל פאַרבעט די אַרבעטער, ישראל מיט מינען, הייסט עס, אַראָפּקומען צו אים אין מאַיאָנטעק אונטער ליאַסאָווע און זען מיט די אייגענע אויגן זיינע ראַדיקאַלע רעפאָרמען דאָרטן.

דער חבר־באַלעבאָס איז צופרידן. אידע ווערט סענטימענטאַל. אַזאַ מין קלאַסן־דערנענטערונג. די אַרבעטער פאָרן צו גאַסט אין מאַיאָנטעק! דאָ — מאַכט דער פעטער אַ נייע פאַבריק בשותפות. אַן אמתע כלל־ישראל אידיליע. דעם חבר־באַלעבאָס ווילט זיך אויפהויבן אַ כוס פאַר דעם איצ־טיקן מאָמענט. ער האַלט אָבער פאַר וויכטיקער צו כאַפּן מיטן פעטער אַ שמועס וועגן דער בשותפותדיקער טריקאָטאַזש־פאַבריק. דוכט זיך, אַז דער משוגענער אידעאַליסט, וואָס איז רייך ווי קורח, לאָזט זיך אָנרעדן.

דער חבר־באַלעבאָס האָט נאָר וואָס אויף רעכט אַנטוויקלט זיינע ברייטע געשעפטלעכע פּלענער פאַרן פעטער. אידע האָט אים נאָר וואָס געמאַכט די ערשטע באַמערקונג, אַז ער זאָל נישט פליען צו הויך אין זיינע פאַנ־טאַזיעס, — וווען... ווען די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ וואַלס.

האָט דער רייכער פעטער איבערגעשלאָגן דעם שמועס, עלאַסטיש זיך אויפגעהויבן, פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט דעם ציגאַר, אַז דער אַש זאָל נישט אַראָפּפאַלן און פאַרבעטן אידען צום טאַנץ.

קיינער האָט זיך נישט געריכט אויף דעם און אַלע האָבן פאַרלעגן גע־שמייכלט. אידע האָט האַסטיק אַוועקגעשאַרט די צעשאָטענע האָר. און אָט שוועבן זיי שוין צוזאַמען מיט אַנדערע פּאָרן איבערן ליכטיקן פּאַרקעט צווישן די באַזעצטע טישלעך. דער רייכער פעטער האָט געטאַנצט מיט אַ פעסטער גראַציע, געטראָגן אידען, ווי אַ סטאַטועטקע פון רויטלעכן שטיין.

און זיין שווארצע באָרד און אירע רויטיקע האָר האָבן גלייך צוגעצויגן פרעמדע אויגן ביי די טישלעך. ווען ער האָט צוריקגעקערט מיט זיין צע־פלאָמטער דאַמע האָט מען אים ביים טיש באַגעגנט מיט אַ בראַוואָ. אַפילו דער פעטער עוזר האָט געפּאַטשט, די מומע זלאַטע האָט געפּאַטשט. דער חבר־באַלעבאָס האָט געמיינט, אַז מען קאָן זיך שוין אומקערן צום וויכ־טיקן שמועס. ווען די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ פּאָלקע, האָט דער רייכער פעטער זיך אָפּגעשטעלט מיט די אויגן אויף מינען. מינע איז רויט געוואָרן. און נאָכמער — ישראל. ס׳איז אים געווען אַ רחמנות אויף איר, וואָס זי איז אויסגעשטעלט אויף אַ בורזשואַזן נסיון. צום גליק קאָן זי אוודאי נישט טאַנצן, וועט זי נעבעך אָפּקומען בלויז מיטן רויט־ווערן.

אָבער ווער זאָגט עס, אַז מינע קאָן נישט טאַנצן? זי טאַנצט זייער ליכט די משוגעדיקע פּאָלקע. דעם קאָפּ פאַרבויגן, די אויגן אַראָפּגע־לאָזט.

אַן אָפיציאַנט איז צוגעגאַנגען צום טיש און פּראָפעסיאָנעל זיך פאַר־נויגט:

— מען פרעגט זיך אויף דעם הערן פאַדלאַסקי.

— ער איז פאַרנומען. ער טאַנצט.

דער אָפיציאַנט האָט עס גענומען צו קענטעניש און העפלעך אָפּגע־וואַרט אין דער זייט, ביז דער רייכער פעטער האָט געענדיקט טאַנצן און אָפּגעפירט זיין דאַמע צום טיש. דאַן האָט דער אָפיציאַנט אים שטיל העפלעך עפּעס איינגערוימט און פאַדלאַסקי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַר־וואונדערטע אויגן. ער איז אָבער אַרויס נאָך אים פון זאַל.

— אוודאי ווידער אַ סוחר.

— אַן אייזערנעם קאָפּ דאַרף ער האָבן, דער בערל!

— ער האָט דאָך אַ דייטש.

— איז דער דייטש שוין לאַנג אַוועק שלאָפן.

דערווייל איז דער פעטער געקומען צוריק צום טיש. ער האָט עמעצן רויק געזוכט ביים טיש און זיינע אויגן האָבן געשפּילט. זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אויף ישראלן.

— דאָס מיינט מען, חבר, אייך. אַ דאַמע פרעגט זיך.

— צו מיר? אַ דאַמע? ישראל האָט נישט געגלויבט.

— יאָ, אַ דאַמע, אַ פרוילין הייסט עס. אַ יונגע, אַ שיינע.

— צו מיר אַ דאַמע? ישראל איז אויפגעשטאַנען אַ פאַרשעמטער. ער האָט אַלץ נישט געגלויבט.

האָט פאַדלאַסקי אָנגעשריגען:

— גייט, חבר ישראל! אַז אַ פרוילין רופט, לאָזט מען זיך נישט בעטן.

— אָבער ווער איז זי? וואָס וויל זי?

ישראל האָט זיך געפילט נישט באַקוועם אונטער אַלעמענס שמייכלען. און פּאָדלאַסקי האָט איינציקווייז אויסגעלייגט אירע סימנים.

— זי איז אַ קליינינקע... האָט פּרעכטיקע הענט... בלויע אויגן.

ישראל האָט זיך, ווייזט אויס, אָנגעשטויסן און ער איז האַסטיק אַרויסגעלאָפן.

פּאָדלאַסקי האָט זיך צעשמייכלט צום עולם.

— זיין שוועגערין. איך האָב מיך שיעור נישט פֿאַרליבט.

ישראל איז באַלד צוריקגעקומען אַ צערודערטער.

— איך בעט אַלע אַנטשולדיקן. איך מוז לויפֿן אַהיים.

— אָבער וואָס איז געשען?

פּאָדלאַסקי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און נישט אָפּגעלאָזט.

— לאָמיר פֿריער מאַכן אַ לחיים.

— איך קאָן נישט.

— טאָ זאָגט כאָטש אויס, וואָס לויפֿט איר אַזוי? איר שעמט זיך, וועל איך זאָגן. מענטש! ס'איז דאָך אַ יידישע זאַך.

ער האָט אָפּגעלאָזט ישראלן און פֿייערלעך געמאָלדן:

מיר וועלן האָבן אַ שמחה, יידן, ישראלס ווייב גייט צו קינד!

# קריג

אויף דער קראָקעווער פֿאָרשטאָט, פֿון ביידע זייטן „זיאַזד", האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַן עולם צו זען און צו באַגריסן די אויטאָמאָבילן מיט פֿאַרוווּנדעטע, וואָס מען האָט געפֿירט דירעקט פֿון שלאַכט־פֿעלד אין שטאָט אַריין. יעדע ווײַלע פֿלעגט קומען צופֿליען פֿון דער בריק אַ פֿרישער אויטאָמאָביל מיט קלאָרע ליילעכער פֿאַרבונדן, מיט נאַקעטע הענט און פֿיס און פֿאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן. דאָס „טעאַטער פֿון קריגס־האַנדלונגען" האָט זיך צוגערוקט נאָענט צו וואַרשע און איצט האָט מען געפֿירט די אַקטיאָרן פֿון דער שפּיל — די העלדן.

אָבער די פּנימער פֿון די פֿאַרוווּנדעטע העלדן האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזען. פֿאַרשטעלט האָבן זיי יונגעלייט מיט פֿרייליינס מיט בענדער פֿון רויטן־קרייץ אויף די אָרעמס — באַרמהאַרציקע שוועסטער און ברי־

דער, וואָס זיינען מיטגעפאָרן מיט די אויטאָמאָבילן, פון פאָרנט פון הינטן, אויף די טרעפלעך. און זיי, די ברידער און שוועסטער, האָבן דאָס אראָפּגע־קוקט פון זייערע פלעצער מיט פלאַם־און־פאַראַכטונג פון אמתע העלדן.

און, בעת דער עולם צושויער האָבן באַגריסט די פאַרוואונדעטע מיט געמאַכטער אָדער אמתער התפּעלות, האָט אומאויפהערלעך געברומט אין דער ווייט די שווערע אַרטילעריע, ווי פאַרטויבט פון שווערע דיקע פאַר־האַנגען. און אַט רייסט זיך דורך דורכן טויבן פאַרהאַנג דאָס ציניש נאַקע־טע קנאַלן פון קאַרמעטש. יעדער איינער קוקט זיך אום, צי די מלחמה איז נישט הינטער זיינע פּלייצעס.

און איבער דעם ברומען און קנאַלן און איבער די אויסגעשרייען פון המון שטייגט אויף אַ טיפער, פלושענער אַקאָרד, פילט אָן הימל און ערד, דרינגט אַריין אין אַלע אויערן. איבער דער וועלט האָט זיך צעשפּילט אַן אָרגל. ער קאָן אָבער נישט אַרויסקריכן פון די ערשטע פּעכיקע טענער. דאָס איז הויך איבער די וואָלקנס געגאַנגען אויף וואַרשע אַ צעפּעלין און שטאָלץ געטראָגן קעגן דער זון זיין באַלויכטענע רונדע ברוסט פון אַ פּע־טער גאַנדז.

קליינע רויכלעך וווערן געבוירן און צעשוומען אין די צענדליקער אויף ביידע זייטן הימל־וועג פון דעם גייענדיקן צעפּעלין. דאָס יאָגט אים נאָך די רוסישע קאַרטעטש און טרעפט נישט.

ערגעץ־ווו אויף דער גאַס קנאַלן די פּאַלנדיקע קוילן אין ברוק, ווי אַ שפּיל אין ניים, און ווי אַ רויזיקע ניי־מאַשין שטעפּט ערגעץ אַ קוילן־וואַרפער.

דער עולם אויף דער גאַס פאַרמערט זיך. דער עולם ווייסט נישט פון קיין שרעק. דער אויטאָריטעט פון פּאָליציי איז געפאַלן. אַט שטייט ער דער פּאָליציי־מאַן אין ווייסע הענטשקעס אַליין צווישן עולם. אַ מענטש אַ פאַר־חידושטער, ווי אַלע אַרום אים. שטייט אויף איין פאָר פיס, מאַכט מיט איין פאָר הענט, גאַפט מיט איין פאָר אויגן אויפן צעפּעלין אין דער הויך. פון וואַנען האָט זיך פריער גענומען די מורא פאַר דעם דאָזיקן פּשוטן שטערבלעכן אין ווייסע הענטשקעס.

ניין, דער עולם ווייסט נישט פון קיין שרעק.

אַ קנאַל און נאָך אַ קנאַל. שוין נישט קיין וואָלקן־דונער, נישט קיין האַרמאַטן־שאָס. עפּעס אַ נייעס. ווי די שטאָט וואַרשע וואָלט איין מאָל נאָכן צווייטן באַקומען מיט אַ מעשענער פויסט אין די ציין אַריין און מען ווייסט נישט, וואָס האָט אַזוי פאַרקלונגען, צי דער מעש, צי די ציין. די שטאָט וואַרשע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דאָס פאַלן באָמבעס פון צעפּע־לין, דאָס ווערן מענטשן געהרגעט. און דער עולם גאַפט. גאַפט און שווייגט. מענטשן פאַלן אין מיטן געלויף און בלייבן ליגן. אַז זיי איז ליב — איז

דעם עולם ניחא, ס'איז א יום־טוב אזא, ווען די שרעק איז געשטאָרבן. ווען מענטשן מיט אָפּגעריסענע קעפּ טאַנצן פראַנק און פריי אין דער גאַס אַרום.

— — — — — — — — — — — — — — —

און אויב נישט איך פאַר זיך — טאָ ווער־זשע? און אויב נישט איצט — טאָ ווען־זשע? די שטאָט לעבט מיט אַ דאָפּלטן דופק, ווי באַקומען אַריינגעשפּריצט קאַנפער. די שטאָט איז פול מיט שפּע און לייכטע מלחמה־פאַרדינסטלעך. זיי נאָר נישט פויל!

ריזיקע פורן מיט מיליטערישע באַשטעלונגען שפּאַרן זיך קוים פון די טויערן אַרויס אויף גענשע, אויף פראַנציסקאַנער. גרויסע שווערע פערד, ברעכן דעם ברוק מיט די פּאָדקאָוועס, באַרירן דעם ברוק מיט די גזשיוועס, צו רירן פון אָרט די איבערגעלאָדענע צווייִשטאָקיקע וועגענער. און פאַרווילדעוועטע שמייסערס מיט בלוט־רויטע פּנימער, צו קיין יידן נישט ענלעך, צו קיין מענטשן נישט ענלעך, טרייבן אָן די פערד מיט נישט־מענטשלעכע הייזעריקע קולות. און די אָדערן — ווי בלויע שטריק. און די שטריק אַרום גאַרטל ווי אַרויסגעקראָכענע קישקעס, אַ צעיושעטע אָנשטרענגונג פון חיהשן ווילן ביי זיי. נישט פון אַ ווילן — פון אַ מוז.

לויפן לייכטע סוחרים אויף נעיעג. אויף דראָזשקעס, אויף אויטאָס, אהא, מען פירט שוין פאַרוואַנדעטע עמעצן האָט דאָך אָפּגעגאָלטן צורשטעלן לייוונט פאַר די לאַזאַרעטן אַזאַ מענגע לייוונט! ווו נעמט מען דאָס שטיקעלע מזל! עס ליגט דאָך ביי דער האַנט ערגעץ. געלט וואַלגערט זיך אין דער בלאָטע. מען דאַרף נאָר קאָנען אויפהויבן. אָבער ווי אַזוי? די סוחרישע מעטאָדן פון דער רויקער צייט זיינען אָפּגעשפּילט. ערלעכקייט — בטלנות. פאַר אַ שווינדל קאָן מען מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער. זיי ערליך און שווינדלער גלייכצייטיק! צו דעם באַדאַרף מען דאָך טאַלאַנט, טאַלאַנט פון אַ מלחמה־ספּעקוליאַנט, אַ ברכה פאַר געציילטע. זיי זיינען איבער דער נאַכט אויסגעוואַקסן. נעכטן האָט מען זיי נישט געקענט. היינט — בוקט מען זיך פאַר זיי, פאַר די נייע, סוחרישע מלחמה־טאַלענטן.

היינט דאַרף מען זיין אַ ביסטריצקי. ווער איז ביסטריצקי? נו, ווער קען דען אים נישט? אָט דער, וואָס איז אויסגעבונדן מיט אַלע אינטענדאַנט־אָפיצירן, וואָס ווייסט אַלע גענג און הינטער גענג, וואָס האַלט אין זיינע הענט די שליסלען פון די צענדליקער פּאָדראַדן. אַ פּשוטער ליטוואַק, זאָגט מען. ווער זאָגט עס אַזוי? ביסטריצקי איז קודם אַ קאָפּ־מענטש. און דאַן אַ געבילדעטער מאַן. אַליין אַ דאָקטער. און זיין טאַטע איז געווען, זאָגט מען גאָר, אַ מיליטערישער דאָקטער, אַ פּולקאָווניק, דעריבער האָט ער אַזאַ גרויסע פּראָטעקציע.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, אָבער איינס ווייסט מען זיכער: ביס־טריצקי האָט אָנגעהויבן דרייען זיינע געשעפטן אָן א פּרוטה אייגן געלט. געלט דאַרף מען דען? א מענטש דאַרף מען זיין. געלט אין וואַרשע וואַלגערט זיך אין בלאָטע. מיט געלט בעט מען זיך ביי אים. מען שלאָגט אים אָפּ די שוועלן. וואָלט ער נאָר וועלן נעמען אַזוי פיל! איז ער אָבער א גרויסער מפונק, ביסטריצקי. דאָ געפעלט אים נישט דער שותף, דאָ שמעקט אים נישט דאָס געשעפט. און אַז ער וויל, לאָזט ער זיך גאָר נישט כאַפּן. נישט אין דער היים, נישט אין קאַנטאָר, נישט אין סאַוואָי, ווו ער טרינקט מיט די אָפיצירן, וואַרשע איז א ים. און איבער דעם דאָזיקן ים שמייען אַרום יידן אויף דראָזשקעס. יידן פאַרסאַפּעטע, מיט פולע פּאָרטפעלן קנאַקעדיקע פינפהונדערטער. דאָס יאָגט מען זיך נאָך ביסטריצקין מיט א גאָלדענער נעץ.

עס זיינען שוין אפילו אַריין אין חשיבות יענע יידן, וואָס מען זאָגט וועגן זיי, אַז זיי ווייסן ווו מען קאָן ביסטריצקין אויסגעפינען, אַז זיי קאָ־נען האָבן צו אים א שטיקל צוטריט.

צו פּאָדלאַסקין אין טריקאָטאַזש־פאַבריק, ווו מען אַרבעט איצט העמטשקעס און סוועטערס פאַר דער אַרמיי, לאָזט זיך אַריין א האַלבער מנין בכובדיקע יידן.

דער פאַבריקאַנט איז נישט אין קאַנטאָר, מען בעט זיי צוּוואַרטן. אָבער זיי דאַרפן נישט דעם פאַבריקאַנט, זיי שפּאַרן אין צווייטן צימער, פון צווייטן אין דריטן. ביז זיי געפינען ישראלן דעם צושנײַדער.

— צו אייך דאַרפן מיר טאַקע. פאַני־לעבן!

— צו מיר? — ישראל האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע יידן.

— צו אייך, פאַני־לעבן, צו אייך. — יידן מאַכן עס בקיצור. נישטאָ קיין צייט. יידן לייגן זיך צוזאַמען צו פופציקער — צוויי הונדערט מיט פופציק קאַרבן, קנאַקעדיקע, נייע מלחמה ־ באַנקנאָטן. עס טרעט אַרויס זייער ראש המדברים.

— אויף אייך, זאָגט מען, פאַני־לעבן, אַז איר זענט א שטיקל קרוב מיט ביסטריצקין פאַני־לעבן. כאָטש, צוריק געשמועסט, לייגט זיך נישט אויפן שכל. וואָרן, וואָס וואָלט איר דען געשטאַנען און געאַרבעט, איר זאָלט זיין זיינס א קרוב?

ישראלן ווערט היים אין די ביינער. ער מאַכט מיט דער שער, ווי א פריזירער, צווישן איין האָר־שניט און א צווייטן. ער באַמיט זיך צו רעדן קאַלט

— יאָ, ליבע יידן, ביסטריצקי איז טאַקע מיינער אַ קרוב. אָבער ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? גייט און צעברעכט הענט און פיס! בלוט־זויגער! אַרויס, וואָרן איך וואַרף אייך די שער אין קאָפּ!

ישראל האָט געענדיקט מיט אַ קוויטש, ווי אַ בעסדיקע יידענע. די סוחרים האָבן זיך אַרויסגעשאַרט און זיך געשוּבט הינטער דער טיר, צו פּרווון דאָס מזל נאָך אַמאָל, מוסיף זיין אַ הונדערטער.

און ביי ישראלן האָבן זיך הענט און פיס געטרייסלט פאַר אויפרעגונג.

אָט דער ביסטריצקי, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון דער קליינער דאָראַטשקען, אין אַ קרענק זי אַריינגעטריבן און אַוועקגעוואָרפן, אָט דער ביסטריצקי, וואָס האָט פאַרביטן זיינע ביכער און אַנאַרכיסטישע טעאָריעס אויף דער געמיינער מלחמה־ספּעקולאַציע — ער איז אין ישראלס אויגן געווען דער סימבאָל פון מלחמה און פון אַלדאָס בייז אויף דער וועלט. ביסטריצקי — דאָס איז דער צעיושעטער קאַפּיטאַל, וואָס ווייסט נישט פון קיין הייליקייטן, וואָס טאַנצט איבער ברידער־קברים, וואָס האָט אים, ישראלן, אַנגעשטעלט צושניידן מלחמה־סוועטערס.

ער, ישראל, וויל דאָך נישט צוהעלפן דער מלחמה. און ער העלפט. ער מאַכט סוועטערס פאַר דער אַרמיי. מיט פיר יאָר צוריק האָט ישראל זיך באַפרייט פון מיליטער־דינסט צוליב דעם, ווייל עס האָט אים געפעלט די פאָדערשטע ציין אין מויל. ערשט שפּעטער האָט ער זיך אַריינגעשטעלט גאָלדענע. ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט צו איר קיין האַנט נישט צולייגן. האָט אָבער ביסטריצקי אַנדערש באַשטימט: ישראל מוז מאַכן סוועטערס פאַר די זעלנער...

און וואָס זאָלן שוין זאָגן יענע אַרבעטער, וואָס מוזן מאַכן גראַנאַטן, וואָס מוזן מאַכן דום־דום קוילן?

אַמאָל האָט דאָך ישראל געגלויבט אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. אַמאָל? ווי לאַנג איז דאָס געווען? אין אַ רויקער צייט האָט מען געקאָנט וועבן חלומות. איצט איז דער גלויבן אַוועק מיטן רויך. איצט האָט ישראל געזען, ווי מעכאַניש און פאַרהיפּנאָטיזירט מענטשן גייען רייען־ווייז, פּולקן־ווייז מיט אָפענע פּאָנעס, ביים מעשענעם ברום פון אָרקעסטער — גיכען צום טויט. איז אויף דעם אָרט פון אַמאָליקן גלויבן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אויסגעוואַקסן אַ ווייסטעניש פון פאַרצווייפלונג. אין פּראָטעסט האָט ער דאָך געגלויבט.

ווען אַ טייל באַוווסטזיניקע אַרבעטער — האָט ער געטראַכט — זאָלן זיך צוזאַמענעמען און אַרויס קעגן די אָנגעלאָדענע קוילן־וואַרפערס:

שיסט אין אונדז! מיר ווילן נישט קיין מלחמה! נו, וואָלט מען זיי צעשאָסן. זיי וואָלטן אָבער געווען אין אָרדענונג, די אַרבעטער, זיי וואָלטן געהאַט אָפּגעטאָן זייערס. איצט... מאַכן זיי סוועטערס און דום־דום קוילן.

ער איז געווען פאַרביטערט, ישראל, און איבערגעמאַטערט פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. אין שטוב איז געוואַקסן די נויט. ס'איז שווער געווען אָנצוטאָן די הוצאה. דינה האָט צוגעקרענקט. די קינדער זיינען אויך נישט קיין איבעריקע גיבורים.

ישראל איז אַיין מענטש מקנא געווען. פּינעסן דעם ליטוואַק. יענער, אַן עלטערער בחור, אַ פרייער מענטש האָט פון אָנהויב אָן געהאַט דעם מוט זיך צו שטעלן אין דער פּאָזע פון פּראָטעסט.

ווען פּינעס האָט געבראַכט דעם ערשטן לייכט פאַרדינטן הונדערטער פון מלחמה־מעקלעריי, האָט ער אים אַרויסגעצויגן פון קעשענע מיט צוויי פינגער און געהאַלטן פון דער ווייט, ווי אַ שרץ.

— פּיגע־פּעסע! — האָט ער געזאָגט — לאָמיר מאַכן אַ חשבון, וואָס קומט אייך. דאָס איז מיין לעצט געלט. מער וועל איך שוין נישט האָבן.

און ער האָט אמת געזאָגט, מער האָט ער שוין קיין געלט נישט פאַר־דינט. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון מלחמה־מעקלעריי.

— שלאָגט אייך, קינדערלעך, איך וועל צו דעם ענין קיין האַנט נישט צולייגן.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר פּינעסן אַ צייט פון נסיונות. ער איז אָנגעקומען אין אַ הענטשקע־פאַבריק און זיך אָפּגעטרייסלט. ער האָט איינגעפונען, אַז אויך דאָ העלפט ער מיט צו דער מלחמה.

איז ער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון דער קאָמונע. ישראל האָט אים געפונען אין אַ קליין בית־המדרשל אויף נאַלעווקעס. פּינעס איז געשטאַנען מיט זיין גרינעם קאַפּעליוש איבער די אויערן און זיך געשאָקלט איבער דער גמרא.

— איך זאָל אַפילו וויסן, אַז איך וועל אויסגיין פון הונגער — האָט ער געזאָגט, צו דער מלחמה וועל איך מיין האַנט נישט צולייגן.

— אָבער ווו שלאָפסטו? ווו עסטו?

— גוטע מענטשן פאַרלאָזן נישט.

יאָ, באַלעבאַטים האָבן געוואָרפן אַן אויג אויפן ליטוואַק, אים אויס־געהאַלטן מיט טעג. איז ער אָבער אין אַ וואָך אַרום געקומען, ווי אַן אָפּגעבריטער. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס עסט ער טעג ביי מלחמה־ספּע־קולאַנטן.

זיין מנוחה האָט ער איצט געפונען אין אַ בעקעריי. הענט זיינען או־מעטום נויטיק. און ברויט איז אַ נייטראַלע זאַך. אַלע דאַרפן ברויט.

ישׂראל האָט אַפילו געוואָלט אונטערזעגן דעם צווייג, אויף וועלכן דער ליטוואַק האָט זיך אַרויפגעכאַפּט, געוואָלט אים דערקלערן, אַז דאָס פאַרבייט ער אייגנטלעך אַן אַרבעטער וואָס איז אַוועק אין שלאַכט, און אַפילו דורך דעם העלפט ער צו דער מלחמה. ישׂראל האָט אים אָבער צורו געלאָזט, צופיל נאַיווער ערנסט האָט אַרויסגעקוקט פון פּינעסעס קעלבער־נע אויגן, אַז מען זאָל זיך קאָנען דערלויבן אויף אַזאַ שפּאַס מיט אים.

ענדלעך איז פּינעס געוואָרן אויפגעריכט. אין וואַרשע האָט אַ שפּאָר געטאָן דער גרויסער שטראָם היימלאָזע. גוטע מענטשן האָבן איינגעאָרדנט קיכן פאַר זיי. אַ קלוגע האַנט האָט דערטאַפּט פּינעסן, אים אַרויסגעשלעפּט פון דער בעקעריי און אָנגעשטעלט פאַר אַ משגיח איבער אַזאַ קיך. דער ליטוואַק האָט געפונען זיין ריכטיקן פּלאַץ.

אַהיים פלעגט ער איצט קומען ביי דער נאַכט, אַ פאַרהאָרעוועטער, אַן אויסגעשמירטער אין מעל און אין קרייטעכצער. ער פלעגט אַנידער־פאַלן ווי אַ סנאָפּ. כדי מיטן פרימאָרגן ווידער צו לויפן אין קיך אַריין.

ער האָט זיך אָבער נישט באַקלאָגט אויף זיין אַרבעט, כאָטש פון טאָג צו טאָג האָט ער אויסגעזען ווילדער, באַוואַקסענער. ער האָט אַפילו אויפ־געהערט צו רעדן ווי אַ מענטש, נאָר געברומט, ווי אַ בער אין רציחה, און זיין בליק האָט פאַרלוירן די קעלבערנע ווייכקייט. ישׂראל האָט אים איינמאָל געזען אין זיין קיך ביי דער אַרבעט. ביי די לאַנגע, רויע טישן איז געווען אַן אָנגעלויף, ס'איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט פאַר די ערטער. בערדיקע יידן, ווייבער, קינדער, אַרומגעריסענע, פאַרווילדעטע, פאַרלוירן די בושה צו־זאַמען מיט זייער היים, האָבן געליאַרעמט און געוואַלדעוועט, געקראָכן מיט די פויסטן, מיט די נעגל אין פּנים אַריין. און העכער פאַר אַלעמען האָט געוואַלדעוועט פּינעס אַליין. ער האָט געאַרבעט מיט די פויסטן אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס האָט ער געמאַכט אָרדענונג.

— זיצט זאָג איך אייַן! זיצט אויף די ערטער! אַז נישט וועל איך אייך... ר' ייד, אַרויס פון דאַנען, אַרויס! וואַרט אויף דער צווייטער פּאַר־טיע!

— דו ליטוואַק איינער, וועסט מיך גיין וואַרפן? דיין טאַטע האָט מיין מיסט נישט פאַרמאָגט! איך וועל דיך...

— אַרויס!

עס איז אָבער דאַך שטילער געוואָרן. פּינעס שלעפּט קוישן ברויט. פּינעס שהייט אין קיך אַריין.

באַרמהאַרציקע פריילינס אין ווייסע פאַרטוכער, פריילינס מיט רחמנות און עקל אויף זייערע פּנימער, טראָגן פונאַנדער שיסעלעך געקעכץ.

א שוואַרצע פּאַטראָנעסע מיט אַ ליאָרניאָן ביי דער נאָז שרייט אויף פינעסן.

— איר האַלט נישט קיין אָרדענונג! ס'איז שמוציק, ס'איז אָנגע־שפּיגן! פוי!

און פינעס שרייט איר אין ליאָרניאָן אַריין.

— האַלט ס'מויל!

און די צווייטע פּאַרטיע צעשויבערטע קעפּ, וואָס שפּאַרן אין דער אָפּענער טיר און האַלטן זיך צוריק ביי דער שוועל ווי דורך אַ כישוף, שרייט צו פינעסן:

— גנב! ליטוואַק! זויפּסט אונדזער בלוט! לאָזט אונדז הונגערן!

און פינעס שרייט צו אַ פּאָר בערדיקע גבאים:

— וואָס מישט איר זיך דאָ, וואָס מישט איר זיך? אין קיך אַריין גייט! זעט נאָר די גרויפּן זעט נאָר! טוכלע גרויפּן, ווי פּאַר הינט! מנדבים!

ישראל האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער קיך, ווי פון אַ גהינום, אַ פאַר־טויבטער, אַ באַרוישטער.

אויף דער גאַס האָט געשיינט די זון. אין עשעלאָן דראַגונער האָבן גע־האַגלט אויף דעם ווייסן ברוק מיט די פערדישע קאָפּיטעס, ווי צערייצטע בולדאָגן האָבן געבילט אין אויער אַריין עלעגאַנטע אויטאָמאָבילן. און אָט גייט אַריבער די גאַס אַן אָפיציר מיט אַ דאַמע. ער איז אַ הויכער, זי — אַ קליינינקע, נישט קיין גלייכע פּאָר. און זיי גייען זייער אומבאַהאָלפן. ער איז אַ דראַגונער, נישט געוווינט צו גיין צו פוס. מיט איין האַנט האַלט ער צו די לאַנגע שווערד, זי זאָל זיך אים נישט פּלאָנטערן, מיט דער אַנ־דערער האַנט האַלט ער צאַרט געאָרעמט זיין קליין דאַמעלע. די דאַמעלע איז אויף דער צייט. ער פירט זי פאַרזיכטיק אַריבער די גאַס און קוקט מיט שרעק אין אַלע זייטן. זי אָפּצוהיטן פון אַ בייז באַגעגעניש.

## ספּעקוליאַנטן

— אַט־אַט־אַ! אָט פּאָרט ער!

אַ כאַפּטע יידן אין קאַשקעטן און קאַפּעליושן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון טויער צו דער דראָזשקע און זי באַלאַגערט פון אַלע זייטן.

— פּאַניע ביסטריצקי, צוויי ווערטער!

— פּאַניע ביסטריצקי, מיר וואַרטן אויף אייך!

— ייִדן! וואָס זענט איר באַפֿאַלן דעם הער ביסטריצקי, ייִדן! לאָזט מעד צו, מעד!

און אַז ביסטריצקי האָט אויפֿגעהויבן זײַן האַנט, זײַנען אַלע שטיל געוואָרן. ס'איז געווען נישט קיין פּשוטע האַנט, נאָר אין אַ לייקענער הענטשקע, און געהאַלטן האָט די האַנט אַ זילבערן בײַטשל און געווען איז זי אײַנגעפּאַסט אין אַ קלאָרן מאַנקעט מיט אַ גילדערנער ספֿינקע.

— ייִדן, דולט מיר נישט קיין קאָפּ און לויפֿט מיר נישט נאָך. ווער עס האָט צו מיר אַ געשעפֿט — זאָל זיך מטריח זײַן אין קאַנטאָר אויף קרולעווסקי.

— אַז מען קאָן אײַך דאָרט נישט כאַפּן!

— אַז מען קאָן זיך נישט דערשלאָגן!

— אַז מען לאָזט גאָר נישט צו!

ביסטריצקי האָט געשמייכלט מיט זײַן ברייטן מויל, אַראָפּקוקנדיק צו דער בעה־דיקער, טומלדיקער חברה.

— אין דער היים נעם איך נישט אָן. בײַ מיר איז איצט מיטאָג. איר פֿאַרשטייט?

— וועלן מיר וואַרטן.

— ווי איר ווילט.

ער איז אַראָפּ פֿון דער דראָזשקע און זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו דער שוועלער, דעמבענער טיר מיט דער מעשענער שמידאַבע. די טיר האָט זיך געעפֿנט, זיך צעשמייכלט פֿאַר ביסטריצקין מיט די ווײַסע מאַר־מאָרנע שטיגן און זיך צוגעמאַכט בײַ די ייִדן פֿאַר דער נאָז.

די שטיגן זײַנען געווען פּלאַכע און ברייטע. אין זײַן לײַכטן ספּאָרט־אַנצוג האָט זיך ביסטריצקי געפֿילט אויף זיי גרינג ווי אַ פֿעדער. ער האָט געשוועבט אַרויף, פֿאָכנדיק מיט זײַן זילבערן ריטל. אָבער אויפֿן צווייטן שטאָק האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן.

— טאַדעק! וואַרט, טאַדעק!?

דאָס האָט אים געפֿעלט! אים האָט דאָ אָפּגעוואַרט דאַראַטשקע מיט דעם היטעלע אין האַנט, נישט קיין פֿאַרקעמטע, דוכט זיך, נישט קיין גע־וואַשענע, אַ פֿאַרשטויבטע, אַ צעקנייטשטע — די אָפּגעלאָזנקייט אַליין איז פֿאַר אים געשטאַנען, און געשטאַנען איז זי נעבן דער גיפּסענער דיאַנע, וואָס האָט באַצירט די נישע אויף די מאַרמאָרנע שטיגן. די גיפּסע־נע פֿיגור איז געווען גרעסער פֿאַר דאַראַטשקען, האָט מיט פֿאַראַכטונג זיך אָפּגעקערט פֿון דאַראַטשקען, ווי פֿון אַן אַלטער בעטלערין.

צוויי שעה איז זי געשטאַנען ווי אַ בעטלערין בײַ דער נישע אויף די שטיגן און אָפּגעוואַרט ביסטריצקין. און, אַז זי האָט אים דערזען, האָט

איר פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם און זי האָט שוין נישט געהאַט וואָס אים צו זאָגן. זי האָט קוים געשמייכלט:

— טאַדעק...

— נו?

— ניין, גאָרנישט, טאַדעק. אָן סצענעס. געקומען דיך זען. איך פֿאָר... איך פֿאָר אַוועק!...

— הם...

דאָס מעג איך דאָך... זען דיך. פֿרייע מענטשן... דו ביסט אַ פֿרייער מענטש. טאַדעק. גוט אַזוי.

דאָס זיינען געווען ברעקלעך פֿון די רייד, וואָס זי האָט געהאַט צוגעגרייט, וואָרטנדיק. די געדאַנקען אַליין זיינען געווען צעשאָטן, פֿרעמד, ווי אָפּגעשאָסענע הענט און פֿיס.

זי האָט גובר געווען די ערשטע, האַרטע טרערן און געשמייכלט. ביסטריצקי האָט אָפּגעזיפֿצט.

— ווי דו זעסט אויס, דאָרע! זע דיין הילוך! ווי אָפּגעלאָזט!...

— זאָרג נישט, טאַדעקל, זאָרג נישט... ס'וועט איבערגיין. מען קומט זיך צוזאַמען, מען גייט זיך פֿונאַנדער. מענטשן זיינען... ווי די פֿליגן. ס'וועט איבערגיין. איך אַרבעט שוין אין אַ קינדערהיים.

פֿריער אַ רגע האָט זי געזאָגט, אַז זי פֿאָרט אַוועק, איצט — אַז זי אַרבעט, און לויט איר אויסזען און הילוך האָט ביסטריצקי פֿאַרשטאַנען, אַז ביידע זאַכן זיינען נישט אמת. גיכער שלעפּט זי זיך אַרום איבער דער שטאָט און בלייבט ערגעץ ווו נעבעכיקן אויף פֿרעמדע שטיגן.

— איז וויזשע, טאַדעק? קיין מאָל זיך נישט זען? טאָקע קיינמאָל נישט?

— דאָרע, מיר מוזן זיך אויסהיילן איינע פֿון די אַנדערע.

— יאָ, זייער גלייך. זייער גלייך האָסטו געזאָגט. איך מוז זיך היילן, טאַדעק. איך בין משוגע.

— דאָרע!

— נו, איז דאָס נישט קיין משוגעת, אַז איך קום צו דיר אויף די שטיגן? זי קאָן נאָך אָנקומען, זי!

— דאָרע!

— נו, נו, איך גיי שוין. זיי געזונט. יאָ, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, קיין ליגן נישט?... גאָרנישט. זיי געזונט, טאַדעק!

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט אין דער הענטשקע, אַ קוש געטאָן און אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די שטיגן. ביסטריצקי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נאָך איר און זיך אָפּגעשטעלט.

— בעסער אַזוי, זאָל שוין נעמען אַ סוף. וואָס וועט ער איר נאָכגיין? אַ פֿאַרגאַנגענע קרענק. אַמאָל האָט ער ליב געהאַט דאָס דאָזיקע אָפּגעלאָזענע באַשעפֿעניש. זי איז דאָך אַלעמאָל געווען אָפּגעלאָזט. ווי האָט ער זי געקאָנט קושן? ווי האָט ער געקאָנט זיין נאָענט צו איר? ביסטריצקין הייבט אָן איבלען ביי דעם געדאַנק. עס איבלט אים אָבער נישט פֿון זיין פֿאַרגאַנגענער ליבע. אַ פֿאַרטריקנט בלימל אין האַרצן. אַ חלום פֿון פֿאַרגאַנגענעם דופֿט.

ער איז האַסטיק אַרויף אַ שטאָק העכער, אַנגעקלונגען. געעפֿנט האָט אים אַ באַיאָרנטע פֿרוי אין אַ ווייסן טשיפּיק, אָפּגענומען זיין הוט און רוט אין פֿאָדערצימער און זאַכלעך פֿינקטלעך אים געמאָלדן פֿון אַ פֿאַרשריבן צעטעלע, ווער עס איז געווען און ווער עס האָט צו אים געקלונגען. אַ פּאָר נעמען האָט ער אַריינגעשריבן אין נאָטיץ.

— די פֿאַני איז אין דער היים?

— יאָ, מיין הער, די פֿאַני איז היינט נישט אַרויסגעגאַנגען. קאָן מען דערלאַנגען צום טיש?

— באַלד.

ער איז דורכגעגאַנגען דאָס עס־צימער, דעם קאַבינעט, און שטיל זיך דערנענטערט צו דער אָפֿענער טיר פֿון איר צימער.

זי איז געזעסן נעבן דער אָפֿענער פּיאַנינאָ, מיטן רוקן צו דער קלאַוויאַטור און זיך געשפּילט מיט אירע אייגענע פֿינגער, ווי אַ קינד. האָט ער זי אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַ ברייטן צעשמייכלטן מויל, געוואָרן ערנסט און שטיל אַ הוסט געטאָן. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ — באַסיע.

זי האָט אים באַטראַכט מיט איר רויקן טונקעלן בליק, וואָס האָט געהאַט די מאָדנע איינגעשאַפּט צוצוציען און אָפּצושטויסן גלייכצייטיק און, אַזוי לאַנג ווי זי האָט אים ערנסט באַטראַכט, איז ביסטריצקי געשטאַנען, ווי צום אָרט צוגעשמידט. אָבער אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן שמייכלען. דאַן איז ער צוגעגאַנגען, שוועבנדיק שטיל, ווי אַ לעמפּערט. העפֿלעך אַ קוש געטאָן איר בלאַסע האַנט און דורשטיק פֿאַרליבט צוגעפֿאַלן צו אירע פֿולע ליפּן.

זי האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אָפּגעשטופּט פֿון זיך. און, האַלטנדיק זיין קאָפּ ביי די האָר, האָט זי אים באַטראַכט פֿונדערווייטן מיט פֿאַרוווּנדערונג, ווי זי וואָלט נישט פֿאַרשטיין, וואָס, אייגנטלעך, פֿאַר אַ שייכות האָט צו איר אָט דער מאָדנער שטאַרקער קאָפּ מיטן קאַנטיקן שטערן און ברייטן מויל.

— איך זיץ און טראַכט, ביסטריצקי, איך טראַכט און טראַכט...

— זי האָט באַפרייט זיין קאָפּ פון געפאַנגענשאַפט.

— וועסט באַרנישט איבערטראַכטן, באַסיע. דאָס לעבן איז צו קורץ.

— און געשעפטן — אַזוי פיל.

— און עסן ווילט זיך. האָרציקע...

— וואַרט, זיץ אַ ווײַלע. איך זע דיך אַזוי זעלטן.

האָט ער זיך אָוועקגעזעצט ביי אירע פיס און זיי אַרומגענומען — די צוויי שלאַנקע צווילינג־שוועסטער. און זי האָט אים ווידער אָנגע־כאַפּט ביי די האָר, מיט אַ כאַפּ פון אַ רויב־פויגל. און געווען איז זי אַזאַ שטילע דערביי, אַזאַ צאַרטע.

— ביסטריצקי, ווער בין איך? איך וויל וויסן ווער איך בין? דיין ווייב?

— באַסיניו!...

— פאַרשטייסט? ס'איז מיר די שטוב אַ פרעמדע. איך אַליין בין זיך פרעמד.

— דיין שטוב, באַסיניו. מעגסט אַלץ איבערדרייען און אַרויסוואַרפן וואָס דיר געפעלט נישט. נאָר מיך וואַרף נישט אַרויס.

און ער האָט זיך צוגעטוליעט צו אירע פיס. צווישן די ברעמען איז אים געלעגן אַ קנייטשל פון שווערן ערנסט.

— הם... מאָדנע. בין איך, הייסט עס: פרוי ביסטריצקי... נאָר...

זי האָט, ווייזט אויס, געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן. אָבער — פאַר־שוויגן. ביסטריצקי האָט שטאַרק געוואָלט צעשלאָגן אירע רעיונות. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. ביי זיי ביידען זיינען געלעגן אויף דער שפּיץ צונג די זעלביקע פּאָר ווערטער: דאָס קינד.

און די ווערטער זיינען אַזוי פאַרבליבן דאָס מאָל נישט אַרויסגע־בראַכט.

ער איז אויפגעשטאַנען און זי געבעטן צום טיש. זי האָט געזאָגט: באַלד, און איז געבליבן זיצן.

איז ער אַליין אוועק צום טיש. ער האָט שוין געהאַלטן אין מיטן עסן, ווען באַסיע איז אַריין אין עס־צימער. אירע צעפּ זיינען איצט געווען פאַרלייגט אַרום קאָפּ אין שווערע רייפן און ס'איז געווען אַזוי נאַטירלעך, וואָס זי האָט ביי יעדער געלעגנהייט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. אַזעלכע שווערע רייפן!

זי האָט נישט גלייך גענומען זיך צום עסן. לאַנג באַטראַכט אַ זיל־בערנעם עס־לעפל ווי אַ פרעמדן זעלטענעם חפץ. מיט דרך־ארץ און אַביסל

מיט מורא האָט זי געקוקט אויף דער באַיאָרנטער קעכין אין טשיפּיק, וואָס דערלאַנגט צום טיש אַזוי גענייט — באַלעבאַטיש.

ווען די קעכין איז אַרויס:

— זעסטו, ביסטריצקי, אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען נישט די געשעפטן דיינע. זיי נעמען דיך אַוועק ביי מיר, נעמען זיי דאָך אַלץ אַוועק. איך האָב דאָך קיינעם נישט. איז אַפילו די היים נישט מיינע.

— ווידער דאָס אייגענע.

— ניין, ניין, זיי נישט בייז, ביסטריצקי. איך בלייב מיט זיך אַליין. פאַרשטייסט? איך דאַרף נישט בלייבן מיט זיך אַליין...

— אָבער די געשעפטן, מיין קינד, קאָן מען נישט אָפּלייגן און מען דאַרף זיי נישט גרינגשעצן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די נייע סאָלידע מעבל פון עס־צימער, אויף די פיינע טאַפּעטן, אויף די פּאָר בילדער. ער האָט איר ווי פאַרבעטן מיטן בליק מיטצומאַכן דעם זעלביקן שפּאַציר מיט די אויגן, כדי זי זאָל פאַרשטיין, אַז דאָס האָבן זיי בלויז צו פאַרדאַנקען די געשעפטן, וואָס זיי זיינען ענדלעך צוזאַמען און סאָליד איינגעאָרדנט.

— איך בין אָבער, באַסיע, נישט קיין געשעפטס־מאַן, ווי דו ווייסט. די צייט איז אַזאַ, א געלעגנהייטס־צייט. און איך בין א רענעסאַנס־נאַטור. איך קאָן אַלץ. איך קאָן אַפילו די צייט און די מענטשלעכע נאַרישקייטן אויסנוצן. און איך האָב פון דעם הנאה. וואָס דען? נישט אויסנוצן די מענטשלעכע נאַרישקייט און זייער אומשולדיקן דראַנג צו פאַרניכטן איינע די אַנדערע?

ער האָט צוזאַמענגעדריקט די סערוועטקע און זי אָפּגעוואָרפן אַן א זייט אויפן טיש.

— איך בין דורכגעגאַנגען א גיהנום און געלעבט ערגער ווי א הונט, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען געווען ביים שכל און זיך פרידלעך געטיילט מיטן אָנגערויבטן פאַרמעג. איצט, ווען זיי טיילן זיך פּעטש — לאָמיך קודם אָוועקנעמען פון גרייטן טיש דאָס מיינינקע. זיי רויק, באַסיע, דאָס געשעפט וועט מיך נישט אויפעסן.

— אָבער מיך!...

האָט ער זיך פאַרטראַכט.

— יאָ, דאָס איז נישט גוט, באַסיע. מען דאַרף זען עפּעס אַן עצה.

און די עצה איז ווידער געלעגן ביי ביידען אויף דער צונג: דאָס קינד. באַסיע דאַרף נעמען צו זיך דאָס קינד, כדי צו געווינען איר גאַנצקייט און גלייכגעוויכט.

ס'איז אָבער געווען לייכטער צו טראַכטן, ווי אַרויסצורעדן. וויילביידע האָבן געוווסט, אַז פון רעדן ביז טאָן איז אַ גרויסער מהלך. ניִשט זי איז געווען די איניציקע בעל־דעה אין דער אַנגעלעגנהייט. און מיטן צווייטן צד, מיטן פאָטער פון דעם קינד, איז נישט לייכט דורכצוקומען.

און פאַרוואָס זאָל עפּעס לעאָן וועלן איר טאָן אַזאַ געפעליקייט, ווי אָפּטרעטן דאָס איינציקע קינד?

נאָכן עסן איז באַסיע אַוועק צו זיך, מאַכן איר טואַלעט אויף אַרויסצוגיין. זי האָט בכיוון אָפּגעלייגט דעם טואַלעט־ענין אויף נאָכמיטאָג, כדי ווי עס איז אָנצופילן די ליידיקע צייט.

און ביסטריצקי, פאַרבייגייענדיק די עלעגאַנטע ביבליאָטעק, האָט געעפנט דאָס מאַסיווע טירל און אַראָפּגענומען אַ פראַכט־באַנד פון פּאַ־ליצע, דאָס איז געווען מאָליער אין אָריגינאַל.

איז ווידער געשטאַנען פאַר אים דאָראָטשקע, נישט דאָס דערשלאָ־גענע באַשעפעניש, וואָס ער האָט היינט געטראָפן אויף די שטיגן, נאָר דאָראָטשקע פון אַמאָל, מיט איר קלינגענדיקער אויסשפּראַך, מיט איר לויטערער שטים. זי האָט אים געלערנט פראַנצויזיש.

באַסיעס שטים איז אַ מאַטע, ווי די אויגן אירע. קיין פראַנצויזיש קען זי נישט.

ביסטריצקין האָט צוליב אַן אַסאָציאַציע אָפּגעקלונגען די מאַר־סעלעזיע אין די אויערן. ער האָט זי אָנגעהויבן אויסצופייפן. אָבער, כמעט גלייכצייטיק, דערהערט ער, צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג, די מאַרסעלעזיע אין מעטאַלענע טענער אויף דער גאַס. ער וויל נישט גלויבן זיינע אויערן. ווי איז דאָס מעגלעך אַזאַ צוזאַמענטרעף? ער לויפט צו צום פענצטער, קוקט אַראָפּ.

נו, געוויס, די מאַרסעלעזיע. דאָס גייט מיליטער מיט אָפענע פענער צום פראָנט. דאָס שפּילט מען לכבוד דעם פראַנצויזישן פאַרבינדעטן.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער חבר־באַלעבאָס האָט אָפּגעגאָלט זיין רונד בלאָנד בערדל, וואָס האָט זיך אַמאָל אַזוי פלאַטשיק געוויקלט אַרום זיין פּנים, ווי אַ געל טיכל קעגן צאָן־ווייטיק. ער האָט איצט באַקומען דעם אויסזען פון אַן אָפּגערי־סענעם ששיגעץ מיט אַ טשוב. ער האָט שוין יאָ געהאַט אַ צוטריט צו ביסטריצקין און דווקא אין דער פריוואַטער וווינונג און נישט אין די אויפנאַם־שעהן. ער האָט געאַרבעט מיט ביסטריצקין בשותפות און הײַנט דעם זיינען זיי גלאַט געוואָרן גוטע פריינט.

— אַ, מאַיע אושאַנאָוואַניע, פּאַני באַסיאַ! וואָס האָט איר זיך אַזוי אויסגעפּוצט? אין דער אָפּערע אַריין — וואָס?

באַסיע האָט אים אויסגעשטרעקט איר בלאַסע האַנט אַ קוש צו טאָן. זי איז געווען געצירט אין שוואַרצן סאַמעט.

— מיר גייען אויף אַ קאָנצערט, פּאַניע פּאָדלאַסקי. ביסטריצקי טוט זיך אָן. ער וועט באַלד אַריינקומען. זעט, פּאַרעדט זיך נישט לאַנג. מיר׳ן פּאַרשפּעטיקן!

— הם, אַ שאָד, כ׳לעבן. איך גיי אין דער אָפּערע. מען מוז אורמעטום זיין. ס׳געשעפּט פּאָדערט.

— ביסטריצקי האָט אויך עפּעס געברומט, אַז ער מוז עמעצן טרעפן, אַ גראַף עפּעס...

— אָט, אָט... איצט איז די צייט, פּאַני באַסיאַ, איצט איז די צייט.

און, מאַכנדיק מיט די הענט, ווי אַ ווינט־מיל, האָט פּאָדלאַסקי זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעטאַנצט פון צימער — אַן אויסגעפּוצטער שייגעץ מיט אַ ווייסן גאָרס און מיט אַ טשוב.

מיטן שותף האָט ער זיך געטראָפן אין קאַבינעט. ביסטריצקי איז אויך געווען גאַלאַ, מיט אַן אויסגעשניטענעם וועסט און האָט אויסגעזען ווי אַ דיפּלאָמאַט און ווי אַן אויבער קעלנער גלייכצייטיק.

זיין פּירקאַנטיק פּנים מיטן ברייטן מויל, מיט די אויגן פון אונטערן שטערן אַרויס האָט געהאַט גאָר ווייניק אַריסטאָקראַטישעס אין זיך. דאָס איז אָנפּאַס. אָבער דערפאַר האָט ביסטריצקי געהאַט אַ פיינעם פּראָפיל. קורץ געשניצט, דער שטערן — ווי אַ דאַשיק איבער די אויגן, די קין רונד און שאַרף אַרויסגעשטעלט — אַן אָדלער.

פּאָדלאַסקי אָבער האָט זיך מיט קיין פּראָפיל אויך נישט געקאָנט באַרימען. אַרום און אַרום — אַ קיילעכדיקער שייגעץ, מאָדערן אַרומגעגייט, ווי אַ נייע פוטבאָל־פּילקע.

— אַ, דו ביסט עס, אָשר? — ער האָט זיך געפּאָרעט מיט די שליסעלעך ביי דער קליינער אייזערנער קאַסע — נו, וואָס וועסטו זאָגן?

— וואָס זאָל איך זאָגן? מע טראַסקעט. איך גיי אין דער אָפּערע דו אין קאָנסערוואַטאָריום. ווו טרעפן מיר זיך?

— אין קאַפע, מיין טייערער. יאָ, אַ גוטע נייעס. מיט די זאָטלען גייט עס אויף אַ דרך. איך האָב שוין געהערט, אַז זיי טויגן נישט.

— טאַקע? זעסט שוין, אַז איך האָב אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס? האָ?

באַסיע האָט אָנגעקלאַפּט און געעפנט די טיר.

— ביסטריצקי, מיר׳ן פּאַרשפּעטיקן.

ס׳איז געווען צווישן בקשה און באַפעל.

— באלד, באלד, מיין טייערע!

און די שותפים האָבן זיך אריינגעלאָזט אין א שנעלן סודותדיקן שמועס מיט האלבע, נישט דערעדטע ווערטער, ווי די ווענט וואָלטן געהאַט אויערן.

באסיע האָט דערווייל זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל. זי האָט געקאָנט צופרידן זיין פון איר לייכטער, מיידלשער פיגור, נעט ארומגענומען מיט שווארצן סאַמעט. פון דעם אויסשניט איז איר פולער האלדז ארויסגע־וואַקסן, ווי א בלאַסע מאַרמאָרנע וואַזע. חער מאַרמאָר האָט נישט טער בלאַנקט, ער האָט געטראָגן זיין גרינלעכן שאָטן אין זיך. איינס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן: די לאַנגע בריליאַנטענע אוירינגלעך, וואָס זי האָט היינט אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל.

מיט זייער חוצפּהדיקן גלאַנץ האָבן זיך אָנגעשטעקט אירע אויגן און אויך אָנגעהויבן חוצפּהדיק צו גלאַנצן.

— ביסטריצקי! צייט צו גיין!

דאָס איז שוין געווען א באַפעל.

בײדע שותפים זיינען אריין צעפּלאָמטע און צופרידענע פון זייע־שמועס. ביסטריצקי האָט א בליק געטאָן אויף באסיען און זיין שטערן האָט זיך א רגע פאַר גדולה א הויב געטאָן איבער די אויגן. ער האָט גאָר־נישט געזאָגט, נאָר ברייט געשמייכלט. פון די שטיגן איז מען אראָפּ זאַלבע־דריט און אויף דער גאַס זיך געזעגנט מיט פּאָדלאַסקין.

באסיע האָט זיך נישט געמישט אין ביסטריצקיס געשעפטן. ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר העפלעך אַליין איר זאָגן עפּעס.

— פאַרשטייסט, באסיניו, עס רוקט זיך אָן א גרעסערע זאַך, איך דאַרף זיך נאָך היינט זען מיט אים נאָכן קאָנצערט.

— אפשר שטער איך דיר? אפשר ווילסטו גאָרנישט גיין?

— חלילה!

אָבער באסיע איז שוין געווען באַליידיקט. איז שוין דער אָוונט אויך נישט איינגאַנצן אירער. נאָר א געבאָרגטע פאַר שעה. און, ווייל ביסטריצקי איז געווען ווי א וווּנטש־פינגערל, נישט צו כאַפּן אים, נישט אייגצוהאַלטן נעבן זיך, האָט זיך באסיען אויסגעוויזן, אז זי וואָלט געווען פיל גליק־לעכער, ווען זי קאָן אים וואָס לעבנער נעבן זיך איינהאַלטן, הייסט דאָך עס: זי האָט אים ליב! אָבער צוליב איר וואָלט ער אפילו אויפן קאָנצערט נישט געגאַנגען. שוין לאַנגע חדשים, אז זי האָט קיין מוזיק נישט געהערט. און זי האָט דאָך אַזוי ליב בעטהאָווענען. זי האָט אַזוי זיך געפרייט מיטן היינטיקן קאָנצערט. איצט איז שוין די פרייד אויך פאַרסמט. זי גייט אויפן

קאָנצערט, ווייל ביסטריצקי דאַרף דאָרט האָבן אוודאי עמעצן, וואָס איז אים נויטיק צום געשעפט.

און פונקט צו איר אויצטיקוער שטימונג האָט אָנגעהויבן רעגענען, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו כאַפּן אַ פיאַקער.

אין קאָנצערט־זאַל זיינען געווען מיליטער־לייט מער ווי ציווילע. עס האָט זיך געדאַכט: אַלע אָפיצירן פון פראָנט האָבן זיך דאָ געראַטעוועט פון געפּאַר און פון שלאַקס־רעגן. אויף דער גאַס האָט געגאָסן אַ מבול. און דאָ זיינען געווען די ריזן־פענצטער פאַרהאָנגען, נישט אַרויסצולאָזן אויף דער גאַס די אָנגענעמע ליכטיקייט פון די עלעקטרישע קאַנדעלאַבערס. דאָ האָט מען געשפּילט בעטהאָווענען, און פליכן זיינען געזעסן רייענווייז און זיך צוגעהערט, פאַרכישופטע. אויף דער וועלט איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרפלייצונג. מענטשן האָבן זיך געוויקט אין די פינצטערע, פאַרגאַ־סענע שויץ־גרובנס, מענטשן האָבן זיך געוויקט אין דער פינצטערער ווים־טעניש, אויף אָנגעלאָדענע פורלעך מיט בעטגעוואַנט, מיט בעבעכעס, פאַרטריבענע, פאַריאָגטע פון זייערע היימען; בהמות, וואָס האָבן פאַר־לוירן דעם שטאַל, זיינען געשטאַנען אין פינצטערן פעלד, מיטן אויסגע־בויגענעם רוקן צו די רעגן־בייטשן און נידעריק געערדט צו דער ערד. אויף דער וועלט איז אָנגעגאַנגען אַ מבול. און דאָ איז געווען ליכטיק אין זאַל, ליכטיק און פייערלעך. אַ זאַל — אַ תיבה.

און געשווומען איז די תיבה איבערן מבול און אָנגעפירט מיט דער תיבה האָט בעטהאָווען. וווהין פירט ער זי און וווהין וועט ער זי ברענ־גען — דער נוצלאָזער גאון?

ביסטריצקי האָט די גאַנצע צייט געזוכט וועמען מיט די אויגן. ענד־לעך האָט ער זיך צעשמייכלט.

— זעסט, באַסיע! יענער אין די ברילן, דער גרויער, דאָס איז גענע־ראַל רודזסקי און דער, פון רעכטס, מיט די באַקן־בערד, דער אַדיוטאַנט זיינער, גראַף...

דעם נאָמען האָט באַסיע נישט דערהערט. זי האָט געמאַכט אַן אומ־געדולדיקע באַוועגונג, ער זאָל איר נישט שטערן הערן די מוזיק.

אין פּאָיע, בעת דער פּאָזע, האָט ביסטריצקי געהאַלטן אויפן אויג רודזסקין מיטן אַדיוטאַנט.

ער האָט פלוצלינג אַ צי געטאָן באַסיען ביי דער האַנט:

— זע!

און ס׳איז טאַקע געווען וואָס צו זען. נישט זיי אַליין האָבן זיך געצויגן מיטן בליק צו דער אויסטערלעשער סצענע.

נאָך פריער האָט זיך זיי געהאַט געוואָרפן אין די אויגן אַ שלאַנקע דאַמע מיט אַ קליין פּנימל און ווילד־צעקרייזלטע האָר. קינדיש האָט אַרויס־געקוקט איר אויסגעמאָקט פּנימל מיט די גרויסע אויגן פון ריזיקן האָר־געמאַך. עס האָט אויסגעזען: דער קאָפּ וועגט אַריבער איר שלאַנקער פיגור. די דאַמע האָט געגלאַנצט מיט בריליאַנטן און געבלאַנקט מיט די גאָלדיקע אַקסלען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויקלט פון גרין־פאַרוועלקטן בראָקאַט. זי איז געשוועמען איבערן פּאָיע אין דער באַגלייטונג פון אַן עלטערן הער מיט אַ פּליך פון אַ פּראָפּעסאָר און מיט אַ נאַקן פון אַ קצב. ער איז איר נאָכגעגאַנגען הכנעהדיק, ווי אַ קו נאָך אַ קאַלב. און ס'איז געשען, אַז אין אומאויפהערלעכן שפּאַציר איבער דעם לאַנגן פּאָיע האָט זיך דאָס דאָזיקע פּאָרל צוזאַמענגעטראָפן מיט רודזסקיס אַדיוטאַנט. און דאָס איז געווען די סצענע, וואָס האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. סיי די דאַמע, סיי דער אַדיוטאַנט האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט, זיך צוריקגעצויגן און זיך אַ וואָרף געטאָן איינער צום צווייטן. זיי האָבן, דאַכט זיך, קוים זיך באַהערשט נישט צו פאַלן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס. זיי האָבןביידע עפּעס אויסגעשריגן און הארציק זיך געדריקט די הענט, דערביי איז געשטאַנען דער הער מיטן פּראָפעסאָרישן פּליך און געזוכט זיינע קעשענעס ווי די הענט אַהינצוטאָן. זיין קצבישער קארק האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בראַנד.

ביסטריצקי האָט פון אָנהויב געקוקט אויף דער גליקלעכער פּאָר און ברייט צוגעשמייכלט. פּלוצלינג איז אים פאַרלאָפן אַ קנייטשל צווישן די ברעמען. די דאַמע מיט די גאָלדענע אַקסלען האָט אים אויסגעוויזן באַ־קאַנט און ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווו ער האָט זי געזען. אויך האָט אים פאַרדראָסן, וואָס צוליב דער דאַמע וועט ער מוזן אָפּלייגן זיין באַגעגעניש מיטן אַדיוטאַנט, וואָס ער האָט אים נויטיק געהאַט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

שוין אָפּפירנדיק באַסיען אַהיים, האָט ער זיך פּלוצלינג אין דער קני אַ פּאַטש געטאָן און זיך צעלאַכט:

— צום טייוול! דאָס איז האַנקע!

— וועלכע האַנקע? — האָט באַסיע זיך פאַרוואונדערט.

— נו, די הויכע דאַמע, וואָס האָט זיך אַזוי דערפרייט מיטן אָפיציר.

— קענסטו זי?

— אָ, איך קען זי זייער גוט, אויב דאָס איז זי. — ער האָט ווידער געצוויפּלט. — אָבער ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? ווי קומט אַהער האַנקע?

פּאָדלאַסקי האָט געוואַרט אויף אים אין קאַפע ביי דער אָפּערע. ווען ביסטריצקי איז, נאָכן באַגלייטן באַסיען אַהיים, אַריינגעקומען אין קאַפע,

האָט ער געטראָפן זיין שותף ביי א בעכער מאזאגראַן מיט א פארשעמטער מינע ,איבערן צעבראָכענעם שטרוי.

— נו, אָשר, ווו איז דאָס די דאמע דיינע?

— זי האָט מיר אַנטלאָפן, ברודער. איך זאָג דיר בפירוש, זי האָט געזאָלט זיין אין דער אָפּערע. צוזאַמען האָבן מיר געדאַרפט פאָרן אין סאַוואָי. אזוי האָבן מיר אָפּגעשמועסט מיט גאַריעלאָוון.

— און ווער איז גאַריעלאָוו?

— אַך, גאָט מיינער, סאַראַ קורצער זכרון ביי דיר! כ׳האָב דאָך געזאָגט, אז גאַריעלאָוו — דאָס איז איר מאַן, אז זי הייסט מאַדאַם גאַריע־לאָווא. העלענא אָסיפּאָוונא גאַריעלאָווא, פון פּעטערבורג.

— ווי אזוי? העל... העלענא! וואַרט נאָר. איר מאַן האָט א געשוירן בערדל.

— יאָ.

— א פליך?

— איבער די אויערן.

— הם... ווי מען וואָלט אים אויסגעפליקט די האָר פון קאָפּ און צוגעקלעפּט צו דער גאָמבע?

— דו קענסט אים?

— אָשר, ביסט א טיפּש. זיי זיינען געווען אויפן קאָנצערט.

— וואָס רעדסטו?

— איך ווייס וואָס איך רעד. געווען אויפן קאָנצערט און זיך גע־טראָפן מיט אונדזער חברה־מאַן.

— מיטן גראַף פלאַטען־מאַיעווסקי?

— יאָ, און עס ווייזט זיך ארויס, אז דיין העלענע מיט אים זיינען אַלטע באַקאַנטע. ביסטריצקי האָט פאַר זיין שותף אָפּגעמאָלט די סצענע אין פאָיע פון קאָנצערט־זאַל. פאַדלאַסקי איז פון אָרט געשפּרונגען. עס איז אים באַפאַלן א נערוועזע איילעניש.

— קום, קום פאָרן אין סאַוואָי! אפשר זיינען זיי דאָרטן... איך מוז עס זען מיט מיינע אויגן...

ביסטריצקי האָט אָנגעקוקט זיין שותף שאַרף און פאַרדעכטיק.

— זאָג נאָר, בחור! צי ביסטו אַמאָל נישט פאַרליבט אין דער דאָזי־קער העלענע?

—הם... רעדסט נאַרישקייטן. — פאַדלאַסקי האָט אויסגעמיטן זיין בליק און פלוצלינג איז ער אריין אין גרימצאָרן.

— און אויב פאַרליבט, איז וואָס? קומט דיר ארויס א חלק? ליבע, ברודער, איז נישט שותפות, און צום געשעפט וועט עס אונדז נישט שאַטן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין סאַוואָי און אַריין אין דער סאַמע געדיכטעניש פון רוסישן פראָנט.

די טישן זיינען געווען באַזעצט דורך מיליטער־לייט פון אַלע ראַנגען און פאָרמען, וועלכע האָבן זיך דאָ „באַפעסטיקט אויף די פריער צוגעגרייטע פּאָזיציעס". אַ קליינע צאָל ציווילע, ווי אַן עקסטעריטאָריאַלע מינדערהייט איז געווען צעשפּרייט און אויף קעסט ביי די מיליטערישע טישלעך. אייניקע ציווילע האָבן אויסגעזען, ווי איבערגעטוענע מיליטער־לייט, אייניקע מיליטער־לייט — די רעזערוו־אָפיצירן, ווי איבערגעטוענע קרעמער און באַאַמטע. דאָמינירט האָט אָבער די עכט מיליטערישע ראַסע, אָנהויבנדיק פון די אַנגליזירטע שטאַב־אָפיצירן מיט האַלב פּראָפעסאָרישע באַברילטע פּנימער און אויסגעלאָזט מיט די בערדיקע אַרמיי־קאַצאַפּעס מיט אָפּגעבראַנטע פּנימער און אויסגעבליכטע, אָפּגעפּאָלירטע שפּיציקע באַקן־ביינער. די אַרמיי האָט געפרעסן, געזויפן און געלאַכט, אַ הילכיק רוסישן געלעכטער, וואָס האָט דערמאָנט אָן קנאַקנדיקע קוילנוואַרפערס. ביי אייניקע טישלעך איז מען געגאַנגען אויף אַטאַקע און געשריגן הוראַ. דער סאַוואָי־אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם רוסישן הימן און געצוווּנגען די הונדערטער פּאָר באַשטיוולטע, באַשפּאָרנטע פיס זיך צוזאַמענצוציען מיט אַ גערויש, און די נישט ניכטערע גופים זיך אויפצוהייבן און אויסגלייכן. אַן אַלטער שיכורער פּאָלקאָווניק האָט נאָכדעם מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביים קאַפּעלמייסטער: „גאָלובטשיק, טו דאָס נישט! וועסט קאָמפּראָמיטירן מיין עלטער!"

ביסטריצקי מיט פּאָדלאָסקין האָבן זיך געשאַרט צווישן די טישלעך מיט אַ היימישן „פּאַרדאָן", זוכנדיק די באַקאַנטע קאָמפּאַניע. די גאַריעלאָווס האָבן זיי געפונען אין אַ זייטיקן פּאַוויליאָן, ווייט פון דער מוזיק. מיט זיי איז געזעסן דער אַדיוטאַנט פּלאַטען־מאַיעווסקי — אַ פּרעכטיקער קאָפּ קאַשטאַנענע האָר און צוגעשוירענע באַקן־בערד אַלאַ פּאָניאַטאָווסקי. נאָך אַ פּאָר מיליטער־לייט זיינען געזעסן ביי דעם זעלביקן טיש.

פּאָדלאָסקי איז געשטאַנען, ווי אַ פּאַרלוירענער, געשטאַנען פאַר אַ האַלבן פּראָבלעם: מסחר, אָדער ליבע? צו דער שיינער מאַדאַם גאַריעלאָווא איז ער געווען גאָר נישט גלייכגילטיק פון ערשטן טאָג אָן, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט איר. אָבער מיט דער הילף פון דער דאָזיקער שיינער פרוי, וואָס האָט געוווּסט אַלע גענג און הינטערגענג אין די מיליטערישע הויכע פענצטער האָט ער שוין דורכגעפירט אַ פּאָר פיינע מסחרים. לעצטנס איז אים איינגעפאַלן, אַז דעם ענין מיט די זאָטלען, וואָס איז שטאַרק אָפּהענגיק פון פּלאַטען־מאַיעווסקיס עקספּערטיזע, אַז דעם דאָזיקן ענין וועט מען קאָנען דורכפירן מיט דער הילף פון מאַדאַם גאַריעלאָווא.

פּלאַטען־מאַיעווסקי איז אַ גוטער ברודער און אַ גרויסער קאָרטן־שפּילער. אָבער אַמאָל צינדט זיך אין אים אָן דער האַנאָר און ער ווערט איינגעשפּאַרט ווי אַ נאַראָווויסטער פערד.

קלאָר, ווי דער טאָג, אַז וואָס אַזאַ פּלאַטען־מאַיעווסקי וועט נישט טאָן צוליב קאָרטן, וועט ער זיכער טאָן צוליב די שיינע אויגן פון אַ מאַדאַם גאַריעלאָוואַ. און טאָן דאַרף ער אַ קלייניקייט, נישט קיין פעלשונג, חלילה. אַלס איינער פון די ווייניקע עקספּערטן דאַרף ער זען צו פּאַרבראַקירן די ריזיקע פּאַרטיע יאַפּאַנישע זאָטלען, וואָס די פירמע „הערקולעס" האָט צוגעשטעלט. די פירמע „הערקולעס", דאָס זיינען איינגנטלעך, ביסטריצקי, פּאַדלאַסקי און נאָך אייניקע סוחרים. צו וואָס טויג דאָס דער פירמע צו האָבן היזק פון אַ פּאַרבראַקירטן ריזן־טראַנספּאָרט — דאָס איז שוין אייער זאַך. די זאָטלען זיינען פּרעכטיקע, זיי האָבן אָבער אַ פלאַכע קאָנסטרוקציע און די רוסישע רייטער זיינען צו זיי נישט געוווינט. דאָס איז דער מאָטיוו צום פּאַרבראַקירן פאַר דער עקספּערטיזע. דאָ קאָן מען געהאָלפן ווערן דורך פּלאַטען־מאַיעווסקיס וואָרט און מאַדאַם גאַריעלאָוואַס שיינע אויגן. ווען איז דאָס גערעדט? — ווען די באַקאַנטשאַפט פון דעם אַדיוטאַנט מיט דער דאַמע קומט דורך אים, דורך פּאַדלאַסקין.

אָבער דער אַדיוטאַנט מיט דער מאַדאַם גאַריעלאָוואַ — זעט ער — זיצן גאָר ביים טיש איבערגעבויגן איינער צום אַנדערן, ווי אַ פּאָר אַלטע, האַרציקע גוטע פריינט. זיי רעדן צווישן זיך אַזוי אינטים, זיי שמייכלען זיך איבער אַזוי אָפן, ווי דערביי וואָלטן גאָר קיין זייטיקע נישט געווען.

שטייט טאַקע פּאַדלאַסקי אַ פּאַרלוירענער, געפרעסן פון פּאַרדרוס און פון אייפערזוכט און טראַכט זיך:

— אָט דאָס הייסט שלעכטע פיש געגעסן און פון שטאָט אַרויסגעטריבן.

גאַריעליאָוו האָט אים דערזען און פריינטלעך צוגערופן. זיי האָבן זיך געדרוקט די הענט, ווי צוויי אומגליקס־חברים. פּאַדלאַסקי האָט פאָרגעשטעלט זיין שותף און די דאַמע האָט אים באַגריסט מיט אַ פרעמד־העפלעכן אויגן־שמייכל. ביסטריצקי האָט שוין מער נישט געצווייפלט, אַז דאָס איז האַנקע, אַזוי ווי ער איז אָבער געקומען אַהער נישט צוליב דער דאַמע, נאָר צוליב געשעפט, האָט ער זיך קודם־כל פאַראינטערעסירט מיט דעם געשעפט, וואָס גאַריעלאָוו האָט געפירט מיט די אַנדערע צוויי אָפיצירן. גאַריעלאָוו האָט גערעדט באַזאַכט און צעצויגן, ווי אַן אַלטער געניטער געשעפטס־מאַן, וואָס זיין וואָרט דאַרף זיין פעסט און דעמאָנסטראַטיוו ערלעך, ווי אַ זיכערער ווינקלשטיין אויף צו בויען אַ קלויסטער. ער האָט צייט געהאַט זיך צו פאַרציען, ער האָט צייט געהאַט צו שוועבן

איבער האנקעס גאלדענע אקסל מיט א פארליבטן, פארשמאלצענעם בליק און דעם פאדים פון געשפרעך האט ער נישט ארויסגעלאזט. ער האלט, אז די צעשאסענע בריק אויפן נארעוו איז נאר א שטערונג פאר די מיליטערישע באוועגונגען. די אקציען־געזעלשאפט, וואס ער איז איר פארשטייער, וואלט זיך גערן געלאזט אין אונטערהאנדלונגען אראפצונעמען די בריק אויף שמעלץ.

דאס, וואס זיין ווייב קאן זיך נישט אפרייסן פון דעם שיינעם אפיציר, האט אים, אין גרונט גענומען, הנאה געטאן. ער האט נאר געמאכט אן אנשטעל פון באליידיקטן אומשולד, ווען צו זיין אויער זיינען דערגאנגען זייער פאמיליערע: פאניע אדאסיו, פאני האנקא!

ס׳וועט טויגן צום געשעפט. צוליב געשעפט איז ער דאך אראפגעקומען אהער מיט זיין רוסישער ברייטקייט און פעטערבורגער קארעקטקייט. צוליב געשעפט דארף ער צו זיין ווייב די פולע טאלעראנץ.

גאריעלאוו האט מיט א רחבותדיקער גראציע א מאך געטאן מיט דער האנט צום אבערקעלנער און באשטעלט שאמפאניער. אבער אין דעם זעלבן מאמענט האט זיך אין גרויסן זאל אנגעהויבן א גערודער, א טופען און שארן מיט די פיס און ס׳איז דארט פלוצלינג שטיל געווארן ווי אין אן אויער. די מוזיק האט זיך איבערגעריסן אין מיטן שפילן, און אין דער שטילקייט האט זיך פלוצלינג דערהערט איין שטים, וואס האט געקלונגען, ווי א געפלאצטער מעש. די שטים האט פארקלונגען מיט א העפטיק, רוסישן מי־שברך. ביסטריצקי האט אנגעקוקט זיין נייע באקאנטע. די אפיצירן זיינען געזעסן פארגליווערט און בלאס. ביי דער טיר, וואס פירט צום זאל איז שוין אויסגעוואקסן א געזעמל.

אויך ביסטריצקי האט א שפרונג געטאן צו דער טיר. א מאדנע בילד האט מיט זיך פארגעשטעלט דער איבערפולטער זאל. אלע מיליטערישע געסט זיינען געשטאנען אויסגעצויגן ביי זייערע טישלעך, אלע מיטן פנים צום הויפט־ארייגאנג, אלע פארשטייפט, ווי פארצויבערטע. און א הויכער גענעראל מיט א גרא בערדל האט געשפאנט אויף א פאר לאנגע פיס, געמאכט גרויסע טריט, ווי א שפין, פון איין אויסגעצויגענעם אפיציר צום צווייטן און מיט דער לאנגער האנט אין דער ווייסער הענטשקע געטיילט פעטש אין די פארשטייפטע באקן.

— וואס טוט איר דא, הינטישע זין, און אייער מאמען ארייין! אויפן פראנט! די מינוט אויפן פראנט!

— איך הארך, אייער דורכלויכט!

און דער געפאטשטער אפיציר איז ווייטער געבליבן שטיין א פארגליווערטער.

ביסטריצקי האט געהערט, אז דער הויפט־קאמאנדיר, ניקאלאי נ׳קאַ־לאיעוויטש מאכט פון צייט צו צייט רעוויזיעס אין די װאַרשעווער נעסטן פון שיכרות. געזען אבער האט ער עם צום ערשטן מאל. און ער איז גע־ווען אנטציקט, ווי פון א זעלטענער מיסטעריע.

ווען ער האט זיך אומגעקוקט אויף די הינטערשטע טישלעך, האט ער דערזען, אז דער פאוויליאן איז כמעט ליידיק. די אפיצירן זיינען אנט־לאפן דורך דער הינטער־טיר, און די עטלעכע ציווילע לייט זיצן ביי א פרידלעכן שמועס, ווי מענטשן זייטיקע, וואס ווילן זיך נישט מישן אין מיליטערישע ענינים.

אונטער דעם רושם פון דער עפעקטער סצענע האט ביסטריצקי זיך צוריקגעקערט צום טיש פון די גאריעלאוום א פארשיכורטער. מען האט געשוויגן און געשמייכלט. נאך האנקעם גרויסע אויגן זיינען געהאנגען אין רוים, ווי פארהיפנאטיזירט. גאריעלאוו האט מיט א רחבותדיקן זשעסט צוגערופן דעם אבער און געבעטן א רעכענונג.

## קארל קראַנע

מען האט צוזאמענגעטריבן קריגס־געפאנגענע רוסן פון אלע עקן דייטשלאנד, פון די געפאנגענלאגערן, לאנדווירטשאפטן, קוילן־גרובן און פאבריקן. מען האט זיי פארשפארט אין פראכט־וואגאנעס — א פארטיע פון טויזנט מאן, פארריגלט און פארזיגלט און אזוי, אן עסן, אן טרינקען, געפירט זיי צווויי מיט א האלבן מעת־לעת אין דער ריכטונג צו מזרח.

אויף די גרעסערע סטאציעס האט מען דעם צוג מיט די געפאנגענע פארהשטופט אויף א זייטיקער ליניע, קיינער זאל נישט הערן און זיך נישט איבערנעמען מיט די געוואלדן און פראטעסט־געשרייען פון די פאר־שפארטע, קיינעם זאל נישט אויבעררראשן זייער אומאויפהערלעכער משו־גענער פויקן אין די פארריגלטע טירן אריין...

אבער דער צוג האט זיך לענגער אין ערגעץ נישט פארהאלטן. אזוי שנעל, ווי דער וועג איז פריי געווארן, האט מען אים געלאזט ווייטער לויפן ביז...

ביז אויפן דריטן טאג האט ער זיך, ענדלעך, אפגעשטעלט ביי א קליי־נער סטאציע אין דער מיט פון א געדיכטן שטילן וואלד. און שטילער

פאַרן וואַלד איז ער געשטאַנען אַ פּאַרטיזאַנער. מען האָט שוין נישט געהערט קיין קולות און געוואַלדן פון די פאַרזיגלטע וואַגאָנעס, ווי אַלע וואָלטן דאָרט אויסגעשטאָרבן, אָדער זיך פאַרטײַעט אין אַ שטומען געלעבטער פון דעם שפּיצל, וואָס מען האָט זיי אָפּגעטאָן.

אַן אָפּטיילונג פון דײַטשישע לאַנדשטורמיסטן האָבן זיך דאַן פון דער קלײנער סטאַציע אַ לאָז געטאָן צום פאַרחלשטן צוג מיט זײערע אויפגעשפּיצטע שטיקן אויף זיך אויסגעשטעלט אין אַ שיטערער קייט אין זײַן גאַנצער לענג.

ווען מען האָט אָפּגעזיגלט און אויפגעפּראַלט די וואַגאָן־טירן, איינע נאָך דער אַנדערער — האָט די גאַנצע קייט לאַנדשטורמיסטן זיך אַ שפּאַר געטאָן שלעגלדיק אויף צוריק, ווי פון אַ שווערן גאַז־אַטאַקע, קײַכנדיק און שפּייענדיק.

פון די אויפגעפּראַלטע וואַגאָנעס האָט אַרויסגעזעצט אַ מוראַדיקער געשטאַנק און באַלד איז די אויראַלט־קלאָרע וואַלד־לופט אויף אַ מהלך אַרום דער סטאַציע פאַרפּעסטעט געוואָרן, ווי מען וואָלט דאָ געהאַלטן אין אויסצאַפּן אײַן ריזיקן קלאָזעט.

אַ מיטל־וווקסיקער, ברייטפּליציקער לייטענאַנט מיט אונטערגעהאַקטע ווילהעלם־וואָנצעס, האָט געפּאַכעט מיט אַ פּערפומירט טיכעלע בײַ דער נאָז און בײַ יעדער פריש־אויפגעפּראַלטער טיר אַרויסגעגרעבצט.

— אויסשטייגן, רוסישע שווײַנע!

האָבן פון די אָפענע פינצטערע קוואַדראַטן זיך לאַנגזאַם אַרויסגעגאָסן די קריגס־געפאַנגענע, ווי אַ גרויע, האַלב־אָפּגעקילטע לאַווע.

נישט אַלע זײַנען געווען בכוח אויסצושטייגן מיט די אייגענע כוחות. אויסגעהונגערטע, אָפּגעוויינט פון באַוועגן זיך, מיט אָפּגעלעגענע הענט און פיס, זײַנען זיי איינער איבערן אַנדערן געפאַלן, ווי ווייכע, האַלב־לײדיקע זעק. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין פאַרבליבן אין די וואַגאָנעס ליגן, אויפן נאַסן, עיפושדיקן שטרוי.

אָבער די, וואָס האָבן זיך יאָ אַרויסבאַקומען פון די וואַגאָנעס, האָבן זיך געוואַקלט ווי שיכורים, אומגעפאַלן און געפּויזעט אויף אַלע פיר, צוגעפּויזעט צו דער שוואַרצער הילצערנער וואַנט פון דער סטאַציע און דאָ ערשט, זיך האַלטנדיק בײַ דער וואַנט, אויפגעשטעלט זיך און אָנגעשפּאַרט, ווי די צעבראָכענע ביקסן איינע אין די אַנדערע. די שטאַרקערע זײַנען אַזוי געבליבן שטיין, בײַ די שוואַכערע האָט עס גלײַך די פיס אונטערגעבראָכן און זיי האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דר׳ערד, ווי איינגעקנייטשטע האַרמאָניקעס.

און אויף אַלע גרין־גרויע, פאַרחושכטע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן אַ מין עקסטאַז פון גרויס פאַרוואונדערונג, שיר נישט פון אַנטציקונג. ערשט איצט, ביי די דייטשן, האָבן זיי אויף זייער אייגענער פעל געלערנט, ביז צו וואָס פאַר אַ מדרגה מענטשן קאָנען פאַרפּיניקן זייער גלייכן.

און געקומען זיינען זיי דאָך אויפן פּראָנט נישט קיין פאַרמאַרעטע יינגלעך: פּערמיאַקעס מיט פּלייצעס, ווי די ווענט, טוליאַקעס — הויך און פעסט ווי די דעמבעס, דאָנער קאָזאַקן מיט די טשובן אויף אַ זייט און מיט די קרומע רייטער־פיס, ווי די וואָרצלען. זיי אַלע, איצט בלאַנד און שוואַרץ און גרוי־פאַרוואָקסענע, מיט פּנימער ווי איינגעטונקט אין האָריקער בלאָטע, זיינען איצט, נאָך אַ דריי־טאָגיקן תענית און ענגשאַפט געווען אומבאַהאָלפן, ווי די עופהלעך, וואָס לערנען זיך גיין.

פון די אויסגעבלייכטע אויגן, פון די פינצטערע פּנימער, פון די פאַרזיכטיק־שוואַרצע און לאַנגזאַמע באַוועגונגען האָט אַראָפּגעוווּנקען אַ קינדישע צאַרטקייט.

געווען זיינען דאָס — אייגנטלעך — נישט קיין געוויינלעכע קריגס־געפאַנגענע. דאָס האָט מען אויסגעריניקט צווישן די רוסישע קריגס־געפאַנגענע דעם געפערלעכן עלעמענט, די דיסציפּלין־ברעכער. און, אַנשטאָט צו מאַכן פון זיי אַ פאַבריק פון שווינדזוכט אין די מיליטערישע טורמעס, האָט מען זיי אָפּגעשיקט אַהער. אין די פּאָליעסער וועלדער הינטערן פּראָנט, כדי אויסצונוצן זייערע מוסקולן ביים דורכלייגן נייע קריגס־שאָסייען.

געווען זיינען צווישן זיי אויך אַ מאה יידן, אַזעלכע, וואָס האָבן דעם פּראָנט פאַר די אויגן נישט געזען, און קיין קאַזאַרמע אפילו נישט אַריינגעשמעקט. נאָר פּראָסט־פּשוט: דער שלימזל האָט זיי געכאַפּט ביי דער פאַלע און פאַרשלעפּט פון די פרידלעכע נאַלעווקעס גלייך אין געפאַנגענעןלאַגער און שפּעטער — אין דער דיסציפּלינאַרער קאָמאַנדע.

דאָס זיינען געווען אַזעלכע פאַרשוינען, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו האָבן רוסישע מיליטער־ביכלעך, בלויע און רויטע. דער דייטש האָט קיין גרויסן אונטערשיד נישט געמאַכט. אַלע מיליטער־ביכלעך האָבן זיך געדאַרפט מעלדן, אַזוי איז געווען דער באַפעל.

האָבן יידן געפאָלגט און זיך געמאָלדן. וואָס אַרט זיי, אַז זיי וועלן נאָכגעבן די דייטשישע פּינקטלעכקייט? ס׳איז דאָך נישט מער ווי אַ קאָנטראָלע. אַזוי איז בפירוש געשטאַנען אין באַפעל. אַי — די קאָנטראָלע ווערט געמאַכט אויפן הויף פון דער טורמע? איז האָט איר ביי יעקען אַ עוולה. און אפשר האָט ער נישט אין וואַרשע קיין בעסער אָרט? אַי — די טויערן פון דעם טורמע־הויף ווערן געשלאָסן און מען לאָזט שוין קיינעם

נישט ארויס? — איז אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס וועט זיך באַלד אויפ־קלערן.

אַזוי האָבן די נאַלעווקער קריגער זיך געלאָזט אַריינכאַפּן אין זאַק אַריין און דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון ציוויל־געפאַנגענע. „ניקס צו מאַכן. קריגס־צייטן!” און איין מאָל זיי אַריינגעשלעפּט ביי דער פּאַלע, האָט דער שלימזל זיי געצויגן אַלץ טיפער אין תהום אַריין, פאַרווישט די מחיצה פון ציוויל־ און פון קריגס־געפאַנגענע. פאַרשטייט זיך, אַז די באַוואָלטע האָבן פּראָטעסטירט ביי יעדער געלעגנהייט. און אַזוי איז אַ מאה פון די יידן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין פּולווער נישט געשמעקט, אַריינגעפאַלן אין דער דיסציפּלינאַרער קאָמאַנדע. נאָך אַן אַרומשלעפּעניש איבער פאַרשידענע דייטשישע געפאַנגענלאַגערן, זיינען זיי איצט צוריק פאַרשלייַדערט געוואָרן אין די פּוילישע וועלדער.

דער צוג איז שוין געווען אויסגעליידיקט. די גאַנצע אויסגעהונגערטע פּאַרטיע האָט ווי אַ סטאַדע קראַנקע בהמות זיך צוזאַמענגעקנוילט ביי דער סטאַציע, אַרומגעגאַרטלט מיט דעם לויזן רייף פון בערדיקע לאַנדשטור־מיסטן.

עטלעכע דייטשן האָבן נאָך, שוועלנדיק און שפּייענדיק, רעווידירט די פּאַרעיפּוסטע וואַגאָנעם. קיין דאָקטער איז דערביי נישט געווען. צווישן די עטלעכע צענדליק געפאַנגענע, וועלכע זיינען געבליבן ליגן אויפן שטרוי אין די וואַגאָנעם און פון אָרט זיך נישט גערירט, איז געווען שווער אונ־טערצושיידן אַ מת פון אַ הונגער־פאַרחלשטן.

איז שוין געווען דעם לייטענאַנטס קאָפּ דערביי צו לייזן דאָס פּראָב־לעם. אַט דער מיטל־וווקסיקער לייטענאַנט מיט די אונטערגעשוירענע וויל־העלם־וואָנצעס האָט באַפוילן צו פאַרריגלען די וואַגאָנעם און לאָזן דעם צוג ווייטער לויפן, ביז צו אַ מעדיציניש פּונקט. זאָל מען זיך דאָרט פונאַנדערקלייבן צווישן טויטע און האַלב־טויטע. ער האָט גענוג פאַר זיך אַט די ווילדע לייזיקע באַנדע, וואָס דער רויטער פּראַכט־צוג האָט דאַ אויסגעשאָטן.

ווען די קריגס־געפאַנגענע האָבן באַקומען צו ביסלעך וואַסער אויף צו שטילן דעם ברענענדיקן דורשט, איז דאָס געווען צו ווייניק פאַר זיי. דאָס וואַסער איז גאָר צום מאָגן נישט דערגאַנגען, נאָר, ווי פון אַ שוואָם איינגעזאַפּט געוואָרן אין פאַרשרפּעטן גומען, איינגאַנצן אויסגעטריקנטן גוף.

נאָכן ערשטן טרונק האָט מען געטריבן די קאָמפּאַניע אַ האַלבן קילאָמעטער טיפער אין וואַלד אַריין, צו די באַראַקעס, ווו פון דעם ריח פון די פעלד־קיכן האָבן ביי פיל פון די געפאַנגענע זיך אונטערגעזעגנט

די פּיס און זיי זיינען געפֿאַלן אין חלשות, נאָך איידער ס'איז זיי געקומען דער ביסן צום מויל.

נאָכן עסן, וואָס איז פֿאַרשלונגען געוואָרן מאָמענטאַל און במעט אָן באַוווּסטזיין, איז די גאַנצע פּאַרטיע געלעגן נישט טויט נישט לעבעדיק צווישן אָנגעפּירטע שטיינער און אויסגעהאַקטע ביימער אויף אַ פּיר־עקיקן פּלאַץ, באַוואַקסט מיט אַ טונקל־בלויען וואַלד פֿון אַלע זייטן. מען האָט גערוט. און מיט דעם אַפֿרו אין דער שאַרפֿער וואַלד־לופֿט האָט ערשט דער הונגער אָנגעהויבן צו ברומען אין די געדערים, ווי אַן אויפֿגערייצטער בער.

נאָכן אַפֿרו האָט מען די פּאַרטיע ווידער געטריבן אַ האַלבן קילאָמעטער צו די באָד־באַראַקעס, צו „ענטלויזונג".

דאָ, פֿאַר די באַראַקעס, האָבן זיי גרופּעסווייז, צו הונדערט פּופֿציק מאַן, לויט דער דייטשישער קאָמאַנדע אַראָפּגעשלעפּט פֿון זיך די פֿאַר־עיפּושטע קויטיקע בגדים און העמדער און זיי געוואָרפֿן אין קעסל אַריין. און אַליין, שמוציקע קרייד־סקעלעטן מיט איינגעשרומפּענע בייכער, מיט שטאַרצנדיקע ריפּן, זיינען זיי ווי די רשעים אין גיהנום געקראָכן אין דער פֿינצטערער עפֿענונג פֿון באָד־באַראַק, וווּ ס'האָבן קוים געפֿינקלט אַ פּאָר געל־רויטע פֿאַרנעפּלטע פֿייערלעך. אויך אין באָד האָט די פּאַרטיע איבערגעלאָזט אַ פּאָר צענדליק געהלשטע פֿון דער פּלוצלינגער היץ.

שוין נאָך דער באָד און „ענטלויזונג", ווען ציטערנדיק אין די פֿייכטע, מיט קאַרבאָל דורכגעפּרעסענע ענג־געוואָרענע שמאַטעס אויפֿן לייב, האָבן די געפֿאַנגענע גענומען קומען צו זיך און אין די פּאַרטויבטע הערצער האָט אָנגעהויבן צו גליען אַ פֿונק פֿון האָפֿנונג, אָנצופֿילן די איינגעשרומ־פּענע און קוים צערייצטע מאָגנס — ערשט דאַן האָט מען די גאַנצע פּאַר־טיע, די אַלע, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן אויף די פֿיס, אויסגעשטעלט אין אַ פּיר־עק אויפֿן ליידיקן אויסגעטראָטענעם פּלאַץ הינטער די באַראַקן.

איז די פּאַרטיע געשטאַנען מיט דער שטייפֿקייט פֿון אימפּעט און פֿאַרצווייפֿלונג און אָנגעקוקט פֿון אַלע פֿיר זייטן די עטלעכע רויט־אָפּגעשיילטע סלופּעס, וואָס האָבן געשטעקט אינמיטן פּלאַץ.

פֿאַר די פֿאָר שעה, וואָס די געפֿאַנגענע יידן האָבן פֿאַרבראַכט אויף דער סטאַציע און אַרום באָד־באַראַק, האָבן זיי שוין אויסגעשמעקט ביי די לאַנדשטורמיסטן אַלץ, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט וויסן וועגן זייער לאַגע. זיי האָבן שוין געהאַט אַ ידיעה, ווו זיי געפֿינען זיך און ווער זייער נייער געוועלטיקער איז — דער לייטענאַנט מיט די אונטערגעהאַקטע ווילהעלם־וואָנצעס. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז דער לייטענאַנט הייסט קאַרל קראָנע. אונדזער קראָנע — האָבן אים פֿאַמיליאַר גערופֿן די לאַנדשטורמיסטן און

ארויסגערעדט דעם נאָמען מיט אַ צוגעקנייטשט אייגל און מיט אַ קרום שמייכעלע, וואָס האָט נישט צוגעזאָגט קיין גוטס.

איצט האָט דער העלדישער לייטענאַנט זיך באַוויזן אויפן פּלאַץ. ער האָט מאַרשירט פאַר די רייען אויסגעפּאַרעטע רוסן אין זייערע אויסגע־בריטע, ענגע שמאַטע־קליידער און ער האָט שטרענג אַכטונג געגעבן, צי די רייען שטייען געגוגן מיליטעריש־גלייך. מאַרשירט האָט דער לייטענאַנט, זיך הווידענדיק פון דער רעכטער פוס אויף דער לינקער, ווי אַ קאַטשקע. די רעכטע האַנט האָט ער געהאַלטן אויף הינטן פאַרלייגט און אין דער האַנט האָט בײַ אים אונטערגעטאַנצט אַ גראָבע רימענע שפּיצרוט. לייטע־נאַנט קראַנע האָט זיך — דוכט זיך — לאַנגזאַם געקליבן צו ווייזן דעם פאַרזאַמלטן עולם אַ קונץ און טיף פון אונטערן שטערן האָבן אים פינצ־טער די אויגן געפינקלט.

בײַ די סלופּעס אינמיטן פּלאַץ האָבן זיך פאַרזאַמלט די לאַנדשטור־מיסטן. איינער פון זיי, אַ רויט־בערדיקער בייער מיט אַן אמתן הענערשן אויסזען און מיט בלויע פייגלשע אייגעלעך, איז איצט נאָכגעגאַנגען דעם לייטענאַנט פוס־טריט, אים נאָכגעטראָגן אַ פּאַפּיר עפּעס און, ווייזט אויס, געוואַרט אויף אַ באַפעל.

האָט דער לייטענאַנט ענדלעך צו אים אַ ווונק געטאָן.

האָט דער בייער זיך אויפגעשטעלט ווי אַ האָן אויף די ציפּקעס און אויסגעקרייט:

— האַנס שומאַכער! דאַלמעטשער!

ביידע האָבן זיי געקוקט איבער די רייען פון די קריגס־געפאַנגענע. קיי־נער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

ווייזט אויס, אַז דער האַנס שומאַכער, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער רוסישער אַרמיי און פון איר — אין דער דייטשער געפאַנגענ־שאַפט, איז דאָס מאָל ווייטער אוועקגעפאָרן מיט דער באַן, אויסגעצויגן אויפן שטרוי, צוגלייך מיט אַלע טויטע. האָט דער בייער פון פּאַפּיר אַרויס ווייטער גערופן:

טעאָדאָרעס ביטרישקאַ, דאַלמעטשער!

האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער ריי אַ מיטל־וווקסיקער געפאַנגענער אין דייטשישע האַלב־זעלנערישע סאַמעט־קליידער.

דער לייטענאַנט האָט פאַרווונדערט אים אָנגעקוקט. עס האָט אים פאַרוווּנדערט צו טרעפן אין דער אַרומגעריסענער באַנדע אַ מענטשן נישקשהדיק אָנגעטאָן. עס האָט אים אויך איבערראַשט די פרייע האַלטונג פון דעם געפאַנגענעם.

האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט מיט די טיף־זיצנדיקע אויגן פון אונ־טער די ברייטע שטערנס — דער לייטענאַנט און דער געפאַנגענער, און זיי האָבן, דוכט זיך, באַוווּנדערט איינער אין דעם אַנדערן עפּעס אַן ענ־לעכן געזיכט אָדער כאַראַקטער־שטריך. אויך דער געפאַנגענער איז געווען מיטל־וווּקסיק און ברייט־פּלייציק, ווי דער לייטענאַנט.

— זייט איר אַן אָפיציר? — האָט דער לייטענאַנט מיט אַ האַרטער געצווונגענער העפלעכקייט געפרעגט.

— ניין, הער לייטענאַנט. איך בין ציוויל־געפאַנגענער.

— נאָמען?

ביסטריצקי טעאָדאָר.

— ווער האָט דיך געהייסן אַרויסקריכן פון דער ריי?

— מען האָט מיך אויסגערופן.

— האָסט זיך פאַרהערט.

— נישט איך האָב זיך פאַרהערט, הער לייטענאַנט, נאָר דער בייער האָט שלעכט איבערגעלעזן מיין פאַמיליען־נאָמען.

קאַרל קראַנע, וואָס האָט זיך שוין געוועסט געהאַט אָפּגעקערט פון דעם געפאַנגענעם, האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים מיטן אויבערשטן האַלבן גוף און אַ שאָס געטאָן אויף אים מיט איינעם פון זיינע בליקן, קעגן וועלכן, ער האָט געוווּסט, — אַז מען קאָן נישט ביישטיין. אָבער אָט דער ברייט־פּלייציקער ציוויל־געפאַנגענער האָט אַרויסגעוויזן גענוג ציווילן מוט. ער איז געשטאַנען געלאַסן, ווי נישט אים מיינט מען דאָס.

און דער בייער האָט שטילערהייט געשאָקלט מיטן קאָפּ, סילאַביזירנ־דיק פון פּאַפּיר אַרויס. דאָרט איז טאַקע געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס: ביסטריצקי.

האָט קאַרל קראַנע צוריקגעהאַלטן זיין ערשטן צאָרן־אויסברוך. נאָר דער באַקן איז אים רויט געוואָרן.

— ביסט דאָלמעטשער? — האָט ער געפרעגט, שוין נישט קוקנדיק אויף ביסטריצקין.

— יאָ, הער לייטענאַנט. אין מיין קאָמפּאַניע בין איך געווען דאָל־מעטשער.

דאַן האָט דער לייטענאַנט אָפּגעהוסט, פאַרדרייט אַרויף זיינע אונטער־געהאַקטע וואָנצעס, אויסגעשטעלט די ברוסט און אָנגעהויבן אַרויסכראַקען אָפּגעהאַקטע זאַצן פון אַ פּאַטריאָטישער דרשה: ס'איז קריג. דייטשלאַנד איז אַרומגערינגלט מיט שונאים. דייטשלאַנד הונגערט. מוזן אַלע ליידן. די קריגס־געפאַנגענע אויך. מען קאָן זיי נישט באַהאַנדלען אין ווייסע הענטשקעס...

פאַר ביסטריצקין איז דער נוסח געווען נישט נײַ. פאַר דעם יאָר ציוויל־געפאַנגענשאַפט האָט ער זיך שוין אָנגעהערט גענוג אַזעלכע דרשות. האָט ער טאַקע פּליסיק־לײַכט און מאַשינעל איבערגעזעצט די דרשה פאַר די קריגס־געפאַנגענע שטיקלעכווײַז, פּראָזאַנווײַז, אַזוי ווי דער לייטענאַנט האָט גערעדט. ער האָט אים די ווערטער כמעט פון מויל אַרויסגעכאַפּט.

אָבער בײַם לייטענאַנט איז די דרשה, ווײַזט אויס, געווען נישט קיין ציל פאַר זיך, נאָר בלויז אַ הקדמה.

דאָס פּנים האָט זיך אים פלוצלינג אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט גענומען טופּן מיט די פיס און פאָכען מיטן שפּיצרוט פאַרן פּנים פון דעם נײַעם דאָלמעטשער.

— פרעג זיי, פרעג! ווער, צום טײַוול, האָט זיך דאָס דערלויבט צו פויקן אין די וואַגאָנעס און מאַכן דעמאָנסטראַציעס אין וועג? גאַנץ דייטש־לאַנד האָבן זיי אויפגערודערט — די ווײַסטע באַנדע! דאָס וועט זיי נישט אַראָפּגיין גלאַט!

האָט דער דאָלמעטשער רויק אָפּגעוואַרט ביז דער לייטענאַנט וועט אַרויסשיטן פון זיך זײַן גאַנצן אַרסענאַל זידל־ווערטער און רויק, כמעט מיט אַ שמייכל אין דער שטים, איבערגעפרעגט:

— דאַרף איך זיי דאָס אַלץ זאָגן, הער לייטענאַנט?

איז קאַרל קראָנע געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. אויף דער חוצפה פון איבערפרעגן אים האָט ער זיך אינגאַנצן נישט גערעכט און דעם דאָל־מעטשערס איראָנישער טאָן האָט אים ערשט רעכט אין כעס אַרײַנגעבראַכט.

— נו, רייד, שורקע!

איז דער דאָלמעטשער געגאַנגען פון רײַ צו רײַ און מעכאַניש נאָכ־געמאַכט דעם אָפּיצירס אויפגערייצטע זידל־ווערטער.

— נישט אַזוי, שורקע! נישט אַזוי! העכער רייד! שרײַ! נישט ווי קיין טויטער! כ'האָב דיך נאָך נישט טויט־געשלאָגן!

דאַן האָט ביסטריצקי אומגעריכט־האַסטיק זיך אויסגעדרייט צום אָפּיציר אויפן אָפּצאַס:

— איך האָב נישט וואָס צו שרײַען — הער לייטענאַנט — האָט ער געזאָגט אין אַ גאַר קאַלטבלוטיקן, ציווילן טאָן, ווי אַ סוחר רעדט צו זײַן קליענט. איר שרײַט, ווײַל איר זײַט אויפגערעגט, און מײַן פליכט איז בלויז איבערצוגעבן די ווערטער.

דאָ האָט דער רויט־בערדיקער בייער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דעם לייטענאַנט פוס־טריט, זיך פלוצלינג שטײַף אויסגעצויגן און אַרויסגע־שפּאַרט דעם בויך פאַר שרעק. עס האָט זיך געדוכט: אָט הייבט ער אָן קרייען.

און דער לייטענאנט אליין האָט אריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל און גענומען שפּאַנען ווי אַ קאַטשקע צום דאַלמעטשער, אומגעדולדיק טרייסלענדיק מיט דער שפּיצרוט.

אַ געמורמל איז דורכגעלאָפן דורך די מידע, ביז איצט שטייף־שטומע רייען פון די געפאַנגענע. די רוסן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער נייער דאָל־מעטשער איז אַ „גאַש־בראַט" און ער וועט נישט אַרויסגעבן.

— הער, דו! דייטש מיטן זנב אויפן קאָפּ! ריר אים נישט אָן, מירן דיר די ביינער צעברעכן!

— זאָג אים, ברודערקע! זאָג אים אַריין דעם דייטש אין דער מאַמען זיינער!

דער קאָמענדאַנט איז שוין אָבער געשטאַנען פאַרן דאָלמעטשער און ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט שאַרף אונטער־שטערנדיק. עס האָט אָנגע־טראָפן — ווי מען זאָגט עס — די קאָסע אויפן שטיין. איין רגע האָט עס געדויערט. און דאַן האָט אַ פייף געטאָן די שפּיצרוט און ווי שנעל דער דאָלמעטשער האָט זיך נישט אָפּגעקערט, האָט ער זיך דאָך אָנגעכאַפּט פאַר דער צעבלוטיקטער באַק.

איז געוואָרן שטיל אין די רייען.

אָבער דאָ האָט דער דאָלמעטשער אויף אַ רגע פאַרגעסן אָן דעם ווייטיק און דער צעבלוטיקטער באַק, האָט זיך אויסגעקערט מיטן פּנים צו דער נאָנטסטער ריי, אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און אויסגעשריגן פאַר־ביטערט.

— חברה! האַלט ס'מויל! ער וויל דערגיין ווער עס האָט געפּויקט אין די פאַרשפּאַרטע וואַגאָנעס.

אַ האָגל מיט זידל־ווערטער און קללות האָט זיך אַ שאָט געטאָן פון גאַנצן לעבעדיקן פּירעק.

— זיי זאָגן, הער לייטענאַנט, זיי זאָגן — האָט ראַפּאָרטירט דער דאָלמעטשער זיך צוהאַלטנדיק ביי דער באַק — אַז געשריגן און געקלאַפּט האָבן יענע, וועלכע זיינען אַוועקגעפאָרן ווייטער, צום מעדיצינישן פּונקט.

אָט די אָנצוהערעניש אויף געשטאָרבענע און טויט־פאַרחלשטע אין די וואַגאָנעס איז געווען אין יענטפער פון אַזאַ מאָס, וועלכע האָט אַריבערגע־שריטן די מאַכט פון דער שפּיצרוט.

דער לייטענאַנט האָט נאָך אַ רגע שווייגן אַ ווונק געטאָן צו די לאַנד־שטורמיסטן ביי די סלופּעס אינמיטן פּלאַץ.

זיי האָבן גענומען מאַרשירן איבער די רייען און אויסטיילן יעדן פינפאונצוואַנציקסטן. און ווען מען האָט אויסגעטיילט די ערשטע צוויי צענדליק, האָט מען זיי צוגעטריבן צו די סלופּעס.

דאָרט האָבן די לאַנדשטורמיסטן זאַכלעך און מעכאַניש־שווייגנדיק יעדן באַזונדער צוגעבונדן ביי די הענט צו די רינגען אויף די סלופּעס. די רינגען זיינען געווען הויך און די געפּייניקטע זיינען געבליבן הענגען, שטייענדיק אויף די שפּיץ פינגער.

אויפגעהאַנגען האָט מען אַזוי געקאָנט פינף מאַן. די איבעריקע פּופּצן האָבן געוואַרט אויף זייער ריי.

פון די באַראַקעס איז פויל אָנגעקומען אַ בייכיקער סאַניטאַר מיט אַן עמער קאַלט וואַסער און מיט אַן איינגעוויקלטן האַנטוך אויף אָפּצומונטערן די געחלשטע ביי דער עקזעקוציע. דער לייטענאַנט האָט געלאַסן געקוקט אויף זיין האַנט־זייגערל.

ער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעקערט און זיך אָנגעשטויסן מיטן בליק אין העם האָלמעטשער. ביסטריצקי איז געשטאַנען דאָ, הערליבן, צוהאַלטנדיק אַן איינגענעצט פאַרפלעקט נאָזטיכל ביי דער באַק.

— וואָס טוסטו דאָ? האָט דער לייטענאַנט מיט אַ פּויל־זאַפּטיקער שנאה אויסגעברומט.

— איך וואַרט אויף מיין ריי, הער לייטענאַנט.

— לאָזט אים נישט לאַנג וואַרטן! האָט קאַרל קראַנע קורץ פאַראָרדנט.

* * *

ביסטריצקיס גרופּע האָט אירע צוויי באַראַקן, צו הונדערט און פופציק מאַן איך יעדערן. שלאָפט מען אין דריי שטאָקן: אויף נאַרעס ביי דער ערד, אויף מיטלסטע וואַנט־בעטלעך און אויף פּאָליצעס אונטערן פּולאָפּ.

אויף די נאַרעס שפּרינגען אַרום שטשורעס און פרעסן די שלאָפנדיקע לעבעדיקערהייט.

אויף די איבערשטע פּאָליצעס איז מען געזיכערט פון די שטשורעס. דערפאַר אָבער איז דאָרט אומדערטרעגלעך דער געשטאַנק, וואָס שלאָגט פון צעבער אין ווינקל, ווו אַלע געפאַנגענע דערליידיקן זייערע באַדערפעניש. ביסטריצקיס געלעגער איז אַ פּריווילעגירטער. אויף דער מיטלסטער קאָיקע און וויט פון צעבער. אָבער די נאַכט איז פאַר אים אַן אָפּקומעניש.

ער פילט זיך אונטערן ריזיקן פּרעס פון דער שאָסיי־מאַשין. די געפאַנגענשאַפט פרעסט פון אים די דמים אַרויס. עס דוכט זיך אים אין דער פינצטער, אַז עס שפּריצט אים דאָס בלוט פון די אויגן. ער מוז לעבן! צוליב נקמה אַליין מוז ער לעבן און פריי זיין! דער געדאַנק וועגן קאַרל

קראַנע מאַכט אויפֿזידן זיין בלוט ביז צו די ווייטסטע פאַרבאַרגנסטע ווינקעלעך פֿון זיין וועזן.

און דער מוח בושעוועט מיט פֿלענער, איינער חריפֿסטער און פֿאַנטאַסטישער פֿאַרן אַנדערן, אָבער ביסטריצקיס צעהיצטע ביינאַכטיקע פֿאַנטאַזיעס האָבן אַלע די אייגנשאַפֿט פֿון זיינע אַמאָליקע סוחרישע קאָמבינאַציעס; זיי זיינען פּינקטלעכע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען, אַלע מעגלעכע און דורכפֿירבאַרע ביי אַ געוויסער אַנטשלאָסנקייט. יעדער פּלאַן איז ביי אים גרינטלעך אויסגעאַרבעט און צוגעפּאַסט צו אַ באַשטימטער צייט, פֿאַר אַ באַשטימטן אָרט, און אַלע וועגן פֿירן קיין רוים: צו נקמה אין ליטענאַנט און צו באַפֿרייונג פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט.

די ריזיקע ענערגיע, וואָס האָט אין חעם מענטשן אָפּגעשלאָפֿן איבער אַ יאָר צייט, האָט זיך איצט אויפֿגעכאַפּט און קאָנצענטרירט בלויז אויף די צוויי פּראָבלעמען: נקמה און פֿרייהייט. און אונטערן צייכן פֿון די פּראָבלעמען און אונטער דער קאָנטראָל פֿון זיינע ביינאַכטיקע פּלענער האָט ביסטריצקי פֿאַרבראַכט יעדע רגע פֿון זיין טאָג, צו זיי האָט ער צוגעפּאַסט אינסטינקטיוו די מינדסטע האַנדלונג זיינע.

ער איז שטענדיק געווען אויף דער וואַך. גרייט געווען צו יעדע מינוט און צו יעדער געלעגנהייט. ווי אַ געניטער שאַך־שפּילער האָט ער געקאָנט אויסרעכענען זיבעצן צוגן פֿאָרויס.

פֿאַרטאָג, ווען ער האָט איינגעדרימלט, האָט אים אויפֿגעוועקט דער אויפֿזעער און גערופֿן פֿון באַראַק אַרויס. זיך אויפֿזעצנדיק אויף דער קאָיקע האָט ביסטריצקי שוין וואַכיק קאָמבינירט וואָס פֿאַר אַ מעגלעכקייטן אויסצונוצן, אויב דער איצטיקער מאָמענט וועט זיין דער פּאַסיקסטער צום פֿאַרווירקלעכן זיינע פּלענער.

האַלב אָנגעטאָן, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פֿון באַראַק און מיט אַ הייסער פֿרייד זיך אָנגעשטויסן אויף דעם פֿייניקער קאַרל קראַנע. אין דער טונקלקייט פֿון פֿאַרטאָג איז פֿאַרגעקומען צווישן זיי דער כאַראַקטעריסטישער בליקן־אויסטויש פֿון צוויי אויף טויט־פֿאַרליבטע שונאים.

חער קאָמענדאַנט האָט געהאַט זיין צימער אין יעדן באַראַק, ביי יעדע גרופּע. מען האָט קיינמאָל פֿאָרויס נישט געוווסט, ווו ער וועט טאָגן און ווו ער וועט נעכטיקן.

ער פֿלעגט אויסוואַקסן פּלוצלינג, ווי אַ שד פֿון דער בלאָטע. און חאָרט, ווו מען האָט זיך אויף אים אַמווייניקסטן געריכט.

איצט איז ער געשטאַנען פֿאַרן באַראַק, אָנגעשפּאַרט אין זיין גריי, אָנגעזאָטלט פֿערהל און, ווייזט אויס, זיך געקליבן תיכף אין ווייטערן וועג

אריין. פאר אומגעדולד האט ער זיך געשמיסן מיטן שפיצרום איבערן האנט.

— גריס גאט, הער לייטענאנט.

— א, ביסטריצקי! איינס און צוויי. טו דיך אן, קום צום דריטן אפ־שניט. דארט איז דער דאלמעטשער קאפוט.

דאס איז געווען במעט, ווי א פארשעמטע און הייזעריקע דערקלער־רונג פון א פארליבטן מאן צו זיין געליבטער, ווען ער איז זיך מודה, אז אין שיכרות פון בענקשאפט נאך איר האט ער דערווייל מאנס געווען אן אנדערע.

דאס האט ער פיינט געהאט ביסטריצקין און קאפוט געמאכט דעם דאלמעטשער פון דריטן באצירק. נישט אומזיסט האט עס אים געטריבן א שפראץ אויף טאג צו קומען וועקן ביסטריצקין.

— יאוואל, הער לייטענאנט!

אין א פאר מינוט ארום האט דער רויט־בערדיקער בייער געריבן די פארשלאפענע אייגעלעך, ביז עס האט זיך אויסגעפיקט זייער נאריש פוילנ־שע בלאקיים.

— אך, מענטש! וואס וועקסטו מיך אזוי פרי!

— בלייב געזונט — קאמעראד! — האט אים ביסטריצקי אין האנט געשטופט עפעס א פאפירל מיט א פאר גאלדענע מטבעות. — אויב איך קום נישט צוריק — שיק אפ דאס בריוועלע קיין ווארשע. איך גיי מיטן קאמענדאנט.

— אליין מיט אונזער קראנע? היט דיך, מענטש! דעם אפגעהיטן היט גאט!

ער האט געוואלט נאך עפעס זאגן. אבער אנשטאט דעם האט ער זיך צעגעזעגנט און די בלויע אייגעלעך האבן זיך ווידער צוגעמאכט אין א זיסן דרימל.

שפעטער א ווײלע האט ער זיך דאך אויפגעכאפט. אין דרעמל איז אים צו חלום געקומען ביסטריצקיס לעצטער בליק, וואס איז אזוי נישט ענלעך געווען צו זיינע שעמעוודיק־ראפטעלאזטע אויגן. א וואכיקער און אויפגערודערטער — באטראכט ער די וואגיקע גאלדענע מטבעות, וועלכע ער האט געהאלטן אין פויסט פארקוועטשט, באטראכט דאס פרעמד־שפראכיקע בריוועלע, און א בארוועסער ארויס אין דרויסן.

צווישן צוויי פינצטערע וואלדיקע ווענט האט אין דער גרויקייט פון באגינען זיך אריינגעשניטן די רויע ווייסקייט פון שאסיי. דארט האבן צוויי משונהדיקע געשטאלטן זיך הויערדיק דערווייטערט: א רייז מיט א

קאַרליק. דאָס איז געווען קאַרל קראָנע אויף זיין רייטפערד און דער דאָלמעטשער ביסטריצקי — צופוס.

איז דער בייער געווען דער לעצטער, וואָס האָט זיי צום לעצטן מאָל געזען מיט זיינע בלויע אייגעלעך.

צום דריטן באַצירק זיינען זיי נישט אָנגעקומען און צוריק אין באַראַק זיך נישט צוריקגעקערט.

אויפן דריטן טאָג האָבן אָרטיקע פויערים ארויסגעצויגן פון וואַלדיקן זומפּ דעם אומגליקלעכן דאָלמעטשער, איינגאַנצן א צעפּרעסענעם פון וואַלד־שטשורעס נישט צום דערקענען. אָבער די דאָקומענטן זיינען געווען ביי אים אין פולער אָרדענונג. מען האָט אויך געפונען עטלעכע רוסישע אימפּעריאַלן, איינגענייט ביי אים אין אונטערשלאַק. אפילו די שטיוול זיינען געווען נישט גערירט. איז דאָס קיין רויב־מאָרד זיכער נישט געווען.

די דייטשן האָבן דערלאָזט דעם געדאַנק, אז קאַרל קראָנע האָט דעם דאָלמעטשער אָפּגעשיקט אליין צום דריטן באַצירק, און יענער, אַנשטאָט צו גיין מיטן גלייכן וועג, האָט זיך פאַרנומען אין דער זייט, צו א פויערטע אין דאָרף. האָבן די פויערים אים צורעכט געמאַכט אויס נקמה. און אפשר איז דער דאָלמעטשער שיכור געווען? און אפשר האָט ער זיך פריי־ וויליק דאָס לעבן גענומען אויף אזא משונהדיקן אופן. ווער ווייסט דאָס אין אזא גרויסער צייט זיך פאַרנעמען ערנסט מיט דעם טויט פון אן אומגליקלעכן קריגס־געפאַנגענעם דאָלמעטשער?

## פרילינג

אין יענעם טאָג האָט די שטאָט ליאַסאָווע זיך געהוידעט אין א שיכור־טאַנץ. איבער דעם געוויבל פון דעם מיליטערישן באַקי און ציוויל־קליידער האָבן די ליאַסאָווער באַרימטע שפּיציקע שינדל־דעכער זיך געשטיפערט אין אריבערטאַנצן איינער דעם אנדערן. די שטאָט איז פאַר־כליניעט געוואָרן פון מעשענער מוזיק. פון אלע עקן זיינען געשוווּמען איבערן געדיכטן מענטשן־שטראָם די צעבראָכענע צעקלונגענע שטיקלעך זון פון די מיליטערישע אָרקעסטערס. דאָס האָבן אריינמאַרשירט אין דער שטאָט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאָלקן.

די דייטשן זיינען נאָך מיט צוויי טעג צוריק אָפּגעטרעטן אין גרויב איילעניש, איבערלאָזנדיק די שטאָט אויף דער אחריות פון אַ קליינער בירגער־מיליץ מיט בענדער אויף די אַרבל. האָט שוין מיט צוויי טעג צוריק די שטאָט זיך דערפילט, ווי אַ פרייע, אומאָפּהענגיקע רעפּובליק. די רוסישע פאָלקן האָבן איצט אַריינגעבראַכט אין דער שטאָט דאָס אמתע, נאַיוו־ריינע גאולה־געפיל און די שטאָט איז אַרויס מקבל־פּנים זיין משיחן.

דער שטאָט ליאָסאָווע איז באַשערט געווען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, איבערצולעבן די קוש־וואָך פון דער ערשטער רעוואָלוציע. אויף אַלע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן אַ יום־טובדיקע פרייד. אין דער שמחה האָבן אָנטייל גענומען קינד און קייט. פאַרשלאָסן די וווינונגען און משפּחותווייז אַרויסגעשאָטן אויף דער גאַס.

צו דעם גרויסן תענוג פון די ליאָסאָווער באַלעבאַטים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין שטאָט זיינען פאַרבליבן אַ היפּשע צאָל דייטשן. זיי האָבן באַצייטנס זיך געמאָלדן צו דער נייער מיליטער־מאַכט, אָפּגעגעבן דאָס געווער און איצט אַרומשפּאַצירט איבער ליאָסאָווע און זיך געחברט מיט די רוסישע סאָלדאַטן, ווי פרייע בירגער.

וואָס איז אַזוינס רעוואָלוציע?

יעדער חדר־ייִנגל אין ליאָסאָווע מיטן פאַרדרייטן דאַשיק און צע־שפּאָלטענעם ספּענצער וואָלט געקאָנט אויפקלערן, וואָס דאָס איז אַזוינס.

רעוואָלוציע — דאָס איז אַ טאָג, ווען מען גייט נישט אין חדר, נאָר מען לויפט אַנטקעגן די סאָלדאַטן און מען שרייט: הוראַ! די דרייסטערע הענגען זיך אפילו אָן אויף די מיליטערישע וועגענער.

רעוואָלוציע — דאָס איז אַ טאָג אַזאַ, ווען אַ דייטש מיט אַ רוס, ביידע בגילופין, גייען אַרומגענומען, רויכערן פון איין פּאַפּיראָס און זידלען יעדערער אויף זיין שפּראַך ניקאָלאַיען מיט ווילהעלמען.

יונגע בית־מדרש בחורימלעך טראַקטירן די זעלנער מיט פּאַפּיראָסן, שטודירן די מאַשינעריע פון קוילנוואַרפער און ווילן פון איין שמועס גע־וווּיר ווערן די גאַנצע סטראַטעגיע.

אויף דער גאַס איז אַן ענגשאַפט, אַ פריילעכער יאַריד. מען טרעט זיך אָן אויף די היגער־אויגן און מען פילט קיין ווייטיק נישט, מען שטויסט זיך מיט די עלנבויגנס און קיינער באַליידיקט זיך נישט. אויף די ראָגן איז שוין נישט קיין ענגשאַפט, נאָר אַ שטיקעניש, אַלע ווילן הערן, ווילן אָנטייל נעמען אין דער דיסקוסיע, וואָס אינמיטן רעדל פירן אַ פּאָר פאַר־ברענטע פּאָליטיקער.

— הורא! — פישטשען אַלטע ווייבער מיט די חדר־יינגלעך אינ־איינעם — הורא! ריבונו־של־עולם. שוין צייט טאַקע עס זאָל קומען עפּעס אַ שטיקל דערלייכטערונג!

צו־גרויס, צו־שטורמיש איז געווען די פרייד, וואָס די רוסישע אַרמיי האָט איצט אַריינגעבראַכט אויף אירע שפּיציקע באַגנעטן. דאָס איז גע־ווען אַ פרייד פון אַ נייער מעשה־בראשית, פון אַ פרילינג, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט אָנגעזען. מען האָט געזען פאַר זיך אַ נס: אָט די אַלע פּאַראווינטיקטע, פאַרשוויצטע, באַוואַקסענע פּנימער פון די אַיוואַנעס מיט סטעפּאַנעס אין זייער באַקי־אוניפאָרם — ווי אויסגעאיידלט זיי זיינען פּלוצלינג געוואָרן פון דער רעוואָלוציע!

אויפן הויכן פּלעצל ביי דער אַלטער שול איז אָנגעגאַנגען אַ מיליטערישער מיטינג צוזאַמענגערופן פון אַרבעטער־און־סאָלדאַטן־ראַט.

בערל פּאָדלאַסקי איז געשטאַנען אין דער מיט פון ענגן געזעמל. זיך צוגעהערט צו די צווישנרופן און געביסן די ליפּן.

ווי אַ שווערער יאָך ליגט זיך בערלען אויפן קאַרק אַרויף דאָס פּאַרגעפיל פון דעם עכטן אין דער רעוואָלוציע. געוויס וועט ער, בערל, זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם אויפגעברויזטן ים. אָבער ווי איז דאָס גע־שען, וואָס ער, בערל, אַ נאַטור אַ גראָדליניקע און אַ טעמיקע האָט זיך פּלוצלינג דערפילט, ווי פּאַראַליזירט פאַרן פּנים פון דער רעוואָלוציע אין קאָן פאַר איר טובה וועגן מיט אַ פינגער נישט אַ ריר טאָן?

איז דאָס ביי אים אַריסטאָקראַטיזם פון בלוט? אַנעמיע פון אינטע־ליגענטישקייט? די נאַטירלעכע שרעק פון זיין שטאַנד־אָנגעהעריקייט?

אפשר האָט זיך פון אָט די אַלע הולאַתן ביי אים פאַרוואַלגערט צו ביסלעך, אָבער דער עיקר — פילט ער — איז דאָס נישט.

דער עיקר — פילט ער — איז דאָס, וואָס די רעוואָלוציע רוקט זיך אָן אויף זיין קאָפּ ווי אַ קאַטאַסטראָפע. ער וועט ווערן אויס באַלעבאָס איבער זיין אייגן וועזן, אויס דעה־זאָגער און איניציאַטאָר. פון דעם גע־פיל אליין צעגיסט זיך אַ בלאַסקייט איבער זיין פּנים. שטייט ער איצט אין דעם פרייעלעכן געזעמל, אין דעם פּרוזדור פון דער רעוואָלוציע, ווי אַ זייטיקער צושויער אויף אַ פרעמדער חתונה.

און דער גרעסטער אַבסורד איז דאָס, וואָס דער קרוב פּלטיאל, דער שטענדיקער סקעפּטיקער און אָפּשפּעטער זיינער, וועלכער שטייט איצט האַרט לעבן אים ,אַקסל ביי אַקסל, פילט זיך דאָ גראָד ווי אַ דירעקטער מחותן. אָט וועט ער איצט פּלטיאל האָבן אַ געלעגנהייט פאַר דאָס גרויס'ע געלעכטער איבער אים: „גיבור מיינער! ווען ס'האָט געשלאָגן די ריכטיקע שעה, האָסטו זיך איבערגעשראָקן!”

בערלען האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער האָט הײנט מיטגענומען פלטיאלן קיין ליאָסאָווע. און נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט מיטגענומען ישׂראלן, וועלכער איז נאָך צו די כּוחות נישט געקומען נאָך זײַן שווערער לונגען־אָנצינדונג. נישט פאַר ישׂראלן איז עס צו ווערן זיך מיט די אַלנבויגנס אין דער מוראַדיקער ענגשאַפט.

— ס'איז דיר וואַרעם, ישׂראל? טעראַפּי, קאָזאַק! — פּרוּווט זיך בערל אַ שפּאַס צו מאַכן און מיט די אײגענע אײַזערנע פּלײצעס האַלט ער אָפּ דעם מעכטיקן דרוק פון די הינטערשטע רײען.

ישׂראל הערט נישט. ער איז אַרײַנגעטאָן מיט די אויגן אין דעם יונגן אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט איצט פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם אַלטן סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער.

אַ באַקן־העמדל מיט דרײַ געאָרגי־קרײצן. די לינקע האַנט — אין אַ הענטשקע, און דער קאָפּ — ווי אַ קופּערנע קאַסקע אויף דער זון.

— חברים! בירגער! — שנײַדט זיך אין דער מאַסע אַרײַן ווי אַ בײַטש זײַן יונגליש־הילכיקע שטים — טויזנטער גרעסערע העלדן פאַר מיר האָבן נישט דערלעבט אָנצוטאָן אויף דער ברוסט די מעטאַלענע אויסצײכענונגען. אין זײער נאָמען רוף איך צו אײַך: גענוג מיט דער אומזיסטער בלוט־פאַרגיסונג! פײַער! אַוועק צו דײַן אַקער! אַרבעטער! צו דײַן וואַרשטאַט גײ! אײַער ווירטשאַפט — פאַרוויסט! אײַערע הײַזער חרוב! ווײַב און קינדער שמאַכטן פאַריתומטע...

— ריכטיקע רײד!

— אַ באָלשעוויק, אַן אונדזעריקער!

— רײַב זײ, ברודער, אַ מאָרדע, די בורזשויען!

— נידער מיט דער מלחמה!

עס האָט אָבער אויך נישט געפעלט קײן אַנדערע צווישנרופן:

— אַ חרפּה פאַר אַ געאָרגי־קאַוואַליער!

— די קרײצן זײַנען נישט זײַנע!

— דער דײַטש האָט זײ אים אויסגעבאָרגט!

דער רעדנער האָט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט אָפּגעוואַרט דער שטורעם זאָל זיך אײַנשטילן, און האָט אַרײַנגעוואָרפן אין דער מאַסע די פאַר הילכיקע, נײַטיקע ווערטער, וועלכע האָבן אויפגעהויבן אַ נײַעם שטורעם פון מיטשטימונגען און פאַרטיפט די קעגנערישע צווישנרופן.

ישׂראל האָט שוין אָבער נישט געהערט וואָס דער רעדנער האָט ווײַטער גערעדט. אין זײַנע אויערן האָט נאָך אָפּגעקלונגען די גוט באַקאַנטע שטים, פאַר זײַנע אויגן האָט געפלאַקערט די רויטע משופּרינע

און פֿאַר ישׂראלן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין פֿאַנטאַסטישע שיכּרות פֿון דער לעבעדיקער וועלט.

שייקע איז ביי אים פֿון לאַנג פֿאַררעכנט געווען צו דער וועלט פֿון די געשטאָרבענע. צוזאַמען מיט ביסטריצקין, מיט פּינעסן, מיט באַסיען, מיט דער אייגענער משפּחה זיינער — האָט שייקע באַטייט פֿאַר אים יענע פֿינצטערע ציגל־וואַנט, וואָס האָט אַרומגעמויערט דעם קבֿר פֿון זיין אייגענער נשמה. איצט איז פּלוצלינג איין ציגל אַרויסגעפֿאַלן: שייקע איז אַ לעבעדיקער געשטאַנען אויף דער טריבונע און אין ישׂראלס נשמה־קבֿר האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטראַל.

אויב שייקע איז פֿון צווישן די מלחמה־טויטע אויפֿגעשטאַנען אַ לע־בעדיקער, האָן לעבט ער דאָך, ישׂראל, אוודאי אויך. און שייקעס מוג־טערע, הילכיקע שטים האָט אים טאַקע געוועקט: ישׂראל, דו לעבסט!

דער מופֿת, ווי אַזוי שייקע פּייפּער איז אין קאַלכאָויוון פֿון דער מלחמה געוואָרן איבערגעשמאָלצן אין שייקע דעם אַגיטאַטאָר — דער מופֿת איז איצט ישׂראלן נישט אָנגעגאַנגען, אַבי ער לעבט.

אָבער בערל האָט זיך צוגעהערט צו דעם יונגן רעדנערס שמייסנדי־קע אויסרופֿן מיט אָפֿענע אויערן. און נאָך מער האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם רושם, וואָס די אויסרופֿן האָבן געמאַכט אויף דער באַקי־מאַסע. די זעלנערישע מאַסע, וואָס האָט איצט אין ענגשאַפֿט געטעמט מיט איר אייגן אויסגעפּרעסטן שוויים, האָט זיך, דאַכט זיך, אויפֿן אָרט איינגע־האַלטן בלויז צוליב דעם, ווייל זי איז געווען, ווי פֿון איין גוס. זי האָט זיך געהוידעט, ווי אַ שטיק יערנדיקער גרינער טייג אין אַ דייזשע. און זי האָט געוואַרט, אַז אַ שטאַרקע האַנט זאָל די דייזשע אַ שטויס טאָן, כּדי זי זאָל זיך קאָנען צעגיסן און פֿאַרגיסן אַלץ, וואָס אַרום.

# באַלאַדן און גראָטעסקן

# חיים־יונה מיטן דלות

לעבט זיך אַ ייד אין אַ העק — אין אַ שטעטעלע —
אַ ייד חיים־יונה מיט זיין ווייב ריווע־עטעלע.
לעבט מען אויף צרות — אַ ייד איז אין גלות.
און גרויס איז דער קבצן — אין זיבן פּאַלעס.

האָט חיים־יונה אין מאַרק אַ געוועלבל.
מסחרט נאָך אונטער אַן אינדיק, אַ קלעבל.
טאַפּט אין אַ פּויערישן וואָגן פּאַרזאָרגט
אוי, ווען דער ערל זאָל געבן אויף באָרג!

שלעפּט מען דעם עול — ווי די פערדלעך־דראַבעס...
מאַ, — אינדערוואָכן; וווּ נעמט מען אויף שבת?
לאַכט חיים־יונה: גאָט ווייסט דאָך דעם אמת!
אי — די קישקע? וועמעס דאגה איז עס — וועמעס?

זיצט חיים־יונה ביי דער שוועל פון זיין שפּע —
ווייסט ער זיין סחורה; ס׳איז אַלץ אויפן לעפּל:
דריי הערינג אין פעסל, אַ מעסטעלע זאַלץ
און דזעגאַכץ אַ קוואָרט אַנדערהאַלבן און — אַלץ.

זיצט ער שוין גאָר צו זיין קראָם מיט דער פּלייצע,
ווי איינער זאָגט; מאַ! קענן זיך בין איך יוצא...
לאָמיר אָקאָרשט זען, וואָס טוט דאָרט ר׳ אברהם,
דאָרט, קעגנאיבער, אין זיין געמויערטער קראָם.

ביי ר׳ אברהמען איז נישט צו פאַרזינדיקן,
דאָרט, זאָגט מען, דערלאַנגט מען צום טיש גאַנצע אינדיקעס.
און וואָס איז דער חידוש, די שפע איז גרויס,
אַ שפּילכעלע — אין מאַרק אַ דרייגאָרנדיק הויז!

זיצט חיים-יונה און קוקט קעגנאיבער —
צו דער לייטישער קראָם, ווו עס קאָכט און עס פּיבערט
און טראַכט זיך: עס גייט אַ שבועות, טשעקאָווע,
ס׳אַראַ טעם ס׳וועט האָבן יענעמס גלעזעלע קאַווע!

מאַ — קאַווע ווי קאַווע, ס׳וועט אָנגיין ציקאָריע.
לאָמיר כאָטש ווימן; נישט אומזיסט געהאָרעוועט.
אַזאַ ליבער יום-טוב. וואָס זאָגסטו, ריווע-עטל?
כ׳לעבן אַ יושר אַ פּאָר בלינטשעס פאַרקנעטן!

קוואָקעט פון הוילן געוועלב ריווע-עטעלע;
נאַרישער זולל-וסובא, און סמעטענע?
פּוטער? און ווייסע-מעל? היינט אייער אליין?
ע-טע-טע! מ׳עט זיך אָן דעם באַגיין!

גייט ער אין מאַרק, צו די ליידיקע טישלעך,
האַנדלט אַ ווילדע מציאה; דריי פּישלעך
קויפט אַ פּאָר וואָרצעלעך כריין — קיין עין-הרע,
חיים-יונה — וואָס וואָס, נאָרביים טיש מוז זיין מרור...

יום-טוב ביינאַכט, שוין אַ שטיק נאָך דער וועטשערע.
ס׳ברענט אויפן האַרצן דער כריין — ווי אַ פּעטשערע.
אוי — סאַראַ מרור! מען ווערט אַזש בגילופין...
כאַפּט ער זיך אַרויס אויף דער פרישער לופט.

זע נאָר די שטערן, זאָלסטו אַזוי לעבן!
שטיל אויף דער גאַס — נאָר מען זינגט נאָך ביים רבין.
א-א! אַ מחיה ווי די בוימער שמעקן!
ס׳האָט ערגעץ-ווו אַ כלב געכאַפּט מיט אַ שטעקן...

גאָטעניו האַרציקער! אַז דו ווילסט — קאָנסטו דאָך!
און ווער עס פאַרדינט — אָן יענעם דערמאָנסטו דיך

אפשר האָ? היינט, ווען עס שפּאַלט זיך דער הימל צו חצות
זאָלסטו מאַכן אַן עק פון חיים־יונהס צרות?

אוי — —סאַראַ מרור! אַ ווינטעלע בלאָזט.
זיצט חיים־יונה און פּיקט מיט דער נאָז.
עפנט די אויגן — דער הימל נישט אָפן...
מאַ — דערלעבט איבער אַ יאָר. באַדאַרף מען גיין שלאָפן.

ווער עס פּלאַצט פאַר קרענק, און ווער פאַר עשירות —
מי ישפל ומי ירום... חיים־יונה איז שוין אין פירהויז.
מיינט ער — חיים־יונה — דער קאָפּ וועט זיך אים שפּאַלטן!
ער זעט דאָך באַשיינפּערלעך, עס שפּאַלט זיך דער באַלקן.

און צוויי פּיס, ווי די שטאָלצעס דערזעט ער קודם,
און אַ גוף מיט אַ קעפּעלע — העט הויך אויפן בוידעם.
און צומאָל כאַטש אַ מלבוש, אַ כנפת, אַ יאַקע...
שטייט אַ לאַנגאַטש דאָרטן — אָדם נאַקעט!

— השם ישמרני, ווער איז דאָרט? איך חלש!
— רב ייד, דו דערקענסט מיך נישט? כ׳בין דאָך דיין דלות
— מיין דלות און אַזוי הויך געוואַקסן
דו שפּאַרסט דאָך באַלד אונטער דעם דאָך מיט די אַקסל!

שבועות! היינט איינע פון די זעלטענע שעה׳ען —
דערמאָנט זיך חיים־יונה און פאַלט אויף אַן המצאה,
ווי אַזוי זיין דערוואַקסענעם שכן צו פּטרן:
אוי, ליבהאַרציקער דלות, צוליב וואָס זאָלסטו דיך מאַטערן?

און וואָס, אימשטיינס געזאָגט, קלויבסטו דאָ ביי מיר פאַר אַ נחת?
הויב נאָר אויף דאָס קעפּעלע און זע ווו דער דאָך איז!
היינט זע נאָר די שפּאַלטן! פּאַמעלעך דעם קאָפּ!
טרעט אָפּ — לאָז דיר דינען, מיט גוטן טרעט אָפּ!

הם! — שמייכלט דער דלות — אַלץ הייסט: זיך געמאַטערט?
איך האָב שוין פאַרבריט אַ פאַרעלטערטן קאַטער
אין בוידעם ביים קוימען. נאָר זאָג דו אַליין,
וווהין זאָל איך גיין? ווי אַזוי זאָל איך גיין?

וואָס הייסט? צו אברהמען! אַ הויז אַ דרייגאָרנדיק.
צו וואַקסן און קוועלן ארויף — קיין עין-הרע נישט!...
הם-הם! צו אברהמען! כ׳וואָלט שוין לאנג אַוועק,
כ׳זאָל האָבן צומאָל כאָטש די חרפה פאַרדעקט!

מיינסט וואָס? נאָר אַ העמד אויפן לייב בין איך אויסן.
מען קאָן דאָך נישט גיין מיט דער חרפה אין דרויסן
און ווערן פאַר גאָט און פאַר לייטן פאַרשעמט...
שרייט אוים חיים-יונה. — איך מאַך דיר אַ העמד!

ער מאַטכ אים א העמד!... עס איז נאָר צום לאַכן.
מ׳דאַרף ראָטשילדס פאַרמעגן אַ העמד אים צו מאַכן,
אַז — לאַנג, ווי דער יידישער גלות אַליין —
פאַרנעמט זיך אַ קבצן אַ העמד אים צו נייען!

נאָר הערט! חיים-יונה מיינט גאָרנישט צו שפּאַסן:
אַ לייטער געשטעלט אויף צו מעסטן אין פאַסן,
אַ ישוב געהאַט מיט זיין ווייב ריווע-עטל,
און שלעפּט מוצאי-יום-טוב די קישן פון בעט.

— פאַראַן נאָך אַ צווייטע — אַ לויב צו זיין נאָמען!...
וווהין טאָקע שלעפּט ער זי? צו רב אברהמען.
פאַרקויפט און געקויפט אַכצן איילן קאַרטון.
באַשטעלט פאַר זיין דלות אַ העמדל דערפון.

די לענג פונם העמד חיים-יונה באַרעכנט,
די חרפה זאָל נאָר אין די אויגן נישט שטעכן.
אַ סוחר אַ ייד, דער בעל-חשבון איז גרויס!
דער דלות מעסט אָן — איז די חרפה אין דרויסן.

פאַרגייט חיים-יונהן אין דער זיבעטער ריפּ.
ער זעט, ס׳איז קיין אַנדערע עצה געבליבן,
צו שלעפּן צו אברהמען דאָס קישעלע דאָס קליינס —
אַבי נישט צו האָבן דעם דלות אין שכינות.

געטראַכט און געטאָן. און מען שטוקעוועט פאַסן.
דאָס העמדל איז ווידער שוין גרייט אויף צום פאַסן...

אַ, טריפה׳נער דלות, אַז נכפה זאָל אים צאַפּלען!
דאָס העמדל איז ווידער אים קירצלעך אַ קאַפּעלע!

מעסט זיך דער דלות און קנייטשט זיך געדולדיק
און שמייכלט: רב קרוב. כ׳בין אָסור נישט שולדיק!
מיר דוכט, יעדעס מאָל, ווען דו פאַרקויפסט אַ קישעלע,
הויב איך מיך אונטער, און וואַקס העכער אַ ביסעלע...

וואָס־זשע טוט חיים־יונה, זיך צו ראַטעווען פון גלות?
אַז ער לייגט עס נישט אַוועק אַ בינטל טויטע קללות!
אַז ער כאַפּט עס נישט אַ שייט פון דער הייצנדיקער הרובע!
— אַז ברענען זאָלסטו, דלות, אין איינעם מיט דער שטוב!...

איז דאָס שטיבעלע דאָס קליינס אַוועק מיטן פייער.
און דאָ הויבט זיך אָן אַ מעשה גאָר אַ נייע;
אַז מען קאָן נישט אַנטלויפן פון דעם, וואָס איז באַשערט!
האָט דאָס חרובע הייזל צו רב אברהמען געהערט.

און אינמיטן אַ מיטוואָך, פאַרשוויצט און פאַרפּראַצעוועט,
האָט דער נגיד געציילט די ממתקים פון אַסעקוראַציע,
און געחשבונט, געפּלאַנעוועט שטעלן אַ מויער —
אַז מען שמועסט: עס גייט, איז דורך טיר און דורך טויער...

און אַ ייד חיים־יונה מיט זיין ווייבל ריווע־עטל
מיט אַ כתב פונם רב האָבן זיך אַוועקגעלאָזט בעטלען,
און מיט זיי זייער דלות — אין ווונדן געהאַקטע —
א מצווה אויף אים — איז דאָך מיטגעלאָפן אַ נאַקעטער!

## פאַלשע שטעפּ

איר פרעגט, ווי לאַנג מען שוסטערט, ליבער הער?
עטע־טע! שוין אַ יאָר זעכציק, אויב נישט מער.
זעכציק יאָר מען שטופּט די נאָל, מען ציט די דראַטווע;
גאָר אַ חידוש, אַז דער מענטש איז אויסגעמאַטערט?

אַרבעט מען שוין — זעט איר — דורך אַ בריל
זאָל כאַטש זיין מלאָכה פיל און פיל,
אויף דער וואָך דאָס מעסטעלע קאַרטאָפל,
אַז מיין ווייב זאָל לאָזן רויק שלאָפן!

ווייל מיין אַלטע, נישט פאַר איך געדאַכט,
האָט אַ טבע — קנייפּט זיך ביי דער נאַכט.
שאַ, נו — שאַ, בהמה! קיין בזיונות!
דער ייד פאַרשטייט: אַ ווייב באַדאַרף מזונות...

און, אויב נישט זי, דאַן קנייפ איך מיך אַליין,
אַ שוסטער-האַרץ — פון לעדער, נישט פון שטיין,
איך קאָן נישט זען, מיין פריינד, ווי אויף דער עלטער —
אַ שוואַכער מענטש — דער ביסן ברויט פאַרפעלט איר.

נו — זאָגן גוט — איז קיינמאָל נישט געווען.
אוועק דאָס לעבן, ווייסט נישט ווו און ווען.
פונדעסטוועגן, איר הערט, די אַלטע צייטן
וועל איך אויף קיין פאַל אויף די נייע נישט פאַרבייטן.

געווען עפּעס — ווי זאָגט מען דאָס — איך ווייס?
אמונה אפשר, ווען דאָס האַרץ איז הייס,
בטחון אפשר, ווען מען לעבט באַהייביק,
מען האָט אַ קוק אויף דעם, וואָס קיניגט אייביק.

קיין ניסים האָבן דעמאָלסט נישט פאַרפעלט.
וואָס דאַרפט איר מער? כ'האָב אָפּגעלעבט מיין וועלט,
אַ ייד אַ תם, אַ פּראָסטער חי-וקים,
און דאָך — געהאַט אַ נס מן השמים.

וואָס הייסט אַ נס? אַ מופת אויף דער וואָר!
אַ מעשה שוין פון פינפאונפערציק יאָר,
און דאָך, ביז היינט צו טאָג, ווען איך דערמאָן עס,
פאַרגלוסט זיך מיר צו טאַנצן באמונות.

מיט פונפאונפערציק יאָר צוריק, מיין פריינד,
בין איך געווען... אַ קבצן פונקט, ווי היינט,

א יונגערמאַן, אַ היבשער בעל־משפחה
און דאָך — געהאַט אַ לאָך אין דער מערכה.

אימשטיינס געזאָגט, מיין שוסטערישער ברויט!
אַ גאַנצע וואָך דאָס שטעטעלע איז טויט,
נאָר איינמאָל אין אַ שלישי, אין אַ דינסטיק,
צום גרויסן טאָרג די צוויי גילדוין פאַרדינסטן.

היינט גיי פאַרדין ביים פויער אויפן טאָרג,
ווען יענער טראָגט די שטיוול אויפן קאַרק
און האָט זיי נאָך בירושה פון זיין טאַטן!
פונדעסטוועגן — עס מאַכט זיך פאָרט אַ לאַטע.

עס מאַכט זיך אַ פּאָר זוילן, אי גאָט העלפט,
צו ווינטער — האַלבע טשאָבאָטעס ביז העלפט.
דאָס מיינט מען קעפּ צו כאַלעוועס צו אַלטע.
קיין גליקן — עט! דאָס נפש צו דערהאַלטן.

דער פויער — אויפן גראָשן איז ער קאַרג,
און מאַכסטו שטיוול — מאַך אים אייזן־שטאַרק,
און — גאָט זאָל דיך באַהיטן — נישט קיין ענגע,
ווייל דאָס וועט ער ביים לעבן דיר נישט שענקען.

פאַרשטייט ער דאָך אַליין, ס'אַרא פּאַסאָן
אויף פויערישע לאַפּעס נעמט אָן
די פּאָר בתי־רגלים ווי די בערן,
אַז קיין עין־הרע זאָל זיי נישט שטערן!

נו — מאַ, קיין בייז. אַזוי איז מען געוווינט.
און מאַכן בעסער — אָסור אויב עס לוינט!
ווייל דאָ אין ישוב טראָגט נאָך היינט אַ יעדער
צוויי שטיוול פון איין שטיק יוכטאָוון לעדער.

און — מה־דאָך היינט נאָך גייט מען פון איין שטיק,
בפרט מיט פינפאונפערציק יאָר צוריק!
דעם נייעם שניט, די שטיוועלעך מיט צאַצקעס
האָט ערשט געבראַכט דער שרדה יאַן זאַוואַדזקי...

אַז וואַרשע איז אַ שטאָט פון פּוסטע קעפּ,
האָב איך פאַרשטאַנען דורך די פאַלשע שטעפּ.
איר ווייסט, וואָס הייסט? געפּלעקלט און געקלעפּלטע,
און — גיסט אַ קוק — די זוילן, ווי געשטעפּטע.

היינט שטעלט אייך פאָר! אַ רייטער ביי מיין טיר,
און יאַן זאַוואַדזקי קומט אַריין צו מיר,
ווייזט אוים, אַז נאָך אַ שנאַפּס, באַסאָווע הוסט ער.
— גאָט העלף — זאָגט ער — דאָ ווינט אַ ייד אַ שוסטער?

— דאָ, פּאַניע כראַביאַ, דאָ! דאָס מיינט מען מיך!
איך ניי שטיוואַלעס, כ׳קאָן אויך נייען שיך,
פאַר פּריצים, פאַר פּאַניענקעס און פאַר אַלע..
דאָס רעד איך נאָר, ביי זיך בין איך געפאַלן.

— איך דאַרף אַזעלכע שטיוועלעך אַ פּאָר —
צעשמייכלט זיך זאַוואַדזקי אין דער באָרד,
און ווייזט מיר זיינע שטיוועלעך מיט זוילן,
מיט פאַלשע שטעפּ, אַז ס׳הויבט מיך אָן צו גרוילן.

איך מאַך אָבער דעם אָנשטעל און איך לאַך.
אַזעלכע שטיוול? פּכע! אַ גרויסע זאַך
איך מאַך אַזוי, אַז וואַרשע מעג זיך שעמען!
דערלויבט דער כראַביע באַלד אַ מאָס צו נעמען?

און תיכף — זאַראַז נעם איך אים אַ מאָס,
און — וואָס וועט קאָסטן? זאָג איך: דאָס און דאָס,
און ס׳קלינגען שוין אין קעשענע די מעות —
אָן אַדערויף — מיין ווייב אויף דער הוצאָה.

אויף באָרג ביי מאיר-דודן אין קראָם
האָב איך גענומען פון דעם בעסטן כראָם;
וואָס הייסט? אַז מאיר-דוד איז דאָך גבאי,
וועט ער נישט באָרגן לעדער פאַר דעם כראַביע?

דעם אמת זאָגן, האָב איך ערשט דערנאָך
זיך אומגעזען, ווי גרוים עס איז מיין בראָך...

אַז איך קאָן גאָרנישט די וואַרשעווער מלאָכה!
דער אַדערויף איז זיך דערווייל צעקראָכן.

אַביסל האָב איך אָנגעבאָרגט אין שענק,
אַביסל — ווייב און קינדערלעך פאַרקרענקט,
דאָס רעשט האָב איך געהאַט אויף צוויי שבתים,
און — אָט בין איך שוין ווידער אָן אַ גראָשן.

דער שרה שיקט אַלץ פרעגן: „וואָס־זשע פאָרט?"
און ס'רירן זיך די שטיוול נישט פון אָרט.
און חברה — פּאַטש אין שטעטל מאַכט זיך לוסטיק:
אַהאַ! אָט גייט ער — דער כראַביאָווסקער שוסטער!

הכלל — עס בלייבט צו וואַרטן אויף אַ נס...
איך האָב שוין באַלד אַ פּנים פון אַ מת —
אַ וואָרער מת, כאָטש לייג אַריין אין קאַסטן.
ווייל — ווילט איר, גלויבט — איך האָב גענומען פאַסטן.

איך פרעס מיר בלויז די לעבער שטילערהייט:
שלימזל איינער, הערסט? דער כראַביע גייט.
קיין אָרט און רו פון יידן, ווי פון גוים:
„כראַביאָווסקער שוסטער!" — ווי צו מיין בזיון!

וואַ־דען? פאַרוואָלט זיך שטיוועלעך מיט שטעפּ!
וואַרט ברודער, וואַרט! און וועסט נאָך קריגן קלעפּ!
פאַרוואָלט זיך בויען שטיוועלעך מיט צאַצקעס!
און זיין אַ חכם קעגן יאַן זאַוואַדזקי!

און איינמאָל זיץ איך ביינאַכט אַליין
און פאָרע מיך ביים לעדער און איך וויין,
ווי קאָן איך צושניידן? נישטאָ קיין מוסטער!
געוואָלט, ווו נעמט מען איצט דעם רעכטן שוסטער!

ווען כ'האָב אַ רמז כאָטש, אַ ווונק, אַ טראָפּ!
איך וואָלט שוין צוגעלייגט דעם גאַנצן קאָפּ
און, וואָס אין חדר נישט אַריינגעשמיסן,
וואָלט איך מיט נאָל און צווענגל איינגעביסן!

און ווי איך קלאָג אַזוי, — דערהער איך טריט,
און ס׳קומט אַריין צו מיר אַן אַלטער ייִד,
אַ הויכער ייִד אין קאַפּטאַן און מיט פּיאות.
און אין אַ סובל-הוט — אַ רב לכל הדעות.

און דוכט זיך, קענטלעך מיר, און דוכט זיך — פרעמד,
איך גיב אים שלום אָפּ און בלייב פאַרשעמט.
אַזאַ מין ייִד זאָל קומען אין מיין שטיבל!
און — זעצט אייך, רבי, האָט נישט קיין פאַריבל.

אין שטוב איז מושבדיק, מיין ווייב איז קראַנק...
און פּלוצלינג בליצט מיר אויף אַזאַ געדאַנק,
און — כ׳ווייס עד היום נישט פון ווען פון וואַנען:
דער שניט — אַ טערקישער, געווים אַ תנא!

קיין למדן בין איך נישט, אַ פּראָסטער ייִד...
און ער, דער גאַסט מיינער — איז גאַרנישט מיד.
טוט אויס דעם קאַפּטאַן און טוט אַן מיין פאַרטוך.
די ברייטע אַרבל פון זיין העמד פאַרשאַרט ער.

צוויי הענט געדראָלענע — צוויי שוסטער-הענט,
עס גלאַנצט אַ ליכטיקייט אַרום די ווענט,
אין שטוב פאַרשמעקט מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען.
אוי, טאַטע, ער! רבי יוחנן הסנדלר!

נו, בלייב איך דאָך, ווי צוגעשמידט צום אָרט.
און ער, דער תנא, זאָל עס אויסרעדן אַ וואָרט!
נאָך העכער נאָך פאַרשאַרצט ער זיינע אַרבל
און נעמט ביי מיר פון האַנט אַרויס די אַרבעט.

ער זיצט און קלאַפּט. ער אַרבעט מיט אַ טאָלק.
די נאָל — זי בליצט, דער שוסטער-האַמער פאָלגט.
איך זיץ פאַרכאַפּט: אין שוסטערשער מלאָכה
די תורה בליצט און ס׳גלאַנצט די מזל-ברכה.

אין תנאס הענט דער כראָם איז ווי אַ וואַקס,
פון מאָל צו מאָל דער שררה-שטיוול וואַקסט,

מיין שוסטערשע נשמה זיך צעשמייכלט:
ערשט איצט פֿאַרשטיי איך שוין אַליין דעם שכל.

רבי יוחנן הסנדלר האָט געמאַכט
דעם שטיוול פּונקט, ווי איך האָב עס געטראַכט,
ווי איך האָב מיטן שכל ערשט פֿאַרשטאַנען.
נו — וואָס איז דאָ צו רעדן, פֿאַרט אַ תּנא!

און, אפשר וואָלט איך אויך געמאַכט אַזוי?..
— דער עיקר אָבער, רבי, איז דער זויל,
די פֿאַלשע שטעפּ, אַ בראַנד אין זייער טאַטן!
ווו מאַכט מען, עס זאָל זיין געשטעפּט און גלאַטיק?

דאַן זאָגט צו מיר ר׳ יוחנן: מיין זון,
ס׳איז גאָר נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון!
מיר לאַכן פֿון דיין וואָרשע מיט איר מאָדע.
דו זאָג מיר נאָר, ווו האָלטסטו דיין הגדה?

דאָ בלייב איך טאַקע זיצן ווי אַ נאַר.
— אין פּסחדיקן שענקל, רבי־האַר!
דערלאַנגען אייך? — צעשמייכלט ער זיך איידל:
מען מיינט נישט די הגדה, נאַר... דאָס דריידל.

איך זע, ער הויבט זיך אויף. איך זע, ער גייט.
ער גייט צום שענקל. קוק איך שטומערהייט.
אַ שטומע צונג... אַ שוסטער. און... רמזים.
און איבערפֿרעגן — האָב איך נישט קיין העזה.

ער גייט צום שענקל פּסחדיקן געשיר,
און שלעפּט פֿון דאָרט אַרויס אַ קליין מכשיר.
און דאָ ערשט — גולם — עפֿן איך די אויגן:
צו פֿאַלשע שטעפּ דאָס מצה־רעדל טויג אים!

און — אָנגענומען וואַסער אין אַ שעפּ
און — איינגעצעצט די זוילן און — ער שטעפּט,
ער שטעפּט אַזוי, ווי איך פֿלעג רעדלען מצות.
פֿאַר שמחה — אַז איך מיין, דאָס האַרץ וועט פּלאַצן.

פאַר שמחה, אַז איך גיב עס נישט אַ זבענק:
אוי, תנא זיסער, קום מיט מיר אין שענק!
און טאַקע באַלד... זיך אויפגעכאַפּט פאַרוואונדערט?...
אַ חלום גאָר... דער תנא איז פאַרשוואונדן...

פאַרבליבן אָבער איז נאָך אים די פרייד,
די תקיפות, אַז די תורה איז שוין גרייט.
דאָס מצה-רעדל וואָרט אויף מיר אין שענקל.
דאָס איבעריקע — סיי ווי סיי געדענק איך.

און מיינט איר — וואָס? אין איינע צוויי מעת-לעת
געזען האָט מען די פירות פון דעם נס:
כ'האָב אָפּגעטאָקט די שטיוועלעך מיט צאַצקעס,
מיט פאַלשע שטעפּ, לויט נוסח יאַן זאַוואַדזקי.

דער שררה האָט באַטראַכט און פיין באַצאָלט,
זעקס רענדלעך, ווי די בערן — פורע-גאָלד.
דערביי האָט ער אין באָרד אַריין געשמייכלט,
מיין נאָמען און מיין ביינאָמען פאַרצייכנט.

געשמייכלט און געמאַכט קאָמפּלימענט:
דו האָסט — זאָגט ער — אַן אמתן טאַלענט,
היינט ווער רעדט נאָך, אין וואַרשע ווען דו ווייזט זיך,
אין גאָלד וואָלסטו געגאַנגען, פּאַניע מייסטער!

און וואָס-זשע מיינט איר האָט ער דאָך געטאָן?
כאָטש אַנגעמאָסטן? ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן!
באַשמעקט, באַלעקט, אַרומגעטאַפּט און יוצא.
פאַרשטעקט זיי אין אַרכיוו ביי זיך, אין אוצר.

פאַראַן אַזעלכע צימערן ביי זיי,
די גרויסע פּריצים רופן דאָס: מוזיי. —
און — קומט אַמאָל פּאָטאָצקי מיט זאַמאָיסקין,
דאַן לויפן דינער, העלפן זיי זיך אויסטאָן,

און דאַן, מיט גרויסער פּאָמפּע, פירט מען זיי
מיט מוזיקע אַריין אין דעם מוזיי...
באַטראַכטן מיינע שטיוועלעך מיט צאַצקעס,
מיט פאַלשע שטעפּ, לויטן נוסח יאַן זאַוואַדזקי.

# גאָלדענע שיך
## (כעלעמער נוסח)

די זון האָט זיך יום־טובדיק - ליכטיק צעשיינט:
דעם כעלעמער מלכס געבורטס־טאָג איז היינט.
אָט קוקט ער אַראָפּ פון די הויכע באַלקאָנען,
צי קומט שוין דאָס פאָלק מיט דער נייער מתנה
מע טראָגט שוין, מע טראָגט שוין די גאָלדענע שיך
פון עכטע דוקאַטן — א שיכט אויף אַ שיכט!
דאָס פאָלק האָט די גאָלדענע שיכלעך געקאָוועט,
דער מלך זאָל טראָגן אין עושר און כבוד.
און ווער עס וועט טרעפן דעם מלך אין גאַס —
זאָל מאַכן אַ ווארע אַזוי ווי עס פּאַסט.

---

דער פּנקס פאַרציילט, אַז אין כעלעמער געגנט
דעם זעלבן האַלב־יאָר האָט אַלץ אָפּטער גערעגנט.
די כעלעמער גאַסן באַגאָסן מיט ליים.
ווי טיף איז די בלאָטע — פאַרשטייט־זשע אַליין!
און כעלעמער פּיס האָבן ערלעך געקנאָטן,
משבת לשבת די שיטערע בלאָטע.
ווער שלעפּט זיך עס שטיל און געפאַלן ביי זיך?
דאָס דריפּטשעט דער מלך אין גאָלדענע שיך.

---

האָט כעלעם פאַרזאַמלט די הויפּט־מיניסטאָרן,
די הויפּט־רעדאַקטאָרן, די הויפּט־סענאַטאָרן,
חזנים, דיינים, דערצו ראַבינאַט —
די גרעסטע אסיפה האָט כעלעם געהאַט.
אויף דעם איז נישטאָ עפּעס בעסערס צו זאָגן:
דער מלך מוז ווייטער די שיך זיינע טראָגן,
דאָס פאָלק האָט דאָך ערלעך און שווערלעך באַצאָלט,
דעם מלך צו זען אַ געשוכטן אין גאָלד!
אי־וואָס? עס בלייבט איבער דער קליינער חסרון:
דאָס גאָלד גייט לגמרי אין בלאָטע פאַרלוירן?

דאָס מוז מען פאַרהיטן, דער חשבון איז קלאָר,
דער מלך מוז אָנטאָן קאַלאָשן אַ פּאָר.

---

בכדי אָבער אויך פון דעם גאָלד זאָל מען וויסן,
מוז יעדער קאַלאָש זיין פון פּאַרנט צעריסן
דאָס גאָלד זאָל אַרויסקוקן רחבותדיק-ברייט
און אָנפילן כעלעמער הערצער מיט פרייד.
בימי אָבער גאָר פון געהויבענער בלאָטע
דער מלך איז אויך פון די לעכער דאָן פטור;
דער מלך אַליין און זיין גנעדיקע פרוי
זיי קאָנען פאַרשטאָפּן די לעכער מיט שטרוי.

---

און אָט איז די כעלעמער הויף-אוניפאָרם:
צוויי טיפע קאַלאָשן מיט לעכער פון פּאַרנט,
די לעכער מיט שטרויענע שפּונטן פאַרשטעקט —
דאָס לאָזט זיך דער כעלעמער מלך אין וועג.

## דאָקטער פאוסט קאָן
### כעלעמער נוסח

ביי דער מקוה אויפן שול-הויף האָבן כעלעמער באַלעבאַטים
זיך אַריינגעלאָזט אין חקירות וועגן יונגען דאָקטער קאָן:
צי עס העלפן זיינע פּלעשלעך, צי זיי קאָנען בלויז פאַרשאַטן,
און ווו האַלט ער אין דאָקטאָריע: צי ער קאָן נישט, צי ער קאָן.

ווייל ס׳איז גאָרנישט צו פאַרגלייכן מיט רב מאירקע דעם רופא.
יענער ווייסט דאָך אַלץ אויף אויסנווייניק, ער היילט אייך נישט געפרעגט,
בעת דער דאָקטער פאַרשט אייך אוים אויף אַ משונהדיקן אופן,
היינט נעמט ער גאָר פון ספר זיינע אויגן נישט אַוועק.

אַ סברה, אַז ער לערנט נאָך, ער האַלט זיך נאָך אין בילדן.
און דו — שטעל איין דאָס לעבן און לייג אויס פּאַר אים דיין קרענק.
אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. אָן עבירה די פּאַר גילדן,
און איידער זיי אים אָפּגעבן, איז גלייכער שוין אין שענק.

און אפשר גאָר אַ פרעג טאָן אים, ווי האַלט ער אין דאָקטאָריע,
צי איז ער אַ געענדיקטער, צי לערנט ער נאָך איצט?
קיין חכם איז ער נישט, ער וועט אויסבראָקן די וואָרהייט.
מען זעט דאָך לויטן שוויצן, ווי דער מח איז פאַרשפּיצט.

און כּעלעם האָט באַשלאָסן, אַז מען גייט אַ דעלעגאַציע,
אין מאַרק אַנטקעגן ראָטהויז, צו דער שטוב מיטן באַלקאָן.
און זאָל מען טאַקע פרעגן אים, וואָס האַלט ער דאָרט אין פּראַצעוועז,
וואָס זוכט ער אין זיין ספרל — דער דאָקטער פּאָוסט קאָן.

— גאָט העלף, פּאַניע דאָקטאָזשע! — ס'אַר אָן עולם קיין עין-הרע
נישט!

ער חידושט זיך. אוודאי אַ מגפהלע אין שטאָט!
— און איר, פּאַניע דאָקטאָזשע, רק איר לערנט, רק איר האָרעוועט,
אַריינגעטאָן אין ספר און קיין פדיון איז נישטאָ!

— פון וואַנען זאָל ער זיין? עס האָט אַ פּריץ דען פאַרלוירן?
אי וואָס: איר זעט איך לערן זיך, ס'איז נוצלעך, ליבע פריינט!
— יאָ, יאָ, אָבער דאָקטאָריע איז — להבדיל — קיין גמרא,
און, ווער עס קאָן די תורה, יענער קוקט שוין נישט אַריין.

— איז וואָס? זייט איר מיר חושד, אַז איך קאָן נישט קיין דאָק-
טאָריע?
— מע רעדט, אין כּעלעם שמועסט מען, איר לערנט זיך נאָך איצט.
— אַזוי! האָב איך אין פּיטאַרסבאָרג אומזיסט — הייסט עס —
געהאָרעוועט,
אומזיסט אין פּראָסעקטאָריומס און קליניקעס געשוויצט?

נו — רעכט. טאָ זייט-זשע ווּיסן, אַז ביי אונדז האָט מען געלערנט
בלויז קראַנקע צו באַהאַנדלען ווי ס'געהער צו זיין — איר הערט?
דער ספר אָבער לערנט מיר — איר מעגט עס, יידן, הערן —
צו קאָנען מאַכן לעבעדיק באַגראָבענע אין דר'ערד!

— איר ווילט מחיה-מתים זיין? דער ייד איז חסר-דעה.
דאָס לעצטע ביסל שכל האָט ער איינגעשטעלט אין קאָן.
— שאַ, לויפט נישט יידן, פילדערט נישט! ס'איז כ'לעבן אַן אידייע
דערלאַנגט מיר נאָר אַ מת, וועל איך אייך ווייזן, וואָס איך קאָן!

— דערלאַנגען אים אַ מת! אַ פריש געבאַקענעם, אַ פּנים?
כאַטש נעם צי אוים די קאָפּיטעס און שטאַרב אויף זיין פאַרלאַנג...
רב ייד! ס'איז דאָך די מעשה מיט די כעלעמער נאַראָנים!
נישטאָ ביי אונדז אין כעלעם קיין נאַראָנים שוין פון לאַנג!

— חלילה! צי פאַרלאַנג איך דען, אַז עמיצער זאָל שטאַרבן?
איר לעבט אייך אוים מיט מזל, וויפל איינעם איז באַשערט.
איך מיין — אַ מת אַן עלטערן — אַ לעכערדיקן שאַרבן.
איר באָרגט מיר אוים אַ קרוב, וואָס איר האָט אים שוין אין דר'ערד.

אַזוי — איז עפּעס אַנדערש! מיר פאַרשפּאָרן אייך צו געבן.
עס פּאַשן זיך מצבות ווי די שעפּסן אויפן פעלד.
— שאַ! זאָל ער פּרווון אויפוועקן אברהמעלע דעם רבינס!
אוועק, נעבעך, דער אבן-טוב אַ יונגער פון דער וועלט.

— פאַרוואָס עפּעס אברהמעלען? פאַרוואָס נישט ציפּע-זלאַטען.
פאַרלאָזט אַזאַ עשירות און יתומימלעך אַ פּאָר.
— און אפשר איז אַ סברה ער זאָל אויפוועקן מיין טאַטן?
געהאַט נאָך פיל צו לעבן ביז צו הונדערט צוואַנציק יאָר!

— פאַר וואָס עפּעס דיין טאַטן? און פאַר וואָס נישט איטשע חלפן?
אַן אָרנטלעכער ייד געווען. אַ פיינעם שטאַט געפירט.
דיין טאַטע איז דאָך סיי-ווי-סיי אַ דר'ערד-ליגער אַ דלפון.
פאַר אים איז בעסער יענע וועלט, און די איז פאַר דעם גביר.

אַזוי? בין איך נישט איינשטימיק! אַז אויפוועקן — איז אַלע?
די רייכע, ווי די אָרעמע, דאָס פייבל ווי די פּני!
כ'וואָלט אדרבא אַנגעקוקט, צי דו ביסט אויך אַ בעלן,
צו פוילן דאָרט אין קבר אין אַ רעגן, אין אַ שניי!

נאָר כעלעם האָט באַשלאָסן גאָר צו וועקן בערל קצב:
זיין קבר איז דער פאָדערשטער, מען שטע'לט נישט פיל אין קאָן

עס ציט זיך צום בית־עולם אַ געדרענג — אַ דעלעגאַציע
פון כעלעמער חכמים מיטן דאָקטער פּאָסטע קאָן.

און פּלוצלינג, ווי פון זאַק אַרויס צעשיטן זיך געוואַלדן.
עס לויפן זיי נאָך אַ יידענע, פאַרלאָפן זיי דעם וועג:
— גזלנים וואָס איר זייט! וואָס גייט איר אויפוועקן מיין אַלטן!
איר מאַכט מיך פאַר אַ קאַליקע; איר קוילעט מיך אַוועק!

מיין אַלטער — צי פאַרדינט ער גאַר זיין נאָמען צו דערמאָנען?
אַ הולטיי און אַ שיכור, לאָזט אים ליגן אין זיין רו!
זיין איינציקער פאַרדינסט, ער האָט געלאָזט מיך אַן אַלמנה —
איצט גייט איר מיך באַגליקן און אים אויפהויבן פון גרוב!

— נו — שאַ! וועט מען אים לאָזן דאָרט. איז וויניקער אַ שיכור!
טאָ הערט־זשע אויף געוואַלדעווען. מען זאָגט דאָך אייך, איר הערט?
דאָס ווייבל אָבער קוויטשעט נאָך! — נישט דאָס איז נאָך דער עיקר!
איך וויל פון אייך אַ צעטל, אַז איר לאָזט מיין מאַן אין דר׳ערד!

האָט קהל זיך געחתמעט און מען רירט זיך שוין אין וועג אַריין
ערשט־ווי! עס איז אַן אַנגעלויף, דער גאַנצער וועלט פאַרשטעלט
מיט ציפּע־זלאַטעס איידימלעך אויף זיבן פערד און וועגענער.
— די אַלטע גייט איר אויפוועקן? אַ שלאַק האָט אונדז געפעלט!

אַ מעשה מיט יתומימלעך אויף זיבן יאָר צו פאָרשן
צוואות מיט פּאַפּירלעך — וועלכע האָבן נישט קיין ווערט!
נישט בעסער איז פאַר כעלעם דען, אַז מיר זיינען די יורשים
און האָבן אונדזער שוויגער ציפּע־זלאַטע טיף אין דר׳ערד?

און כעלעם האָט באַשלאָסן ציפּע־זלאַטען נישט צו וועקן.
און כעלעם איז געשטאַנען פאַר אַ זעלטענעם פּראָבלעם,
אַז אויפוועקן אַ טויטן — איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן,
פאַר איינעם אַ באַפרייונג, פאַרן צווייטן גאַר אַ קלעם.

און כעלעם האָט באַשלאָסן צו אַ גלייכגעוויכט צו שטרעבן.
און כעלעם האָט באַשלאָסן זיך צו האַלטן ביי דעם כלל:
אויב וועקן, איז אַזעלכן, ווי אברהמעלע דעם רבינס —
אַ מענטש, וואָס איז געליבט און איז געאַכפּערט איבעראַל.

און דאָ האָט מען פֿאַרגעסן, אַז אברהמעלעס אַלמנה
האָט זיבעצן חדשים איר אַלמנהשאַפֿט באַקלאָגט —
און וואָס איז דען, חלילה, זי צום בייזן צו דערמאָנען? —
געשטעלט אַ שטילע חופּה און אַ סברה, אַז זי טראָגט.

אַז איצט האָט שיינע־דאָבע מיט די בוינגדיקע ברעמען
גערויטלט זיך פֿאַר קהל און די אויגן זיך געוווישט.
— באַדיינקען זיי, הער דאָקטער, ווי זיי טוען מיך פֿאַרשעמען?
אברהמלע זאָל קומען בין איך — וואָר — אַן אשת־איש!

הכלל מען האָט באַשלאָסן; מען וועט וועקן איטשע חלפֿן.
שוין צייט טאַקע. אין דר׳ערד ער טוט שוין פֿוילן אַ יאָר צען.
האָט קהל זיך צעשריגן: — איר ציט אויף אונדז אַ חלף!
דער אַכזר וועט נאָך מאָנען פֿאַר דער גאַנצער צייט פּראָצענט!

— נו — אויב נישט איטשע חלפֿן — דאַן וועקן מיר דיין טאַטן —
אַ שטילער אָרימאַן געוועזן, געלעבט פֿון ניסים בלויז.
— נו — אדרבא וועקט! נאָר זעט אַ מענטש זאָל זיך נישט מאַטערן,
איר מאַכט אים כאָטש לצמיתות פֿאַר אַ שמש ביי דער קלויז.

האָט קהל זיך פֿאַרטראַכט: אַ שמש אויף לצמיתות!
אַ שטעלע וואָס עס וואַרט אויף איר מיט אומגעדולד גאַנץ בעלעס
מע ציילט דעם שמשס טעג! זאָל ער שוין איינעמען אַ מיתה!
און דאָ — וועק אויף אַ טויטן און באַזעץ אים, אויף דער שטעלע!

ס׳וועט קיינמאָל נישט געשען! ס׳וועט קומען צו געשלעגן!
און אַלץ כדי צו הנפּענען דעם דאָקטער פּאָוסט קאָן?
אַרויסרופֿן מחלוקת — דאָס איז קיינעם נישט געלעגן.
מיר גלויבן אים אויף אויסנווייניק. מען ווייסט שוין, אַז ער קאָן:

און קהל האָט באַשלאָסן: נאָכן קריזיס, בלי נדר,
ווען בעלעמער ריווחים וועלן שטייגן פֿון מעת־לעת,
די וועלט וועט ווערן רייך און אַ מיליאָן וועט האָבן יעדער —
אַרויס צום גוטן אָרט און טאַקע אויפֿוועקן אַ מת.

# דרײפוס

(דראַמע אין 4 אַקטן 10 בילדער)

## ערשטער אַקט

א גאַניק לינקס, א פענצטערל. א בוים רעכטס. אונטערן בוים א טיש אויף א קלאָץ. צוויי איינגעפונדעוועטע בענק. אין הינטערגרונט — א פלויט מיט אן אריינגאַנג אין דערמיט. הינטערן פלויט — א באַרג־אַרויף.

## 1־טע סצענע:

ביים טיש זיצט משה אַרענדאַר, האַלב־שבתדיק אָנגעטאָן. קוקט אַריין אין א ספר. נענטער צום גאַניק שטייט פעסי, די הענט אין די באַקעס קוקט רעכטס.

פעסי

קאַזיק! הער קאַזיק! טרייבט אַרויס פון האָבער דער שענקעריינס פערד! און אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ! אַלע פרייטיק האָב איך זי פאַר א גאַסט!

משה

אַז זי פאַרט פאַרביי... מען קאָן דאָך א מענטשן נישט מבייש זיין, יידענ־טע...

פעסי

יאָ, מיין מאַן, ס'איז טאַקע פון די לייכטע זאַכן: זי מבייש צו זיין... פון די מענטשן. טרייב זיי דורכן טיר, וועלן זיי אַריין דורכן פענצטער... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, משהניו? אפשר א גלעזעלע מילך, הא? אַז פרייטיק איז קיין טאָג נישט און דאָס וואַרעמעס איז קיין וואַרעמעס.

משה

און דעם אַלטן שניך געשיקט א שלוק מילך אין וואַלד אַריין? א מענטש זיצט אָפּ פון שחרית א פאַרשמאַכטער.

פּעסי

ווי אַן טויט פאַרגעסן! אז יעטער, קוים נעמט ער אין דער האַנט אַריין דאָס פידעלע און לאָזט זיך אין וואַלד אַריין, אַראָפּברענגען דעם שבת־קודש, איז דאָך אַנ׳עק פון דער וועלט. ווער מיר עסן, וואָס מיר טרינקען, — איך לאַך פון אייך!

משה

אַהאַ! צו מיין זיידעניו קאָן! באַדאַרפט צושיקן נחמהלען...

פּעסי (מילד)

וועגן נחמהלען, משהניו, האָט מען טאַקע נייטיק באַדאַרפט איבער־שמועסן... כ׳מיין וואָס, מיין מאַן, — ביים געשטעל מיט אַקעוויט, ביי די שיכורע פויערים, דאָרט איז אַן אָרט צו רעדן וועגן דעם? משה?

משה (אומגעדולדיק)

וואָס ברענט עס אזוי, יידענע, פונקט אין דער לעצטער וואָך? ווו דו שטייסט, ווו דו גייסט — נחמהלע, נחמהלע... אונדזער קינד איז ח״ו קיין באָוועל נישט. נאָך נישט אין גראָען צאָפּ אַריין.

פּעסי: (באמערקט דבורהן אָנקומען פון גאניק)

ששאַ... אָט האָסטו זי, די נישט־געבעטענע. לאָזט נישט אויסריידן קיין וואָרט... צו מיינע שונאים׳ס קעפּ! מיין טאָכטערס כשרע אַרבעט אין אירע טריפהנע הענט!

משה

ששאַ, יידענע!

## 2־טע סצענע:

(דבורה די שענקערין קומט אראָפּ פון גאניק. א יונגע אלמנה מיט פּרעטענזיעס אויף קאָקעטעריע).

דבורה

פּעסיניו, קרוינעלע, א געבענטשטע מאַמע זענט איר דאָך! גאָל־דענע הענט האָט זי דאָך, נחמהלע, גאָלדענע הענט, קיין עין־הרע! כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: מען גייט דאָך אַריין אין פריצישע הייזער, מען זעט זיך דאָך אָן פון אַלדאָס־גוטס — חוץ זייער שאָדן אויף אַלע יידן געזאָגט! — היינט אויסגעציכצן אַלערליי, פוירהאַנגען, טעפּיכער, געהאַפטענע קרינאַ־לינעס... איר ווייסט פּעסיניו, היינט טראָגט מען דאָך די קרינאָלינע — א מצווה זאָג איך אייך אָנצוקוקן — הויבט זיך אָן דער קוויטש אַט־אַ־דאָ, פון

פאַרנט, פאַלט ער פאַסן־זוויז, פאַסן־וויז. אמתע ביטן מיט קוויטן!... נעמט נישט פאַר אומגוט, רב משה, אַלץ אונדזערע נאַרישע, ווייבערישע האַבן...

(משה גיט א מאך ביטלדיק מיט דער האנט, נעמט דעם ספר און גייט אין שטוב אריין).

דבורה

אָבער אזוינס ,פּעסיניו, איז דאָך א מדינה אויסצופּאַרן. זעט נאָר די פּאַווּעס. די קליינינקע פּאַשטעריקעס! דעם גאָלדענעם קוויט!(זי אנטציקט זיך מיט דעם אויסנייעכץ, וועלכן זי האלט. פּעסי נעמט עס אוועק פון אירע הענט).

פּעסי

זי האָט עס אייך אליין געוויזן מיין טאַטעס?

דבורה

וועה? זי וועט ווייזן! געטראָפן א באַרימערין. איך זוך אזוי מיין האַווע־לאַק — אוי, שפּעט, ווי איז מיר! איך וועל אָנשפּאַרן אין שבת אריין!... זוך איך אזוי, ערשט איך זע אין ווינקל אויפן טיש עפּעס א שיינס. אָבער א שיינס! בתמהלע, ס'איז דיין אַרבעט? — מיינע, זאָגט זי. פּריער איז עס מיר געפעלן, איצט קריכט עס מיר נישט אין דער האנט אריין.

פּעסי

אזוי האָט זי געזאָגט? איך וועל זי...

דבורה

אָן עסק האָט איר, פּעסיניו! א קעלבל! אָבער זאָגט נאָר פּעסיניו, קרוי־נעלע, איך בין דאָך נישט מער ווי א זינדיקע אשה. און פון א גאַסט, ווי זאָגט מען עס — קאָן מען דאָך קיין נאָדל נישט אויסבאַהאַלטן... אפשר א מזל־טוב איין א גוטער שעה? הא? א פּרוכת!

פּעסי

דבורהשי! וואָלט עס נאָר האַלטן הערביי, וועט איר, אי״ה, די ערשטע וויסן.

דבורה

אבי איך האָב געמיינט... נו, זאָל דער אויבערשטער צושיקן אין א מזלדיקער שעה די באַשערטע זאַך, פּעסיניו! איך וועל הייסן שפּאַצן. האָט מיר א פריילעכן שבת.

פּעסי

א פריילעכן שבת זאָלן אלע יידן האָבן.

דבורה

און נעמט נישט פאר אומגוט מיין פלוצלונגען אנקום. פריטיק א גאסט איז דעם אויוון צו לאסט. וואס טוט מען פעסיניה, אז די ביטערע פרנסה מיינע טרייבט! באדארף איך לויפן זיך אויסחשבונען מיטן קאנאניק... זינט מיין תלמיד־חכם איז מיר נעבעך, אפגעקומען.

פעסי

אי, דבורהשי, זינדיקט נישט מיט די רייד... א דאנק, וואס איר פאר־געסט אונדז נישט, פארט געזונטערהייט. (דבורה אָפּ רעכטס...) פאר... צו דעם קאנאניק דיינעם. וואס האסטו צו טאן מיט דיין טריפהנעם פרצוף אין א יידישער שטוב? ס׳געהערט: דער תלמיד־חכם איר׳ער... נישטא וואר ס׳זאל לאכן... אהרלע שיכור...

### 3-טע סצענע:

(פון גאניק קומט אראָפּ נחמהלע מיט א קריגעלע מילך).

פעסי

צום זיידן אין וואלד אריין? גוט, מיין קינד.

נחמהלע

טאטעשי ט׳געהייסן.

פעסי

און אליין, מיין קינד, האסטו קיין שכל נישט געהאט?

נחמהלע

אז מען זעט אים נישט, פארגעסט מען זיך אן אים. ווי א שאטן.

פעסי

וואס פאר א רייד, קינד מיינס! אָט די דבורהטשקע. קיין גוטער ייד זאל זי נישט קענען — פון אונטער דער האנט רייסט זי דיר די כשרע ארבעט ארויס!

נחמהלע

ניין, מאמע, איך האב נישט געארבעט.

פעסי

פארוואס, מיין קינד? פאלג א מאמען, נעם א נאדל־יידי, גיי צום זיידן אין וואלד אריין. ער וועט שפילן פאר די פיגעלעך, און דו וועסט זיי אריינניי׳ען מיט גאלדענע פעדים אין סאמעט אריין, א כשרע ארבעט, קינד. ביז ימים־נוראים דארפסטו זיין פארטיק מיט דעם.

נחמהלע

גאָט ווייסט...

פעסי

אוי ווי איז מיר! טפו! טפו! טפו! טאָכטער! איך זאָל נישט הערן פון דיר אַזעלכע דיבורים! שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ אַלע נארישקייטן!

נחמהלע

נעם, מאַמע, דעם פּרוכת אין שטוב אריין. אפשר מאָרגן, אויף א פּולער וואָך.

פעסי

גוט, מיין קינד. כ'וועל זיך נישט שפּאַרן, אָבער זע, האָב רחמנות אויף א מאַמען (גייט צום גאניק) אוי, ווי איז מיר!...

נחמהלע

נארישקייטן... פון וואַנען ווייסטו, מאַמע, אז איך רייד נארישקייטן? קוקסטו מיר נאָך מיינע חלומות?

## 4-טע סצענע:

(דבורה מיטן האוועלאָק איבערן אָרעם קומט אַן פון רעכטס).

דבורה

איך זוך אים אין שטוב — ליגט ער גאָר אין וואָגן...

נחמהלע

ווער?

דבורה

דעם דער מלבוש מיינער. נו, נחמהלע, נשמהלע מיין! די פור איז שוין גרייט. איך מוז נאָך אריינפּאַקן אין שטאָט פאר ליכטבענטשן. מען טיקטלט אַזוי אויך אויף מיר מיט די פינגער: די טריפהניאַטשקע! זאָלן זיי אַזוי זעען ביי זיך ברויט אין שטוב, ווי זיי האָבן געזען ביי מיר טריפות. אָבער נחמהלע, נשמהלע מיין, איך קאָן זיך דאָך פון אָרט נישט רירן. איך מוז דאָך ווייסן די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביזן סוף, מיט אַלע פּיטשעווקעס. וואָרעם אז נישט וועט מען מיך אוודאי געפינען א געהלשטע.

(זי פירט נחמהלען צו דער באנק און זעצט זי אנידער כמעט איבער־געוואלט).

נו, אויף גיך, דער שבת וואַרט נישט און עמיצער קאָן נאָך אַנטקעגן־קומען.

נחמהלע (צעלאכט זיך)

זע נאָר, די אויגעלעך האָבן זיך ערשט אָנגעשפּיצט ווי די צוויי וועווערקעס? וואָס מאַכט איר אַזוי אַזאַ סוד פון דעם? איז ער געווען, דער ייִנגער דוכוס, איז וואָס?

דבורה

אוי ווי, כ'וועל בישט אויסהאלטן פון אירע רייד? א קליינינקיט גאר, דער יינגער חוכוס? וויסטו כאטש ווער דער יינגער חוכוס איז?

נחמהלע

א גוי, ווי אלע גוים.

דבורה

אוי, מען וועט מיך געפינען א געחלשטע! ס'איז דאך דער חוכוס, דער גרעסטער שררה, א מאנארכע!

נחמהלע

טא זאל ער זיך פריקען. וואס איז די שמחה מיט אייך?

דבורה

געוואלט, מיידל! דו וויסט כאטש, וואס דו רעדסט? אבער ווי עס שפילט עס זיי אביסל דאס מזל די פריצים! באדארף ער אריינפאלן אין קרעטשמע, ווען טאטע־מאמע זיינען גאר אויפן יאריד.

נחמהלע

אפילו זלאטע די מויד איז מיר ערגעץ אוועקגעגאנגען, אין דער הייסער מינוט. כ'האב געמיינט: איך באגראב מיך פאר בושה. כ'בין דאך ארויס־געלאפן אין אייך אונטערקליידל.

דבורה

אוי, מאמעלעך, א מזל פון א פריץ?

נחמהלע

וואס איז אים דאס מזל אזוי גרויס?

דבורה

אז דו ביסט א קינד, אז דו ביסט א קעלבל! טאטע־מאמע וואלטן געווען זיין — אונטער זיבן שלעסער וואלט מען דיך פארשפארט. אונטער זיבן פוירהאנגען פארשטעקט... און אין אייך אונטערקליידל!

נחמהלע

א חרפה און א שאנד! א קורץ קליידל געווען. כ'בין דאך געווען באר־וועס!

דבורה

זאג זשע מיר, נחמהלע, נשמהלע מיין, ווי אזוי האט ער געקוקט אויף דיר, דער חוכוס?

נחמהלע

אזוי... מיט אויגן. געשמייכלט און גערעדט א וואנסע.

דבורה

געדרייט א וואָנסע?! און ווי זעט ער אויס? עפּעס א שייגער?

נחמהלע

יאָ, זייער א שיינער!

דבורה

טאַקע באמת?

נחמהלע

פון וואַנען זאָל איך עס וויסן? איר וואָלט עס בעסער געוווּסט.

דבורה

אי, וואָלט איך עס געוווּסט! אָבער ווער האָט אים אָנגעקוקט? אז ער איז ערשט געקומען פון אויסלאַנד. דורכגעפאָרן אַלע מדינות. מען זאָגט, ער קאָן אַלע זיבעציק לשונות. מען זאָגט אפילו, ביי די רבנים געלערנט לשון־קודש.

נחמהלע

לשון־קודש? א גוי לשון־קודש?

דבורה

וואָס מען זאָגט אַלץ? מען דערציילט, גאַנצע ניסים וועגן אים. מען האָט אפילו געמיינט, אז ער האָט זיך מגייר געווען.

נחמהלע: (דענקט נאָך)

יאָ, ער איז שיין. ער איז זייער א שיינער.

דבורה

געפעלט ער דיר?

נחמהלע

יאָ.

דבורה

זע נאָר, קוק נאָר אָן דעם נעבעכל!... און וואָס פאַר א אויגן האָט ער?

נחמהלע (דענקט נאָך)

נאַקעטע.

דבורה

ווי?

נחמהלע

נאַקעטע.

דבורה

טפו זאָל עס ווערן! האָסט געהערט דיבורים? נאַקעטע אויגן גאָר?

נחמהלע

וואָס איז? ס'קאָן נישט זיין? אַט א האנט א נאקעטע, א פוס. פאַרוואָס קאָנען נישט זיין קיין נאקעטע אויגן?

דבורה (ציט מיט די אקסל)

און ווי אזוי האָט איר זיך צוזאַמענגעטראָפן?

נחמהלע

איך בין געזעסן ביים מולטער, האָב מיר געוואשן די פיס. הער איך — א געדרודער אויפן טראקט. פערד פאָרן. מען שטעלט זיך אָפּ ביי דער קרעטשמע. נו, וויבאַלד ס'שטעלן זיך אָפּ פורן ביי דער קרעטשמע? ערשט מען שרייט: מאַשעק! און מיט אזא געבייזער! בין איך ארויסגעלאָפן.

דבורה

האָסטו אים דערזען?

נחמהלע

א קאָטש האָב איך דערזען. דריי פערד נאשפיץ. אין קאָטש — צוויי יונגע פריצים. און די לייצעס האָט געהאלטן סטאָך דער יונגער אליין, וואָס מיט די רויטע צוויי בערד און מיט דער נאקעטער גאָמבע. אוי, דער מאַמעס מילך איז מיר איינגעפאלן! הערט, חברהשי! אויפן קאָטש פון הינטן איז דאָך געשטאנען א מאלפע! איין א רויטער בעקעשע און געדרייט מיט די וויסלעך און געשטשירעט די ווייסע ציין!

דבורה

מיינע שונאים?

נחמהלע

זי האָט ארויסגעזען ווי אן אמתער מענטש. עפעס מאָדנע גערעדט. די פריצים, ווייזט אויס, האָבן פארשטאנען דעם מאלפישן לשון.

דבורה

וואונדער איבער וואונדער! וואָס איז ווייטער געווען?

נחמהלע

גאָרנישט איז נישט געווען! איינער פון די פריצים האָט זיך געביי־זערט, למאי מאַשעק איז נישט ארויסגעלאָפן מיט ברויט און מיט זאַלץ.

דבורה

הערסט, אוודאי! ער איז דאָך א גאסט.

נחמהלע

און איך האָב עס גאָרנישט געוווסט. כ'האָב אים געזאָגט, אז אויב ער דאַרף ברויט מיט זאַלץ, קאָן איך אים ארויסטראָגן.

דבורה

אוי, א וויטיק איז מיר! האט ער זיך נאך מער צעבייזערט?

נחמהלע

האט ער זיך צעלאכט. האבן זיך אלע צעלאכט. אפילו די שווארצע מאלפע, אז די ציִק זייִנען איר שיִער נישט ארויסגעפאלן. האב איך גע־וואלט וויינען. און דא כאפ איך מיך: איך בין אין איך ארונטערקליידל, מיין חרפה! געוואלט אנטלויפן. איז דער ייִנגער חוכוס אראפגעשפרונגען פון קאטש. האט ער זיך פארטשעפעט און שיִער נישט אומגעפאלן. האב איך זיך צעלאכט.

דבורה

אוי, א וויטיק איז מיר!

נחמהלע

האט ער מיך אנגעכאפט ביי דער האנט און געפרעגט מיין נאמען. האב איך אים געזאגט, נחמהלע — זאגט ער — ביזט א שיין מיידל. האט ער אנגעשטעלט אויף מיר אויגן אזעלכע, העלע, נאקעטע... ווי ער וואלט פון זיי די קאלדרע אראפגעצויגן. וואס ציטערט איר?

דבורה

ס'איז מיר עפעס א וויִנטל דורכגעלאפן. נו, נו?

נחמהלע

זייִנען זיי אריין אין קרעטשמע... געהייסן זיך דערלאנגען מעד.

דבורה

דערציילן, הארציקע דערציילן... אלע סודות דייִנע...

נחמהלע

וואס פאר א סודות, וואס? האט ער געזאגט: ער טרינקט פאר מייִן גע־זונט.

דבורה

אזוי, אזוי? וואס האסטו געענטפערט?

נחמהלע

וואס איז? איך קאן מיט קייִן מענטשן נישט רייִדן? איך האב שייִן באַ־דאנקט און געטרונקען פאר זייִן געזונט. אזא שטארקער מעד געווען. דער אלטער, קאשטעלאנער. ערגעץ אין קעלער אויסגעגראבן, ס'האט מיר אין קאפ א זעץ געטאן...

דבורה

וואס ביזטו אנטשוויגן געווארן?

נחמהלע

אי, דבורה, ביי איך איז דאָס א געלעכטער, און מיר איז נישט גוט אויפן הארצן פון דעם. דער יינגער דוכוס האָט מיך גענומען און א קוש געטאָן. אוי, איך האָב געוואָלט... איך וויים נישט, וואָס איך האָב געוואָלט: וויינען צו לאכן. ווי גאָט וואָלט אויף מיר א שפיי געטאָן. געוואָלט זיך ארויסרייסן, אנטלויפן, האָט זיך איך דער טיר באוויזן די שווארצע מאַלפּע, האָב איך זיך דערשראָקן און זיך צוגעטוליעט צום דוכוס.

דבורה

נו, נו?

נחמהלע

געקושט האָט ער מיך אין די אויגן. אין די ליפּן. אין די באקן. אפשר פינף אפשר צען מאָל. געליגט אזעלכע פייערדיקע חתימות. אפשר מער ווי צען מאָל.

דבורה

ווער ציילט דען?

נחמהלע

און איז אוועקגעפאָרן (דבורה אנטוישט. נחמהלע — פארטראכט).

דבורה

איצט פארשטיי איך שוין, פארוואָס דער פרוכת קריכט דיר נישט אין קאָפּ אריין.

נחמהלע

דבורה! איר מוזט דאָך וויסן, וואָס פאר א מענטשן זיינען זיי, די פריצים? וואָס פאר א וועלט איז דאָס, פון יעגערס און פון מאַלפּעס און פון אָנגעשפּיצטע וואָנסעס. וואָס פאר א וועלט איז דאָס, וואָס די אויגן עפענען זיך אויף איר, ווען מען טרינקט זיך אָן מיט אלטן קאַשטעלאַנער מעד? ווען מען זעצט זיך צום דוכוס אויף די קני?

דבורה

אוי וויי, שפּעט! איך מוז שוין לויפן!

נחמהלע (קומט צו זיך)

שעסט! איך האָב שיער נישט פארגעסן דאָס קריגעלע מילך פארן זיידן!

דבורה

טאָ קום, נחמהלע, איך וועל דיך אונטערפירן מיט מיין פור. ס'איז דאָך ביים וועג. וואָס פאר א מענטשן, פרעגסטו? וואָס פאר א וועלט? אן אנדער וועלט, נחמהלע, אנדערע מענטשן, גאָר אן אנדער שטייגער. טיילמאָל קומט עס אויס ווילד, אָבער אז מען געוווינט זיך צו, קאָן מען זיך שוין נישט אָפּ-

געוואוינען. אגב — ווי וועמענס מזל ס׳טראָגט אויס. מען דאַרף, מיין קינד, צו פריצים אויך האָבן מזל. אי, מזל, מזל! א גוטע זאַך מזל! (בײדע אָפּ רעכטס).

## 5־טע סצענע

(פון טויער קעגן איבער קומט אָן יאָשקע דער דאָרף־שניידער. פאַר־שטויבט, פאַרשוויצט, א קלומיק אויף די פּלייצעס, אָנגעטשעפּעט אויף א שטעקן).

יאָשקע

אי, מזל! מזל! ווייל צו זיין א נגיד. מחיה. טעם גן עדן. די שבת־דיקע ריחות צעגייען אין אלע ביינדעלעך. פיש, געפעפערטע, געציבל־טע, הא, הא! א נגיד א ייד ר׳ משה! א קאָפּ פון א לעשטש מיט כריין! אוי, אוי, אוי! (ציט איין דעם גארטל) עונג שבת איז טאַקע א שטיק גן עדן, בישטא וואָס צו רייד ן.

פעסי (אויפן גאניק)

צו וועמען רעדסטו דאָס, תנא־ברא מיינער?

יאָשקע

א גוטן פרייטיק אויף אייך, פעסיניו! לעבן זאָל איך אזוי, ווי איך שטיי און איך דרשן; אז ווייל איז צו דעם, וואָס קאָן א מידער פאַר־קערן אין אייערע געצעלטן! ער וועט שוין מיט ליידיקן בישט אוועק פון אייך. איך רייד אנטקעגן איינעם א האָרעפּאַשניק נעבעך, א שניי־דער, נעבעך, א יתום, נעבעך, וואָס איז ביכולת אויפצועסן דעם שור־הבור און ער האָט נאָך פון פרימאָרגן, א חוץ א גלעזל אָקעוויט מיט א קאַלטן קניש, אין זיך מויל בישט געהאַט.

פעסי

זאָל ער פאַררײדן זיך באָבן די צייך, דער שניידער דיינער, זעץ אים אוועק און הייס אָפּוואַרטן. ס׳מאַכט עפּעס די מאַמע דיינע, יאָשקע? א קלוגע יידענע דיינע!

יאָשקע

(זעצט זיך, צעלייגט זיין קלימעק)

אי, פעסיניו! וואָס העלפן די חכמות, אז קיין געזונט איז בישטאָ? עבר זמן — בטל קרבנות. אז מען איז אַלט און קראַנק — ווי זאָגט איר, קאָן קיין טאַטער אויך בישט העלפן.

פעסי

חע נאַר, חע! יאָשקע אויך מיט א פסוק! גיי, לומדן מיינער! גיי זיך וואַשן! (פעסי אָפּ)

יאָשקע

(צעבינדט דעם קלימעק)

פּעסיניו, לעבן וואָלט איר! געהערט אַ נייעס?

פּעסי

(פון שטוב)

וואָס אַ שטייגער?

יאָשקע

אָבער אַ נייעס, אַז איך בין ווערט אַ קאָלישעק אָקעוויט!

פּעסי

(שוין פון גאַניק)

גיין שוין אַרויס מיטן לשון.

יאָשקע

איך דאַרף שמועסט מען, אַז, דער יונגער דוכוס קומט פון אויס־לאַנד. כ׳וואָלט פרעגן ביי ר׳ משהן. מען זאָגט ער האָט דאָרט געלערנט אין אַ ישיבה, איז דאָס אמת?

פּעסי

טפו! טפו! צו דיך שניידערישן קאָפּ! שוין אַ פּאָר וואָכן, אַז יענער איז געקומען. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער איז ביי אונדז געווען.

יאָשקע

וואָס רעדט איר? פאַרפאַלן מיין קאָלישעק אָקעוויט! (פּעסי אָפּ) אַי, יאָשקע, יאָשקע, זיי נישט קיין ריזיקאַנט, יאָשקע! שטעל נישט איך, וואָס דיר איז טייער! פאַרפאַלן אַ קאָלישעק אָקעוויט! (פאַר האַרץ־ווייטיק קנייפּט ער שטיקלעך ברויט פון קלימיק און שטופּט אין מויל אַריין) אוי־ווי פּויער! אומגעוואַשן? אָט דאָס הייסט — אַ דאַרף־מענטש! מען ווערט פאַרגרעבט. מען וואַשט זיך נישט. מען קלייבט נישט איבער, וואָס צו קנייפּן, ווו צו קנייפּן... אוי ווי איז מיר!

(גייט רעכטס, ווייזט אויס צום ברונעם. עס הערט זיך זיין שטים און קאַזיקס גראָב געלעכטער).

יאָשקע

(שטים)

אַ, קאַזיק! וואָס מאַכסטו עפּעס, קאַזיק? האַ, נייען דיר? תכריכים אי״ה במהרה בימנו ובזמן קרוב וואָס? פאַרשטייסט נישט? ס׳קאָן נישט שאַטן. (אויפן גאַניק באַווייזט זיך פּעסי מיטן עסן פאַרן שניידער. עס

הערט זיך א ווייטלעכער שאָס און יאָשקע שפּרינגט ארויס אויף דער סצענע מיט דער פאַלע אין די הענט, נישט טויט, נישט לעבעדיק, באַגלייט פון קאזיקס געלעכטער).

פּעסי

טפו! טפו! טפו! ווער האָט עס דיך אונטערגעשאָסן יאָשקע?

קאזיק (שטים)

דער יונגער דוכוס כאַ־כאַ־כאַ! גייט אויף יאגד כאַ־כאַ־כאַ! יאָשקע אנטלאָפן פארן שאָס!

פּעסי

גיי עסן, גבירן מיינער, וועסטו קומען צו זיך.

יאָשקע

(אין קאזיקס זייט)

וואָס הירזשעסטו, פערד? איר מיינט פּעסיניו, איך האָב מיך באמת דערשראָקן? א וואַזשנע מעשה א שאָס נישט מער — אַזוי אומגעריכט!

פּעסי

אָט עס בעסער און אייל דיך אין שטאָט אריין, פּטר נישט קיין צייט.

יאָשקע (נעמט זיך צו דער אכילה)

איך פּטר דען צייט, וואָס?

פּעסי

טראָגסט עפּעס א היים א שיינעם פּדיון אויף שבת?

יאָשקע

(עסנדיק, שלעפּט ער דאָס ביטעלע פון גאַרטל)

הם... פּעסיניו, זאָלן מיר אלע אַזוי לעבן, זיבן גילדן מיט פּערצן גראָשן!

פּעסי

קרויבעלע, הארצעלע; א גאַנצער פאַרדינער; די מאַמע דיינע וועט אַנקוועלן. א קלוגע יידענע דיין מאַמע.

יאָשקע

(קייענדיק)

הערסט! אָט דאָס טענה איך האָך. צו וואָס זאָל איך זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ, דער שוואַרץ־יאָר וויסט מיט וואָס און מיט וועמען, אז מיטן אויבערשטנס הילף וועל איך מיר אליין דערשלאָגן צו א שטיקל תכלית.

פּעסי

ריידסטו האָך גאָר ווי א לייט! אז איך האָב פון אלע מאָל געהאַלטן פון דיין מאַמען!

יאַשקע

וועט איר דאָך מיך פרעגן, פּעסיניו, פאַרוואָס האָב איך טאַקע נישט חתונה, וויפיל איז דער שיעור אַרומצוגיין אַ יונגער אַלמן? — וועל איך ענטפערן... לחיים! אַז איך האָב עפּעס אויפן אויג אַלאַ — וואָס? גאָט זאָל מיר נאָר העלפן.

פּעסי

זאָג מיר, לעבן זאָלסטו, מיט וועמען קלויבסטו דיך ריידן?

יאַשקע

כ'וועל אייך בעסער זאָגן, ווער עס קלויבט זיך צו ריידן מיט מיר (האַלט אויס אַ פּויזע) און אַז איך וועל אייך זאָגן: דבורה'טשקע די שענקעריך, — וועט איר מיר גלייבן, אַ פעטער ביסך, אַ? זאָלן מיר אַלע אַזוי לעבן! הע־הע, עס שמעקט אייך נישט? כ'האָב פריער געוווסט.

פּעסי

כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, יאַשקע: דו ביסט קיין בעסערס נישט ווערט, אַז דו רעדסט גאָר וועגן איר. אַזאַ יונג מיט ביינער, קיין עין־הרע, אַ פאַרדינער...

יאַשקע

אָט האָס טענה איך דאָך. בין איך נישט קיין אָרנטלעכער ייד, וואָס? און אַז איך כאַפּ מיך אַמאָל אַריין אין ווינקעלער דורכצושוועקן דעם האַלדז — בין איך דאָך אַ בעל־מלאכה... נו, שיקט זי גאָר צו מיר שדכנים.

פּעסי

און וואָס האָסטו זיי געענטפערט, די שדכנים?

יאַשקע

כ'האָב זיי געענטפערט: זאָלן זיי אָפּוואַרטן. כ'וועל גיין נעמען רשות ביי דעם קאַנאַניק ביי אײַרן.

פּעסי (צעלאכט זיך)

אוי־אוי־אוי! לעבן זאָלסטו! אַזוי האָסטו זיי אָפּגעענטפערט? עס, ברודערל, עס! עס לחם, עס חלה...

יאַשקע

(קייענדיק)

חלה איז בעסער... איר האָט שוין אַמאָל געזען, פּעסיניו, מען זאָל שיכור ווערן פון חלה מיט פיש? און ביי אייך ווער איך שיכור. ניש־קשה, יאַשקע איז נישט אַבי ווער... יאַשקע האָט נאָך אָפּגעשפּאַרט אַ

פאַר גילדן אויך... און דאָס מזל, ווי זאָגט איר ,איז ביי גאָט. אָט, אייער אלטיטשקער, ר׳ צדוק מיין איך, זאָל מאריך ימים זיין, איז דאָך געווען גאָר פון די גרויסע בטלנים. פונדעסטוועגן, אז גאָט האָט געוואָלט, האָט ער נושא חן געווען ביי פריצים...

פעסי

אָט שוויַיג שוין בעסער, יאָשקע...

יאָשקע

שוויַיגן גאָר? פאַרוואָס זאָל איך עפּעס שוויַיגן? אז איך האָב מיך ערשט צורעדט. איר מיינט, עס איז מיר אזוי לייכט צו עפענען א פיסק? כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט פאַרפירן א שמועס. און איצט, אז איך האָב באַקומען לשון — איז טויט אָדער רויט, פעסיניו?

פעסי

וואָס האָט דיר אַנגעשפּאַרט? לאָמיר שוין הערן?

יאָשקע

וועט איר טאַקע הערן! יאָשקע איז א בעלן... הערט, זאָלט איר געזונט זיין! אָט, ווי איר קוקט אים אָן, איז דאָך יאָשקע א בעלן צו שיקן א שדכן... טרעפט צו וועמען, פעסיניו? טאַקע צו אייך! צו אייך מיט ר׳ משהן, וויַיל נחמהלע, פאַרשטייט איר מיך... איינגעבאַקן אין האַרצן... וואָס, איר ביַיזערט זיך? בין איך קיין ייד נישט? פעסיניו, גאָט איז מיט אייך! אָט אזוי א צינדט מען זיך אָן? פאַר וואָס? פאַר וועמען? ס׳איז דאָך גאָר קיין בייז נישט געשען... פעסי, איך לאָך דאָס...

פעסי

דו! דו, שניידערוק איינער? אָט אַזוי דינסטו מיר אָפּ פאַר מיין גוטס? צו מיין טאָכטער זיך שדכענען? דו! צו מיין טאָכטער! אוי, משה, משה? זאָלסטו אזוי לעבן! גיי, — קלויב נחת!

יאָשקע

(אויפגעשפרונגען)

און אויב אפילו יאָ, איז וואָס? בין איך קיין ייד נישט? קיין מענטש נישט? פאַרדינען איך נישט מיט מיין ביטערן שווייס?

## 6־טע סצענע:

### משה

(אויפן גאַניק שוין אינגאַנצן אין שבתדיקן)

ווי־דער געשאָסן? דער יונגער דוכוס אוודאי. אַ ליאַרם אַ ביסל. שלום־עליכם דיר, יאַשקע, איך קלויב מיך טאַקע איבערניטשעווען די יום־טובדיקע העליע.

### פּעסי

וועלכע העליע? גוט יאָר אויף דיר? הער נאָר וואָס דער יונג רעדט! הער דיבורים! צו דיין טאָכטער גייט ער זיך דאָך שדכענען. עס שטייט דיר אפשר נישט אָן צו ווערן זיין מחותן? נו, וואָס האָב איך גערעדט? וואָס האָב איך געטענהט?

### משה

שריי נישט אַזוי, יידענע? יאַשקע, חסר־דעה ביסטו? צו גלאַט אַזוי אַ שניידער־יונג אַ מחוצף? ווו קומסטו עפּעס?...

### יאַשקע

איר! איר, רב משה, זענט דאָך אַ מאַנצביל! איך מעג איך דאָך זאָגן. ס'איז געקומען צום וואָרט, כ'האָב חס ושלום נישט געמיינט קיין שלעכטס.

### פּעסי

אוי, ווי איז מיר! אַ ליאַדע ווער! אַ יונג אַ שניידער, ווער ווייסט אים, ווער קען אים דאָרט...

### יאַשקע

ווער איז דאָס אַ ליאַדע ווער? ווען קענט איר דאָס נישט? בין איך נישט אַזאַ ערלעכער ייד ווי ר' משה. כאָטש נישט קיין נגיד, כאָטש נישט קיין למדן?

### משה

יונגערמאַן, שריי נישט! דיין דאָרפישע ערלעכקייט איז קיינער נישט געלאָפן אָנקוקן און וואָס גייט עס מיך אָן? און דו, פּעסי, וואָס האָסטו דיך צעקאָכט? מיט געוואַלט נעמט מען דאָך דיין טאָכטער נישט אַוועק. און ווי־באַלד דו ביזט יאָ אַזוי קלוג, יאַשקע, טאָ הער וואָס מען רעדט צו דיר! פּאַרנעם דיין פּעקל מיטן פּעקל און הלך אין כף הקלע אַריין! דיך פּוס האָל מער דאָ נישט זיין! אין דער משפּחה מיינער זיינען קיין בעלי־מלאכות נישט געווען און וועלן חס־ושלום נישט זיין. מיט אַ בן־תורה וועל איך טאָן, דו, שנאָרער וואָס דו ביזט!

### יאַשקע

אַבער גוט! אָבער שויין! אַזוי מיך אָפּצוגיסן מיט קאַכעדיק וואַסער! אַזוי מיך מבייש צו זיין!

### משה

ווער איז דיך מבייש? דו ביזט אונדז מבייש, דו מחוצף איינער!

### יאַשקע

איך גיי שויין! איך גיי שויין! טרייבט מיך נישט רב משה! וויפל קומט אייך? כאַט בעמט, גראָשנס, גילדנס, פאַר דער חלה, פאַר דער פיש, פאַרן אַקעווויט!...

### פעסי

אוי, משהלע! ב׳וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! ער גייט נאָך אונדז באַצאָלן פאַר אונדזער גוט האַרץ! געוואַלד אַ שטעקן גיט מיר!

### משה

דו, מטורף איינער, וועסט גיין צאָלן משה דעם אַריענדאַר! משה דעם מכניס אורח! משה דעם תלמיד חכם? (משה און פעסי רוקן זיך אויף יאַשקען ער טרעט אָפּ הינטערוויילעכטס און ווערט זיך מיטן שטעקן).

## 7־טע סצענע:

(פון רעכטס קומט אַן דער יונגער דוכוס מיט זיין פריינט. ביידע אין יעגער־קליידער מיט די ביקסן איבערן אָרעם. זיי קוקן זיך צו צו דער סצענע פון ארויסבאגלייטן יאַשקען און צעלאכן זיך).

### יונגער דוכוס

מה טובו אוהליך יעקב

### פריינט

משכנותיך ישראל!

(משה און פעסי קוקן זיך אום, בלייבן איבערראשט און טוען פלוצלונג זיך א בויג אראָפּ פאר די פריצים)

**משה** (טרעט ענדלעך פאָרויס האַלט זיך אין איין בוקן פאַרן פריץ פעסי נאָך אים).

מיין שיינענדיקער פריץ! מיין איידעלער האַר! מיין פריץ איבער פריצים! ווי דערפרייט איך בין! ווי געריהרט איך בין! ווי גליקלעך! ווי אַ ליכטיקער מלאך איז דער פריץ אַראָפּגעפאַלן. ווען איז דער ליכטיקער פון אויסלאַנד געקומען? ווי איז עפּעס דעם פריץ געגאַנגען אין די ווייַ־

טע מדינות? אוועקגעפּאַרן כּמעט אַ קינד און צוריקגעקומען אַ יונגערמאַן מיט וואָנסעס! הערלעכע וואָנסעס! פיינע וואָנסעס! אָך, ווי שיין דאָס איז? און, אָך, ווי פיין דאָס איז, וואָס אונדזערע פּריצים פאַרגעסן נישט אָן זייערע אָרעמע יידעלעך!

פּעסי

אָך־אָך־אָך!

יונגער דוכוס

אָט, אַזוי נעמט מען דאָס אויף דעם דוכוס אַליין? אַ פּאָר פאַלשע חניפה־ווערטער און וויטער גאָרנישט? ביי לייטן וואָלט מען אויפן שליאַך טויערן געבויט און מיט סכך באַגרינט און באַצירט מיט שטערנטיכער און מיט סאַמעטענע יאַרמולקעס. ביי לייטן וואָלט מען דעם שליאַך מיט זאַלץ באַשיט און מיך געפירט אין אַ שליטן איבערמיטן זומער! ווי איז דאָס דיך ברויט מיט זאַלץ אויף אַ זילבערנער טאַץ אונטער אַ קוויטיק טישטעכל? אַ קליינעם חסד האָבן מיר געטאָן מיט דער משפּחה דייי־נער? אויף אייביק איבערגעגעבן אַ קרעטשמע אין פּאַכט! וואָס שווייגסטו?

משה (נאָך אַ קורצן שטוינען)

אוי־ווי, פּעסי! דער ליכטיקער איז דאָך געערעכט. אָט, לויף איך אָט, פלי איך!

יונגער דוכוס

שטיי! וווהין לויפסטו! וווהין פליסטו? כ׳בין דיר מוחל דיך ברויט מיט זאַלץ. דו זאָג מיר בעסער צו ביסטו צופרידן פון מיין קומען?

משה

שייך צופרידן? איך בין גליקלעך! אַזאַ פריידן! דער ליכטיקער גלויבט נישט? זאָל איך מיר אויפשניידן דאָס האַרץ? געוואַלד, ס׳איז אַ שמחה? איך מאַנען אַזש פאַר פריידן! זאָג דו, פּעסי, זאָג!

אָך! אָך!

יונגער דוכוס

איך זע אַפילו נישט, דו וואָלסט טאַנצן. ווען דיך רבי וואָלט גע־קומען, וואָלסטו זיכער געטאַנצט.

משה

הערסט, פּעסי? גלייכע ווערטער! גאָלדענע ווערטער! נו, נו, פּעסי, כע־כע־כע!

פּעסי

נו, נו, משה, כי־כי־כי! אַז אים איז ליב, איז מיר ניחא.

משה

אזוי, ליכטיקער, כ׳בין דערפרייט! אוי, טייערער, כ׳בין גליקלעך (מאכט א טאנץ־באוועגונג) אוי, מיר איז ווויל! אוי, מיר איז גוט. אוי, איך בין לעבעדיק! לעבעדיק און לוסטיק! אוי, א פריידי, אוי, א גדולה!... פעסעניו, פעסי, באהאלט די בתולה.

פעסי (טאנצט מיט)

אוי, א גדולה! אוי, א פריידי! משהניו, משה, איך הער דיינע רייד!

יונגער דוכוס

שטיי, מאַשעק, דאָס הייסט גישט געטאנצט. ווי מאכט רש״י ביי איך אין חומש? ויאכלו! — זיי האָבן זיך געמאכט עסנדיק.

משה (איבערראשט)

פעסי! דער פריץ קאָן דאָך לשון־קודש!

יונגער דוכוס

אז מען לערנט קאָן מען. מען וואָלט דיך געלערנט טאנצן, וואָלסטו אויך געקאָנט. אָבער איך וועל איך אויסלערנען. אהער א פידעלע! אהער א פייפעלע!

משה

פריץ הייליקער! טאנצן קאָנען מיר, קיין שפילער זיינען מיר נישט. אמת, מיין זיידע שפילט יאָ אויף א פידעלע. דער פריץ געדענקט צדוקן?

יונגער דוכוס

ער לעבט נאָך, דער אלטער? דערלאַנג אהער צדוקן מיטן פידעלע!

משה

ווי אזוי זאָל איך דערלאַנגען? ער איז אוועק אין וואלד שפילן פאר די פויגעלעך. אזא רגילות, נישט פאר קיין מענטשן געדאכט, כע־כע־כע!... ער וועט אָבער באלד קומען. באלד וועט ער קומען ער קומט אָן באלד. אפשר א גלעזעלע מעד, דערווייל? א ביסעלע איינגעמאכטס? א שטיקעלע יידישע פיש? מחיה נפשות. הא! הא! אזעלכע געסט!

יונגער דוכוס (צום פריינט)

וואָס זאָגסטו?

פריינט

דער ייד רעדט צו דער זאך. טרוקן איז האלדז נאָכן ארומלויפן איבער די לאָנקעס.

משה

וועלן אפשר די פריצים באוויליקן אין די צימערן אריין?

פריינט

ביין, מאַשקע, דאָ איז די לופט אַ בעסערע. ווו איז דיין מעד? דו גיב אונדז פון יענעם, מיט וועלכן דיין טאַטע האָט אונדז מכבד געווען, בעת איר זענט געווען אויפן יאַריד, כאַ־כאַ־כאַ!

יונגער דוכום

כא־כא־כא!

משה

כא־כא־כא! אוי, ווי איז מיר! פעסי! דעם שבתדיקן טישטוך! פעסי! כא־כא־כא! (משה מיט פעסין אָפּ צום גאניק).

יונגער דוכום

(לייגט אָפּ די ביקס, זעצט זיך אויף דער באַנק)

אַן אומהלע!

פריינט

קלוג.

יונגער דוכום

שאָקלהאפּסיק.

פריינט

פּחדניש.

יונגער דוכום

חוצפּהדיק.

פריינט

איבערשפּיצט.

יונגער דוכום

מיך וועלן זיי בישט איבערשפּיצן. זיי וועלן נאָך טאַנצן ביי מיר!

פריינט

ווי איך זע, ביסטו זיך נוקם אין אונדזערע פּאַריזער סענטימענטן פאַר יידישקייט. וואָס איז מיט דיר? איך דערקען דיך נישט.

יונגער דוכום

די הימישע לופט, מיין פריינט, האָט אזוי געווירקט. מיינע אלע סענטימענטן אַראָפּגעשווענקט מיט אַ מאָל. דאָ בין איך מאַגנאַט און אַרום זיינען קנעכט... אגב איז... פון יידישקייט ביז יידן אַ היפּשער האָזן־שפּרונג. געדענקסט דעם פּאַריזער אַלטן רבֿ? גאָר פון אַן אַנדער טייג גע־קנאָטן. זיין טאָן, זיינע דרשות. עפּעס האָט ער געהאַט אין זיך פון בראַ־גאַראַטיס משה. עפּעס אַזוינס, וואָס אַ קריסטלעכער עסטעט מוז תופס זיין. כא־כא־כא! מיין פאָטער איז געריכט ווען ער לאַכט פון מיינע יידי־

שע פאַנטאַזיעס! מאַשעק, דער טרעגער פונם אבסאָלוטן אמת? אַט גייט ער. קוק אים נאָר אָן!

פרייַנט

וואָס לאַכסטו? ער טראָגט אַ ממשותדיקע זאַך; משקה! מאַשקע טראָגט משקה!

משה

(קומט אָן מיט א זילבערנער טאַץ, מיט זילבערנע בעכער, מיט א קרוג מעד)

מייַנע טייערע געסט, מייַנע הויכע געסט! מייַנע ליכטיקע פּריצים! באַלד וועט פּעסי אַרויסברענגען דעם טישטוך.

יונגער דוכום

בּעושה ובשמעו! פּריער דעם מעד, דערנאָך דער טישטוך! יידעלע!

פרייַנט

הער נאָר, מאַשעק, וועסט אונדז אַליין טאַקע באַדינען בּיים טיש?

משה

ווי דען אַנדערש, מייַנע פּריצים? אַז צו אברהמען זייַנען געקומען די מלאכים האָט ער זיי דען נישט אונטערגעטראָגן וואַסער די פוס צו וואַשן און אַליין בּיים טיש נישט געסאַרוועט? ווי דען אַנדערש?

פרייַנט

ווען מיר וואָלטן געווען בּיי אים צו גאַסט, וואָלטן מיר אויף דעם נישט באַשטאַנען, מאַשעק, ווייל אברהם האָט געהאַט א שיין ווייבל, שרה האָט זי געהייסן.

משה

בּע־כע־בע! ווילן דען די פּריצים, אַז מייַן פּעסי זאָל זיי באַדינען?

פרייַנט

ווער מיר פּעסי! וואָס מיר סורע! דו האָסט א שיינע טאָכטער מאַשעק!

משה

בּיי מיר א שיינע טאָכטער! שיין זייַנען די טעכטער נאָר בּיי די פּריצים. בּיי מיר — ס'איז גלאַט א צער. א מיידל א מיאוסקייט און נישט קיין געראָטענע. זי וועט דערלאַנגען צום טיש, — זי וועט דריי מאָל אומפאַלן. פע, א חרפּה.

פרייַנט

ווילן מיר טאַקע זען, ווי אַזוי זי וועט אומפאַלן.

משה

אָבער פּריצל, האַרעלע! דער פּריץ וועט דאָך מיר די חרפּה נישט אָנטאָן! און דאָס מיידל איז דאָך גאָר נישטאָ. זי איז אַוועק אין וואַלד, צום זיידן.

יונגער דוכום (צום פּריינט)

קום, וועלן מיר גיין אין וואַלד זי אויפזוכן.

משה

אוי, געוואַלד! ווהין מיינע פּריצים? זי וועט באַלד אַליין קומען. אָט די מינוט, אָט די רגע, ביי מיין יידישקייט!

יונגער דוכום

יידישקייט? וואָס איז דאָס אַזוינס?

פּריינט

אַ סחורה אַזאַ.

משה

כע־כע־כע! די פּריצים שפּאַסן. די פּריצים ווייסן גאַנץ גוט, וואָס איז אַזוינס יידישקייט.

(קומט צו לויפן פּעסי מיט טישטוך, ביידע סאַרווערן).

פּעסי

זאָלן די ליכטיקע פּריצים טרינקען געזונטערהייט און זאָל זיי ווויל באַקומען.

יונגער דוכות

פּראָזיט! נישט קיין שלעכטער מעד!

פּריינט

לאַכאַים, מאָשקע!

משה

לחיים טובים ולשלום!

פּריינט

אַיער מעד לאָזט זיך טרינקען.

משה

ס'איז ממש נתפּעל צו ווערן, כ'האָב נישט געגלייבט. מען האָט מיר דערציילט, אַז דער ליכטיקער קאָן אַלע זיבעציק לשונות, האָב איך נישט געגלויבט.

יונגער דוכום

אַלע זיבעציק לשונות האָט נאָר שלמה המלך געקאָנט.

פריינט

דאָס יידל שפּירט זיך שוין היימישער.

משה

אמת, ווי איך בין אַ ייד! איך בעט דעם ליכטיקן דוכוס. קומט דאָך דער ליכטיקער פון דער גרויסער וועלט. האָט ער דאָך גערעדט מיט גרויסע מענטשן. וואָס שמועסט מען עפּעס וועגן אונדזערע יידעלעך? כ׳מיין נישט, חס ושלום, וועגן אונדז אַליין. נאָר טאַקע וועגן די רויטע יידעלעך אויך. וועגן די עשרת השבטים, וואָס זיי וווינען ווייט, הינטערן טייך סמבטיון?

יונגער דוכוס

וואָס ווילסטו, מאָשעק, זאָל מען וועגן אייך רעדן און וואָס קאָן מען וועגן אייך רעדן?

משה

כ׳מיין, פריץ לעבן, וויפל איז דער שיעור און וואָס איז דער תכלית?... אָט ווי פאַר אַן אייגענעם ברודער... ביי יעדער שוועל — אַן איינגעבעטענער, און דיין ברויט — אַן אויסגעבעטענער, און דיין שווייס — פון שרעק און שאנד. און דיין תורה לערנען און דיין גאָט דינען זאָל קיין פּנים נישט האָבן... און ביי יעדערן — הפקר, דיין האָב און גוטס — הפקר, ווייב און קינד — הפקר און הפקר!... נו? נו? וואָס וועט זיין דער תכלית? און וויפל איז דער שיעור? מיין איך; צי האָט דער ליכטיקער נישט געהערט עפּעס אין דער וועלט וועגן משיחן?

יונגער דוכוס

משיחן?

פריינט

משיחן?

משה

נו — יאָ! משיחן. אַ ייד זאָל נישט וואַרטן אויף משיחן. וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט ער שוין געהאַט אין זיינע אייגענע אויגן?

פריינט

וואָס זאָגסטו צו אים?

יונגער דוכוס

כ׳מיין, ער שפּאַסט.

פריינט

אַהאַ! אָט גייט דער אַלטער צדוק מיט זיין פידעלע, פונקט צו דער ריכטיקער צייט.

## 8־טע סצענע:

(דער אלטער צדוק קומט אָן אין זיין שבתדיקער דעליק מיטן שטריימל. אין בוזים שטעקט איס א ספרל. אונטערן אָרעם — א פידעלע. דעם פריץ דערזעט ער פלוצלונג, און ווערט איבעראשט. נייגט זיך).

רב צדוק

פרידן צו מיין ליכטיקן האר! פרידן צו זיין פריינט! א ברכה דארף דער אלטער צדוק מאכן! א ברכה, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זען דעם פריץ ווידער אינדערהיים. געדענקט דער דוכוס דעם אלטן צדוקן? אז צדוק פלעגט אריינקומען אין שלאָס, פלעגט דער אלטער דוכוס — דיין זיידע, ליכטיקער, זאָל ער דאָרטן ליגן אין זיין רו — פלעגט ער אוועקוואַרפן אלע געשעפטן און גיין מאכן מיט צדוקן א שאך. און דו, ליכטיקער, ביסט נאָך גאָר א קינד געווען...

יענע צייטן זיינען שוין לאנג אריבער, אלטער צדוק, איצט באַדארף יעדער וויסן זיין אָרט. ייד איז ייד און מאגנאט איז מאגנאט. מיר ווארטן אויף דיר מיט דיין פידעלע, זאָלסט אונדז פריילעך מאכן? און דו, מאָשעק, נעם דיין ידענע און גיי זיך דורך א טאנץ פארן פריץ, א מה־יפית־מאנץ. נו, לעבעדיקער! איינס און צוויי!

רב צדוק (געפאלן ביי זיך)

מ־מאַ! אז דער פריץ הייסט שפילן, נעמט א יידעלע און שפילט. נישט געקאָנט זאָגן רויק? וואָס דער געבייזער? כ'וואָלט אליין געשפילט לכבוד דעם ליכטיקן.

יונגער דוכוס

מאָשעק! סורע! טאַנץ פאַרן פריץ! דער פריץ וויל זיך פריילעך מאַכן! דער פריץ האָט אַ ברייטע האַנט! באַט! (ער וואַרפט צו זיי זיין בייטל. רב צדוק האָט זיך געשטעלט אין דער זייט פון גאניק. גרימפלט. משה מיט פעסין גייען טאנצן מיט געמאכטער פריילעכקייט. פעסי מאכט אומרויקע באוועגונגען און ווינקט צו רעכטס. פון דאָרט באַווייזט זיך נחמהלע).

## 9־טע סצענע:

(דער פריינט ווייזט אָן אויף איר דעם דוכוס)

יונגער דוכוס

א, שיין מיידל! נחמהלע! כ'האָב מיך פארבענקט נאָך דיר! טאַנץ, מאָשעק! שפיל, צדוק! און דו, שיין מיידל, קום אהער! זעץ דיך אויף

מיינע קני. אז הוליען, זאָל זיין געהוליעט. דער פריץ קאָן פאר אלץ באַצאָלן!

(נחמהלע מאכט א טריט צום דוכוס. משה מיט פעסין פארלויפן איר דעם וועג).

פעסי

ביין, פריץ לעבן! דאס וועט נישט גיין! וואָס קוקסטו ווי א גולם, מיאוסע מוידי? גיי אין שטוב אריין! דער ליכטיקער לאכט דאך פון דיר!

משה

האַרעלע, טו מיר די חרפה נישט אָן!

יונגער דוכוס

שפילט! טאנצט! ווער איז דאָ דוכוס און ווער איז דאָ קנעכט? קום אהער מיידל!

נחמהלע (רייסט זיך דורך צווישן טאטע־מאמע

לאָזט מיך אָפּ! כ׳האָב מיין אייגענעם שכל! זאָג נישט, מאמע, איך בין מיאוס! ס׳אליגן! שיין בין איך! און דו, טאטע, רעד נישט פון חרפה, קיין חרפה האָסטו נישט! אז טאטע־מאמע טאנצן פארן פריץ ווי די בערן, אז דער אלטער ייִדע שפילט פאר אים אויף זיין פידעלע — מעג מיר נאָך אָנשטיין צו זיצן ביים דוכוס אויף די קני! (לויפט און זעצט זיך צום דוכוס אויף די קני) וואָס נאָך? ארומנעמען? קושן? ווי? אָט אזוי?

פרייגט

כא־כא־כא! געשיקט! אָבער גאָר געשיקט מאָשעק! וואָס איז אַזוינס יידישקייט?

נחמהלע

שלעכט געטאָן? לערנט מיך! וועל איך בעסער. וועל איך שטאַר־קער (משה מיט פעסין שטוינען. דער אַלטער צדוק לייגט אַוועק זיין פידעלע. פארשטעקט די הענט אין די ארבל).

יונגער דוכוס

שפילט! טאנצט! כ׳האָב זיך ערשט רעכט צעוואַרעמט. זאָל זיך גיסן מעד ווי וואַסער! מאָשעק! צדוק!

רב צדוק (קוקט צום הימל)

שבת!

משה (קומט ראש צו זיך)

שבת!

יונגער דוכום

(שפרינגט אויף, שטויסט אָפּ נחמהלען. פעסי שלעפּט זי אוועק ביי דער האַנט).

פאָלגט איר נישט?

רב צדוק

מען וועט נישט שפּילן, מען וועט נישט טאַנצן, שבת!

יונגער דוכום

מען וועט יאָ שפּילן, מען וועט יאָ טאַנצן, אַז נישט...

פריינט

נו, לוינט זיך דען אויפרעגן? האָסט צופיל מעד געטרונקען.

יונגער דוכום

לאָז געמאַך! אזא חוצפּה? כ'וועל קיינעם נישט שוינען. טרעט אָפּ פריינט!

רב צדוק

וואָס מיינסטו דיר, דוכוס, קיין גאָט איז נישטאָ? (יונגער דוכוס כאַפּט זיך צו דער ביקס, צילט אין דעם אַלטן צדוקן, דער אַלטער, דער־זען זיין באַוועגונג, פאַררוקט ער דעם שטריימל אויפן מוח, פאַרשטעקט טיפער די הענט אין די אַרבל און פאַררייסט דעם קאָפּ. משה קוקט אין ווילדן שרעק, לויפט צו און פאַרשטעלט מיט זיך דעם אַלטן).

משה

שבת... שבת... שבת...

פריינט

מאַגנאַט! וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! ביזטו ביים זינען?

יונגער דוכום

טרעט אָפּ, אַדלמאַן!

פריינט

און אַז נישט? טרעט אָפּ, יידן! (ער לויפט צו, שטויסט אָפּ דעם דוכוסעס האַנט און די ביקס שיסט אויס אין דער לופטן). צום טיוול! וואָס דו האָסט געקאָנט אָנמאַכן.

יונגער דוכום (וואַקלט זיך)

שווייג... רעד נישט...

פריינט

גייט אוועק יידן! (רב צדוק און משה טרעטן לאַנגזאַם אָפּ צום גאַניק. דער יונגער דוכוס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער באַנק, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים. פּויזע)

פריינט

נו, קום! צו לאנג זיך דאָ פאַרזעסן. ס'איז לאַנגווייליק און שעדליך.

יונגער דוכוס (יאָמערט אַרויס)

שרעקליך...

פריינט

ווייזט אויס, אַז צופיל הוזק טאָר מען אויך נישט מאַכן.

יונגער דוכוס

חוזק געמאַכט פון זיך אַליין. כ'האָב זיי דערשאָסן.

פריינט

רעדסט נאַרישקייטן!

יונגער דוכוס

נײן, דערשאָסן. אַלצאַיינס ווי דערשאָסן... מיר דוכט, איך האָב זיך אויסגעהיילט פון דער היימישער לופט, אויס מאַגנאַט.

פריינט

זעסטו, פריינט, וואָס צו — איז איבעריק. פריער איבערגעטריבן, איצט איבערטרייבסט איצטער.

יונגער דוכוס

רוף זיי אַרויס, כ'וועל נישט קאָנען אַהיים גיין.

פריינט (ציט מיט די אַקסל, גייט צו צום גאַניק)

פאַניע מאָשעק, פאַניע צדוק! דער דוכוס וויל אייך איבערבעטן (די יידן באַווייזן זיך אין פענצטערל און אין דער טיר) זעסט, דוכוס, קאָנסט רויק גיין אַהיים, זיי זיינען גאַנץ... אויף אַלע אברים.

יונגער דוכוס (שפּרינגט אויף, היסטעריש.)

יידן, זייט מיר מוחל, אויב איר קאָנט מיר מוחל זיין.

רב צדוק

אויב דו האָסט באמת חרטה, וועט דיר גאָט מוחל זיין.

משה

ווען נישט די ביקס, פריץ, וואָלסטו דאָך נישט געשטרויכלט געוואָרן.

יונגער דוכוס

שווער איך אייך יידן, אַז קיין ביקס נעם איך מער אין דער האַנט נישט אַריין!

רב צדוק

גאָטס ניסים זיינען גרויס!

יונגער דוכום

שווייגט יידן! רעדט גאָר נישט. מען לערנט זיך יאָרן לאַנג, און קלוג ווערט מען אין איין שרעקלעכער מינוט. ס'איז מיר קאַלט, פרייגט! אַ גוטן שבת, יידן.

רבֿ צדוק

אַ גוט יאָר, באַרויק דיך, פריץ? אַזוי האָט באַדאַרפט צו זיין.

יונגער דוכום

אַזוי האָט באַדאַרפט צו זיין, אָבער נישט צוליב דעם, אַז איך זאָל זיך באַרויקן. עס ציטערט אין מיר יעדעס אבר... רבֿ צדוק, איך וויס איצט דעם טייטש פון כל עצמתי תאמרנה. גיט מיר אייער האַנט. די פאַרבלענדע־נישט איז אַראָפּגעפאַלן.

רבֿ צדוק (פירט אַרויס משהן אויפן גאַניק)

קום קינד מיינס! מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! קום לאָמיר גיין באַגלייטן אונדזערע געסט אַ תחום־שבת. (אַלע אָפּ רעכטס).

# הורדוס

## טראגעדיע אין 5 אקטן און 10 בילדער

## ערשטער אַקט

# באַמערקונגען צו דער טראַגעדיע „הורדוס״

א דראמאטיש ווערק איז א סקולפטור אין דער צייט.

די סקולפטור מוז באפרייט ווערן פון דער ענגשאפט פון שטיקמאסיון.

די דראמע — פון דער רחבות פון צייט.

ביידע געבויט לויטן פרינציפ פון קאָנדענסירטן אויסדרוק.

ביי א דראמע אויף א געשיכטלעכער קאנווע איז די צייט די גרעסטע שטערונג ביי צוקומען.

אין הורדוסן האָט מיך אינטערעסירט נישט אן עפּיזאָד פון זיין פאמיליען־לעבן, נישט א באשטימטע תקופה אין זיין רעגירן, נאָר זיין אויף — און — אונטערגאנג, זיין לעבנס־דראמע. דאָס איז א פּרווו איינצוברעכן א גאנצן בארג צייט. פארשטייט זיך, אז איך האָב געזינדיקט קעגן דער געשיכטע. געזינדיקט, אָבער נישט געפעלשט. כ׳האָב סינטעטיש צוזאמענגעשמאָלצן געשעענישן, וועלכע זיינען ענלעך צווישן זיך, וועלכע חזרן זיך איבער און פירן צום זעלביקן פועל־יוצא; באַלויכטן און דערגענצן הורדוסעס געשטאלט. מיר איז נישט נויטיק געווען די געשיכטלעכע פינקטלעכקייט, נאָר דער געשיכטלעכער מהות.

חוץ דעם פרווו איינצוברעכן אַ גרויס שטיק צייט, איז הורדוס אויסערלעך געבויט, כמעט, לויטן אלטן גוטן שטייגער פון א קלאסישער טראגעדיע, מיט דעם אויסנאם, וואָס יעדערעס פון די 9 בילדער איז מער סעפּארירט און אָפּגעשלאָסן אין זיך, כדי נישט צו פייניקן דעם צושויער מיט א צו לאנגן אָטעם, וועלכער קאָן נאָך, חלילה, פארוואנדלט ווערן אין א געגעץ.

א. ק.

## ערשטער אויפצי

אין גליל. א קריגס־געצעלט. הורדוס ליגט אויפן געלעגער. זיין שוועסטער שלומית דעקט אים איין.

### שלומית

א קראנקער מוז געדולדיק זיין, מיין ברודער
די קרענק איז ווי אן איינגעשפארטע פליג,
וואס מער מען טרייבט זי אפ, אלץ מער דערעסט זי.

### הורדוס

א פליג, א בייזע פליג האט זיך פארקליבן
צו מיר אין מוח, זשומעט אן א ברעג.
אליין בין איך א פליג געווארן, שוועסטער,
פארפלאנטערט אין די נעצן פון מיין רעיון.
וואס ווילן זיי פון מיר די בייזע שאטנס?
באוויינען זייער שווארצן־וויסטן סוף.
געווארנט זיי; גיט אפ אייער כלי־זין
און גיט זיך אונטער. האט עס דען א זין
צו פירן א פארצווייפלטע מלחמה
אליין, אן הילף, פארלאזענע אויף הפקר,
א הייפל מענטשן קעגן מיר און רוים?

### שלומית

דו רעדסט פון די פארטיליקטע גזלנים?
איך וואלט מיט זיי די ליפן נישט באפלעקט
א ווארט צו רעדן. אפהאקן די קעפ
און ווארפן די פגרים פאר שאקאלן!

### הורדוס

און איך האב זיי געווארנט, ווי א קריגס־מאן,
זיי צוגעזאגט פארמילדערן די שטראף

און, אפשר, צו באַגנעדיקן אין גאַנצן.
אָ, שוועסטער, גלויב, איך וואָלט זיי נישט געשוינט
ווען נישט וואָס חזקיה מיט זיין חבריה
געפונען ביי די פרושים גרויסן חן.
עס ווילט זיך דאָך נישט איינרייסן מיט זקנים.
דעריבער האָב איך מילדע רייד גערעדט.

### שלומית

איך שטעל מיר פאַר די תשובה שוין באַצייטנס.

### הורדוס

דו קאַנסט עס דיר נישט פאָרשטעלן, מיין שוועסטער.
ארויס איז חזקיה פאַר זיין חבריה —
א בייזער וואָלף מיט אָנגעשפיצטע ציין —
און האָט גענומען שיטן פעך און שוועבל;
„אַז נישט דערלעבן זאָלסטו, בייזער רוח,
פאַרקויפטער קנעכט אדומישער פון רוים,
דאָס מיר, יהודהס זין, זאָלן דיך פאָלגן
און וואַרפן דאָס געווער צו דיינע פיס!
קוק אָן און זע די גרויסקייט פון פאַרצווייפלונג,
און זאָל ביים רשע גליווערן דאָס בלוט!"
די שווערד האָט ער פאַר מיר פון שייד געצויגן
און, איינעם באַכן צווייטן, זיינע זין
גענומען שעכטן דאָן פאַר מיינע אויגן!
פאַרגעסן האָב איך, ווער איז „קנעכט פון רוים,
פאַרשאָלטענער אדומי", כ'האָב געשריגן,
געבעטן זיך, געבאָטן אים די פרייהייט.
די אויגן האָט ער אָפּגעווענדט פון מיר
און אָלץ געטאָן זיין פינצטערע רציחה.
און דאָן האָב איך געגעבן א באַפעל
צו שליסן שילד אין שילד און זיי פאַרניכטן,
נישט איבערלאָזן קיינעם אויף דער וועלט.

### שלומית

און גוט האָסטו געטאָן, מיין שטאָלצער הורדוס,
מיין גרויסער העלד, מיין האָפענונג און טרייסט.

דו שטייסט אין גלאַנץ און גליל איז באַפרייט,
פון רויבערישע מחנות אויף די וועגן.

הורדוס

איך שטיי אין גלאַנץ... דאָך ווייס איך אָבער וווּהל,
די פּרושים וועט נישט אינגאַנצן מיין נצחון.
זיי וועלן שפּרייטן נעצן אַרום מיר.
גיי זיי אַ העלד, ווען אין יהודהס אויגן
פאַרבלייבסטו דאָך דער קנעכטישער אדומי.

שלומית

די יידן האָבן חוצפּה קעגן שוואַכע,
נאָר קעגן שטאַרקע בויגן זיי די קעפּ.

הורדוס

די יידן האָבן חוצפּה, ליבע שוועסטער?
צו בין איך דען קיין ייד נישט פון געבורט?
צו טייל איך נישט מיט זיי די פרייַדן און ליידן?
אַ ייד בין איך, אַ ייד נאָר נישט דער לעצטער,
אַ ייד, אָבער דער ערשטער וויל איך זיין.
איך פיל — אין מיינע לענדן זיצט אַ גבור
און קיינער וועט נישט בײַשטיין קעגן מיר.
לאָז, שוועסטער, לאָז מיך גיין! אַהער מיין וואָפן!
העי, וואָפנטרעגער, גיב אַהער מיין שווערד!
מיין שילד, מיין פּאַנצער! ניין, איך דאַרף אים נישט,
קיין פּאַנצער דאַרף איך נישט. איך בין באַשיצט.
דעם שונאס פייל פאַר מיר וועט זיך דערשרעקן;
און אָפּשפּרונגען פון ברוסט דער האַרטער שטיין.
כ'וועל גיין אין שלאַכט און מענטשן וועלן פאַלן,
ווי זאַנגען אויפן פעלד. עס קראַכן קעפּ,
דעם שונאס קעפּ, ווי מילגרוימען צעדריקטע
און איך — איך גיי און שניַיד, איך טרעט אויף גופים;
אַלץ העכער, הויך, צו גאָט און זיין באַפעל.

שלומית (האַלט אים איין)

ווי קאָנסטו דיך געלעגער דען פאַרלאָזן?
עס ברענט אין דיר דער פלאַם פון בייזער קרענק.

זיי רויק הורדוס, זע, דיין שוועסטער בעט.
און, ווילסטו — וועל איך קניען פאר דיין בעט.
און, ווילסטו — וועל איך האלדזן דיינע קניען...
פיר ברידער האט מיין מוטער מיר געשענקט
און דו ביזט מיר דער ליבסטער און דער בעסטער.

### הורדוס

איך ליג שוין שטיל. נישטאָ קיין כוח, שוועסטער.
צו וואָס האָב איך באדארפט אזוי פיל בלוט
אזוי פיל טייער מענטשלעך בלוט פארגיסן?
ביי גאָט זיינען נשמות אלע גלייך,
צי זיינען גוט, צו זיינען שלעכט די מענטשן.
זע, שוועסטער זע, נישט מער בין איך קיין לייב
א שוואכע שאָף, עס בריען מיך די טרערן.

### שלומית

דאָס גייט ארויס פון גוף די בייזע קרענק,
דאָס טרערסטו אויס דיין קערפערלעכע שוואכקייט.
אַ העלד ביסטו, מיין ברודער און אַ לייב,
ווי יענער לייב יוחנן השמונאי,
וואָס האָט מיט כוח אונדזער שטאם געיידישט.
און דו וועסט נאָך נקמה נעמען, ברודער,
פאר אדומס בלוט און שאנד. איך האָף און גלויב.

### הורדוס

אין זיך אליין נקמה נעמען, שוועסטער?
דאן הער מיך אויס און נעם איך דיינע הענט
און העלף מיר טראָגן דורך דער וועלט מיין בענקשאפט.
אין קעניגס פאלאץ בליט א צארטע רויז —
די לעצטע פון די טעכטער השמונאים,
דער שטאָלצער קאָפּ, וואָס קאָן מיט גדלות טראָגן
די מלכותדיקע קרוין. אין ווילדן גראָז
פון השמונאים־הויז, פון ברודער־מערדער
די איינציקע, וואָס טוט מיט רעכט דערמאָנען
דעם שטאָלצן שטאם פון עלטער־זיידעס העלדן.

שלומית

צי רעדסטו נישט פון מרימען, מיין ברודער?

הורדוס

איך רעד פון איר. באהאַפטן איז אין איר
מיין חלום און מיין האָפענונג, אָ, שוועסטער!

שלומית

דו, ברודער, דו! אַוועקגעשענקט דיין האַרץ
דיין העלדיש האַרץ, דער טאָכטער פון די שונאים?
זי, מרים, זי, די שיינע, בייזע שלאַנג
רייסט אויס ביי מיר דעם ברודער פון די אָרעמס!
כ'וועל דיך נישט אָפּגעבן מיט גוטן, ניין!
כ'וועל מיינע פינגער אין דיין ברוסט פאַרגראָבן
און מיט די ציין זיך ווערן קעגן איר
און וואָס, און וואָס האָסטו אין איר דערזען
אַזוינס, וואָס מאַכט מיך קליין אין דיינע אויגן?
נישט מיך אַליין, נאָר אויך דיין ווייב און קינד!
מיט וואָס, אָ זאָג מיר וואָס האָט זי פאַרכישופט
מיין ברודערס האַרץ? כ'וועל זוכן און געפינען
די קרייטעכצער צום אָפּווער קעגן איר.
איז דיר דיין ווייב נישט טייער? איז אַנטיפּאַטער —
דיין ברוינער זון און דיר דען נישט געראָטן?
און, ווען פון ווייב און קינד דערווייטערט, איך
דיין טרייע דינסט, דיין שטובמיידל, דיין שוועסטער,
וואָס היט דיך אָפּ, וואָס גרייט איז מקריב זיין
סיי זיך, סיי יענעם פאַר דיין מינדסטן באַגל,
איך גיי דיר מער נישט אָן? דו וועסט פאַרשטויסן,
פאַרשטויסן פון דיין ברוסט דיין טרייע שוועסטער?

הורדוס

חלילה, שלומית, קיינער אין דער וועלט
וועט קיינמאָל מיר דיין ליבשאַפט נישט פאַרבייטן!
און קיינער וועט נישט אויפצווינגען מיין האַרץ
צו שליסן זיך פאַר דיר. ס'איז אָבער אמת,

אַז פֿרעמד איז מיר מיין ווייב געוואָרן — דאָרים,
און אָפּגעפֿרעמדט מיך זון פֿון יענעם טאָג,
ווען אין מיין האַרץ האָט אויפֿגעשטורעמט מרים.

שלומית

ווען אין דיין האַרץ האָט אויפֿגעשטורעמט מרים.
ווען אין דיין האַרץ האָט אויפֿגעשטורעמט... ווײַ!
ווען אין דיין האַרץ... דאַן נעם זי, ברודער, נעם זי
דאָס אייניקל פֿון אָפּגעלעבטן גלאַנץ,
אויף דיין געלעגער נעם זי, ברודער, שענד זי,
זויג אויס איר פּראַכט און זעטיק זיך מיט איר,
יאָ, זעטיק זיך מיט איר. יאָ, זעטיק זיך!
און דאַן, געזעטיקט, כאַ־כאַ־כאַ! און דאַן
וועסטו די מויד אַרויסטרייבן אין דרויסן,
די חשמונאים טאָכטער ביי דיין שוועל,
ביי אונדזער שוועל, כאַ־כאַ־כאַ! און מיט אַ טאָרבע,
און מיט איר בושה — כאַ־כאַ־כאַ!

הורדוס

פֿאַרשטום!
עס ליגט אַ שלאַנג אין יעדער פֿרוי פֿאַרבאָרגן,
דעם מאַן צו גיפֿטן גרייט. בישט ריר זי אָן!
עס רויטלט מיר שוין ווידער פֿאַר די אויגן,
און ווידער זע איך טייכן מענטשלעך בלוט
פֿון אייגענע און פֿרעמדע, נאָענטע, ווייטע.
אָ, גאָט מיין גאָט, ווי גרויס דער רויטער מדיך איז!
האָסטו דערויף דעם מענטש צו דינסט געשטעלט.
ער זאָל מיט בלוט פֿאַרגיסן דיין מזבח?
ער וועט עס טאָן דער מענטש, ער וועט עס וואַגן,
ער וועט נאָך איבערשטייגן דיין פֿאַרלאַנג.
אַ גרויסער חוזק, פֿאָטער אין די הימלען;
דו ווילסט די חיה־מענטש זאָל טאָן דיין יושר...

שלומית

אָ, ברודער מיינער, ס'ברענט אין דיר אַ פֿלאַם,
די ווערטער דיינע שטעכן ווי די פֿיילן,
דיין קרענק פֿאַרשטאַרקט זיך!...

מנחם

(קומט אריין מנחם, א מיטליעריקער מאַן אין גרויע קליידער.
א זאַק אויף די פּלייצעס)

מענטשן זייט געבענטשט.
דו האָסט באַוויליקט מיך צו רופן, יונגפרוי!
מנחם בין איך. גאָט האָט מיר אַנטפּלעקט
די סודות פון פאַרשידענע געוויקסן
צו לינדערן די קערפּערלעכע לייד.

שלומית

ביסטו דער גרויסער וואָרזאָגער מנחם,
וואָס וווינט פון לייטן ווייט אין די געבירגן?
אויב דו ביסט עס — אַז ווויל איז צו דיין קומען!
כ'האָב וויפל מאָל געשיקט נאָך דיר שליחים,
נאָר קיינער ווייסט נישט, ווו דיין וווינאָרט איז.

מנחם

כ'האָב קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט מיט מיין קומען.
איך קום, ווען מען באַדאַרף מיך און מען רופט.
מיר זאָגן אָן די גייער אויף די וועגן.
אויך איצטער, יונגפרוי, קום איך צו דער צייט
גרייט אָן א דרייפוס מיט צעגליטע קוילן,
א בעקן און א פייערפאַן מיט וואַסער,
כ'וועל אויפקאָכן די גראָזן צום געטראַנק —
א לינדערונג דעם אָפּגעשוואַכטן קערפּער.
נאָר נישט דער גוף אַליין איז קראַנק ביים חולה
איך זע, אַז אויך זיין גייסט איז הילפבאַדערפיק,
דעריבער, יונגפרוי, לאָז אונדז דאָ אַליין,
מיך מיטן חולה, אויג אויף אויג, אָן עדות.

שלומית

צו ווייסטו, רופא, ווער דער חולה איז?
צו ווייסטו רופא, וועמען דו דערוויטערסט,
ווען דו באַפעלסט פאַרלאָזן דאָס געצעלט?

מנחם

ביי גאָט זיינען מיר גלייכע מיוחסים.
און מיין באַפעל איז פאַר זיין טובה, קינד.
אָן עדות דאַרף מען היילן די נשמה.

הורדוס

גיי, שוועסטער, גיי, דער רופא איז געריכט:
אָן עדות דאַרף מען היילן די נשמה.
אַ רופא, רופא חשובער, ס'איז וואָר:
מער, ווי מיין גוף איז מיין געמיט צערודערט!

מנחם

שוין פונפאונצוואַנציק יאָר איך קלויב די גראָזן,
אַזוי, ווי ס'האָט קינדווייז מיר געלערנט
מיין מוטער די צדקניות. גאָט איז גרויס
אין חסד און אין רחמים. גיי און זוך,
דו ליידנדיקער מענטש, און וועסט געפונען
אַ היילונג צו דיין קרענק. ווענד אָן דיין שכל
און מאַך דיין אויג צו זען, דיין אויער — הערן —
אַליין די טבע עפנט דאַן איר מויל,
אַנטפּלעקט פאַר דיר די סודות פון רפואה.
אין גריגזער ליגט אַ וווּנדערלעכע קראַפט
און אין געווירץ — אַ היילונג צו די ווונדן.
דער טויטער שטיין, דער זאַלץ, די הוילע לופט,
זיי זיינען פול מיט היילונג. און אפילו
די שלאַנגען־גיפט, די טרעגערין פון טויט,
קאָן דינען צו רפואה, ווען ס'איז נויטיק.
מען דאַרף נאָר וויסן ווו און ווען צו זוכן
און געבן די רפואה אין דער צייט.
ווען מענטשן וואָלטן אָנגעווענדט דעם שכל
און זוכן און געפינען די רפואות,
וואָס גאָט דער האר האָט אָנגעברייט פאַר זיי,
וואָס ליגט ביי זייער אָרעם: קום און נעם,

וואָלט דאָן די וועלט געהאַט אַן אַנדער פּנים,
קיין רופא וואָלטן מענטשן נישט באַדאַרפט...

(פאַר דער צייט פון זייער רייד איז שלומית אַריין מיטן גליענדיקן דרייפוס און מיט די כלים, שטיל און געקעשטעלט, זיך צוגעהערט און אין עתפּורכט אַרויס. מנחם האָט זיך גענומען קאָכן די קרייטעכצער.)

## הורדוס

ריעד, חשובער, אַ חיות איז צו הערן
דעם רויקן געפּלוס פון דיינע רייד.
זיי קלינגען, ווי די שורה פון לוים,
מיינסט יעדער מענטש קאָן זיין פאַר זיך אַ רופא?

## מנחם

פאַר זיך, מיין זון, איז ווייניק. פאַרן לאַנד
דאָס גאַנצע לאַנד איז קראַנק אויף דער נשמה
נאָך מער, ווי אויפן גוף. קוק אָן, מיין זון,
קוק אָן און זע, וואָס טוט זיך אין יהודה!
די שווערד איז אָנגעשאַרפט אין יעדער האַנט,
און יעדער איינער לאָקערט נאָך זיין שונא.
אַ ברודער האָט אַ ברודער נישט געשוינט,
אַ מוטער ווערט געטויט פון אירע קינדער
און, צדוקים, פּרושים שפּאַלטן זיך די קעפּ
און יעדער מיט זיין שניידנדיקער תורה.
און ביי דעם ברייטן וועג איז פריי די רויב
דער פוסגייער און וואַנדערער איז הפקר.
און רוים קומט אָן און שניידט די בייזע פרוכט
פון אייביקע מחלוקת אין יהודה.
זי שניידט און וועט אַליין פאַרשניטן ווערן
פון אייביקע מחלוקת אין דער היים.
נישטאָ קיין רופא, זון מיינער, נישטאָ!
און, האָט ווער גאָט אין האַרצן און אַ זין
פאַר יושר און גערעכטיקייט, דער מוז,
דער מוז, מיין זון, אַנטלויפן אין דער וויסטע,
וויל בלינד איז די פאַרפירערישע וועלט!
(זעצט זיך אויף זיין געלעגער).

הורדוס

רעד, רופא, רעד! אָט ווערט מיין גוף געשלאָגן
דורך קנאַכנדיקע פליגל פון דער קרענק.
גיב, רופא, גיב מיר גיכער די רפואה
פאר מיר און פארן לאנד.

מנחם

(פארלירט דעם לעפל, מיטן וועלכן ער מישט.)
וואָס רעדסטו זון?
צי רעדט פון דיר ארויס די בייזע קרענק?
ניין, וואַרט! מיט וועלכער וואונדערלעכער קראפט
האָסטו דיך אויפגעזעצט אויף דיין געלעגער?
און וועלכע גבורה שיינט פון דיר אראָפּ?
און וואָס באדייט דער גלאַנץ אין דיינע אויגן?
איך זע בישט דורך דער פארע. לאָז מיך זען.
אָ גאָט! צעעפן מיינע אויגן! ער!
(מנחם צייכנט אָן אויף הורדוסן.)

הורדוס

אומזיסט ביזטו געקומען מיך צו שטראָפן
און מוסר זאָגן, רופא, ס'איז צו שפעט!
ס'איז נישט מיין חטא, ווען מענטשן זיינען חיות,
זיי זיינען מיר אין וועג געשטאַנען, הערסט?
די שווערד פון מרידה קעגן מיר דערהויבן.
צי קאָן מען אָפּשטעלן דעם שטורעמס לויף?
דעם ים באפעלן שטילן זיינע אינדן?
פון וועג האָב איך זיי אָפּגערוימט די שונאים,
זיי גלייכגעלייגט ווי אָפּגעשניטן גראָז!

מנחם

דעריבער ביסטו, זון מיינער, דער רופא!
עס קוקט ארויס א קעניג פון דיין אויג!
יהודהס קרוין וועט אויף דיין שטערן שיינען!

הורדוס

איך? גאָטס שליח? דו האָסט עס געזאָגט?
צי ס'רעדט פון מיר די מחלה? איך — א קעניג?
זאָג, רופא, נאָך אמאָל!

מנחם

איך האָב געזאָגט:
יהודהס קרוין וועט אויף דיין שטערן שייבען.

הורדוס

א פרייד! א שרעק! מיך שרעקט נישט אָפּ די מאכט
מיך שרעקט איר אומבאגרענעצטקייט, מנחם!

מנחם

האָסט רעכט, מיין זון. דער וועג איז נישט קיין גלייכער,
פון גאָטס געבאָטן פירט ער אָן הער זייט.

הורדוס

דאַן העלף מיר, רופא! העלף מיר, גאָטס שליח!
ס'איז אימהדיק צו פילן און צו טראָגן
די כוחות פון א פאלנדיקן בארג!
ס'איז ווייטיקדיק דער וועלט צו טראָגן יושר,
צעטרעטנדיק דעם יושר מיט די פיס!
איך פיל דאָס און איך וויים דאָס. אָ, פארוואָס,
האָט מיך גאָט אויסגעוויילט פאר זיין כלי זין?
און, אויב שוין מיך, פאר וואָס האָט ער געטאָן
אריינשפּריצן א פלאַם אין מיינע אָדערן,
אָנשטאָט דעם רויקן מלכותדיקן בלוט?

מנחם

ווען אין דיין האנט, מיין זון, זאָל זיין דער אויסוואל,
וואָלסטו געקאָנט אוועקגיין אין די בערג,
צו פירן דאָרט א שטיל און הייליק לעבן
אין כיתה פון איסיים און פארלאָזן
דיין אייגן פאָלק און לאנד אויף גאָטס באראָט?

און, קענסטו דאָס, — דאַן גיב דיין האַנט און קום!
און, ביזטו קראַנק, — אָט האָסטו די רפואה.
טרינק אויס דעם בעכער זודיקן געטראַנק,
עס שטעלט צוריק די אָפּגעשוואַכטע כּוחות.
מנחם דערלאַנגט הורדוסן דעם בעכער. הורדוס טרינקט מיט אָנשטרענגונג, אויסגעטרינקען)

הורדוס

ס'איז ביטער ר—ר—

מנחם

ביטער, אָבער היילבאַר.
און איצט?

הורדוס

און איצט נאָך ביטערער ווי פריער.
צווי וועגן שפּרייטן זיך פאַר מיר. מיט וועלכן
זאָל איך פאַרנעמען מיינע הייסע טריט?
איך וויל, בישט, ביין! איך גיי מיט דיר, מנחם,
מיין רבי און מיין ברודער פון די בערג!
יהודהס קרוין — זאָל אַנטאָן ווער עס וויל
אין איך וועל זיין פאַר זיך אליין א רופא!
(הורדוס שטייט אויף פון זיין געלעגער, טוט אָן זיין מאַנטל. שלומית מיט א געחתמעטן פאַרמעט.)

שלומית

וואָס זע איך! וווּהין ברודער, ביזט געזונט?

הורדוס

און דו? וואָס איז? ביסט אויסער זיך מיין שוועסטער!
צו וועמען שיקט דער מלך זיין באַפעל?

שלומית

צו וועמען דען, אז נישט צום טרייען קנעכט,
צו הורדוס דעם אדומי? הער און ציטער:
(לעזט)

„דערמיט באַפעל איך הורדוסן מיין קריגסמאַן
צו שטעלן זיך הכנעהדיק צום משפט
פון מיין סנהדרין. הורדוס ווערט פאַרקלאָגט
אין איבערמאַכט און בלוטיקער אכזריות
ביים איינשטעלן די אומרוען אין גליל;
אין שעכטן חזקיה מיט זיבע לייט
אויף אייגענער אחריות, אָן א משפט.
דער דאָזיקער באַפעל איז תיכף חל
באַשטעטיקט און געחתמעט: קעניג הורקנוס"

## הורדוס

צום משפט? מיך? פאַר אויספירן מיין חוב?
פאַר אָפּרוימען פון וועג א באַנדע רויבער —
דעם קעניגס פיינט, דעם בייזן פלאָג פון גליל?

## שלומית

דו וועסט נישט גיין, מיין ברודער, וועסט נישט גיין!
ס'איז בידעריקער פאַר דיין כבוד, ברודער!
מיך ברודער וועלן משפטן זקנים,
די אַלטע לייט אָן ציין! כאַ־כאַ־כאַ! ס'איז ווייל!
זאָלסט תיכף אָנשרייבן א בריוו צום קעניג,
זאָלסט שרייבן, אַז דו לאַכסט פון זיין באַפעל,
זאָלסט שרייבן, אַז ער האָט נישט מער קיין דעה
צו שטראָפן און באַגנעדיקן א קריגסמאַן,
אַז נאָר צו רוים ביסטו געהאָרכזאַם.

## הורדוס

ניין!
איך גיי זיך צושטעלן צום משפט, שוועסטער.
וואָס דאַרף איך רוים! וואָס דאַרף איך א באַשיצער!
מיין שווערד איז זיגנדיק — ענטפער איך פאַר איר.
גיי, שוועסטער, זאָג, אַז הורדוס גייט צום משפט!

מנחם

פון גאָטס באַפעל וועט קיינער נישט אַנטלויפן.
ס'איז נישט באַשערט, זאָלסט זיין פאַר זיך אַ רופא!...
(פאָרהאַנג)

## צווייטער אויפצי

*אין קעניגלעכן פאַלאַץ אין ירושלים. דער זאַל פון געריכט. אַלעקסאַנדראַ שטייט פאַרטראַכט. מאַליך האָט זיך אומגעקוקט צו קיינער גייט נישט, און גענענט צו אַלעקסאַנדראַ.*

מאַליך

מיין קעניגין! ס'איז היינט דער לעצטער טאָג!

אַלעקסאַנדראַ

מיט וואָס זאָל איך דיר אָפּדינען, מיין מאַליך?

מאַליך

כ'בין טריי מיין לאַנד און טריי די חשמונאים.
אדומי זאָל נישט הערשן איבער אונדז.
דער מענטש, וואָס האָט מיר גוטס געטאָן נישט איין מאָל,
מיך אויסגעלייזט פון קאַסיוסעס צאָרן
און אפשר גאָר דאָס לעבן מיר געשענקט —
דעם מענטש וויל איך אָפּדינען מיט סם!
פאַרשטייט דאָך מיין געמיט, אָ, קעניגס מוטער
און רעד נישט פון מיין ווערן זיך דערדינען
דורך פינצטערער אומדאַנקבאַרקייט. איך מוז
פאַרניכטן אַנטיפּאַטערן דעם הערשער,
וואָס האָט דאָס לאַנד פאַרטיילט צו זיינע זין,
ווען מלך הורקנוס טראָגט די קרוין לפנים.
איך טו דאָס און צעפליק מיין אייגן האַרץ.

אַלעקסאַנדראַ

טו דאָס, וואָס דיר באַפעלט יהודהס כבוד.
יהודהס ברכה — זיין זאָל דיר אַ לוין.
און וויס: דיין שוואַכער קעניג האָט אַ טאָכטער,
וואָס גובר זיין איר ווילן איז נישט לייכט.

כ'האָב אלץ געטאָן, אז אנטיפאטערס זון —
דער אכזר הורדוס — זאָל געמשפּט ווערן
נאָך הײַנט, ווי א געוויינלעכער פאַרברעכער,
און קיינמאָל זיך נישט אָפּוואשן פון שאנד,
אפילו ווען זיין קאָפּ זאָל מען אים שענקען.
צוויי זיילן וועלן פאלן מיט א מאָל,
דער פאָטער מיטן זון. באגראָב דיך אדום!
צי ביסטו זיכער, מאליך, אין דיין אויפטו ?

## מאליך

דער שר המשקים איז אין מיין רשות.
דער אויסגעפרוווטער סם איז פון מצרים:
א גאסט וועט מען מכבד זיין דעם ערשטן
און אנטיפאטר איז דעם קעניגס גאסט.

## אַלעקסאַנדראַ

טרעט אָפּ, מיין טרייער מאליך, עמעץ גייט.
זאָל קיינער פון די הויפלייט נישט באמערקן,
אז דאָ, אין זאל פון משפּט איז געפאלן
דער שווערער און גערעכטיקער גזר־דין!
(מאליך טרעט אָפּ האסטיק — פאַרזיכטיק. מרים גייט אריין.
אין דער האנט א צעבראָכענע דיאדעם).

## מרים

נעם צו די רייף, נעם צו די רייף, מיין מוטער,
און שליידער אים אין חוצפּהדיקן פּנים!
צו מיין געבורטסטאָג האָט א קנעכט געוואגט
צו ברענגען מיר א גאָלדענע מתּנה.
א חוצפּה פון א הויכגעשטעלטן קנעכט,
וואָס טראָגט דעם נאָמען הורדוס און וואָס היינט
וועט ער דעם קאָפּ פארבויגן פאר די זקנים.
הכנעהדיקער פּחדן וואָס ער איז!
אפילו נישט געוואגט אין זיין פּחדנות
פארבויגן דעם באפעל פון אלטן מאן,
דעם גרויזאמען באפעל פון שוואכן הערשער,
וואָס בויגט אליין דעם קאָפּ פאר א באפעל!

### אַלעקסאַנדראַ

ביסט בלאָס, מיין קינד. פאַרדינט וָעס דען אדומי,
מיין שטאָלצע טאָכטער, חשמונאימס בלוט
זאָל בוימען נאָענט צום האַרצן זיינע ליידן?
גיי, טאָכטער, גיי צוריק צו זיך אין צימער

### מרים

ניין, מוטער. איך וועל זוזען פון דער וויַיט,
ווי הורדוס ווערט געמשפט פון די זקנים
נקמה אָן מיין חלום פון א פרינץ,
א שטאָלצן פרינץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען הורדוס!

### אַלעקסאַנדראַ

ס'איז גוט, וואָס יעדער חלום האָט א ברעג.
א חלום קאָן אמאָל פאַרפירער ווערן.
מיר וועלן גיין און זעזן פון דער וויַיט,
ווי הורדוס ווערט געמשפט פון די זקנים.
דער קעניג מיט די שופטים קומען אָן.
מיר, שוואַכע פרויען טאָרן זיך נישט מישן
אין גאַנג פון די געשעענישן, קינד.
זיי שווימען אונדז פאַרביי און אונדז אַריבער
צו אונדזער טובה, ווי צו אונדזער רעה.

### מרים

פאַר דיר, מיין מוטער, פאַסט נישט קיין הכנעה!
(ביידע .פרויען — אָפּ. קעניג הורקנוס. קומט אריין אין באגלייטונג .פון
צדוקים און פרושים מיט שמעיה און אבטליון בראש)

### הורקנוס

וואָס ווילט איר, זקנים, וואָס זאָל איך באַפעלן?
באַפעלן אים אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ,
נאָך אידער ער וועט הערן אייער משפט?
א בייז, האַרטנעקיג פאָלק — יהודהס פאָלק,
בפרט נאָך, ווען דער קעניג לאָזט זיך ריידן.
כ'האָב אייך געפאָלגט און נאָכגעגעבן אַלץ.

איר פֿאָדערט משפּט? — זאָל ער זיך געמשפּטן!
באַרעכנט! וועד? מיך בעסטן פֿרײַנדס אַ זון,
דער זון פֿון אַנטיפּאַטער — מיך בעל־עצה.

## שמעיה

ס'איז ווײַניק, הורקנוס, העד אונדז בעסער אויס.
דו טראָגסט די קרוין, ווי נאָר פֿון לײַטנס וועגן.
אַמאָל געטרומען אַדומען אין יאָך —
און איצט אין יאָך — צו אַדומען געפֿאַלן.
קוק אָן אונז זע, ווער קיניגט אין דײַן לאַנד!
דען אַנטיפּאַטער גייט אַרויס באַפֿעלן,
דער יונגער הורדוס טוט וואָס אים געפֿעלט,
און פֿזאל זײַן ברודער האַלט ירושלים
אַזוי, ווי אין געפֿענקעניש. נאָר דו
פֿאַרגעסט צו מאָל יהודהס קרוין צו היטן,
ווי עמעץ וועט זי אײַנהיטן פֿאַר דיר.

## הורקנוס

נישט אמת, יידן, דאָס איז נישט אמת.
אַז אַנטיפּאַטער טוט, וואָס אים געפֿעלט!
און, ווילט איר וויסן, ווילט איר, יידן, וויסן.
האָט ער אַליין די עצה מיר געגעבן,
זײַן זון, דעם קריגסמאַן, שטעלן צום געריכט.

## אַבטליון

ער ווייסט, אַז ער וועט אָפּקומען מיט גאָרנישט.
ער ווייסט, אַז זײַן באַשיצער איז אין רוים,
און ווי איז צו דעם כּבֿוד פֿון סנהדרין!
איך שטאַם אַליין פֿון אַדומען און מיך
האָט גאָט געשטעלט צום עלטערן פֿון בית־דין,
דעריבער וועל איך פֿאָדערן אַ שטראָף·
אַ האַרבע שטראָף, צו שיצן אונדזער כּבֿוד.

## שטימען

— אַ האַרבע שטראָף! מיר פֿאָדערן דאָס אַלע!
— ער האָט געטויט יהודהס בעסטע זין!

— צו שפּאָט געמאַכט דעם משפּט און דעם דין!
— מיט וואָפן איז ער פרידלעכע באַפאַלן!

הורקנוס

וואָס ווילט איר, ייִדן? האָט איר דען א מאָס?
פאַרגעסט איר וועמען הורדוס האָט פאַרטיליקט?
די שונאים פון מיין קרוין! צי איר פאַרגעסט,
אַז חזקיהס חברה האָט געלאָקערט
יהודהס קרוין מיין ברודערן־זון צו שענקען?
געוועזן א צייט, כ׳וואָלט איינגיין אויך אויף דעם,
ווייל שווער איז פאַר מיין קאָפּ די קרוין צו טראָגן
און טאָג אויף טאָג זיך אומקריגן מיט אייך.
נאָר איצט איז שוין צו שפּעט, ווייל אַנטיפּאַטר
וועט נישט דערלאָזן אָפּגעבן די קרוין.

שמעיה

און דאָס מאַכט הערן ווער? דער קעניג הורקנוס!
דאָס אייניקל פון שטאָלצע חשמונאים!
הלוואי וואָלט איך די חרפּה נישט דערלעבט:
א מלך אויף געהילף ביי דעם אדומי!

הורקנוס

וואָס שרייסטו! אלעקסאַנדרא וועט דערהערן!

שמעיה

ווי קאָנען מיר מיט דיר צום בית־דין גיין,
אַז דיך דערשרעקט א האַרבער וואָרט באַצייטנס?

אבטליון

און דאָ האָט מען צום משפּט גאָר באַדאַרפט
א שטאַרקע האַנט פון שמעונען בן שטח.

צדוקים־שטים

— ווער רעדט עס דאָרט פון שמעונען דעם אכזר?
ער האָט פאַרגאָסן טייכן מענטשלעך בלוט!
געטרייט אויף רעכטס און לינקס, אזוי ווי הורדוס!

פרושים־שטים

צי האָט איר דאָס אוודאי נישט פאַרדינט?

צדוקים־שטים

איר וואַגט נאָך ריידן, שפּעטער פון דער תורה!

פרושים־שטים

איר, קנעכט פון טויטן אות, פאַרמאַכט דאָס מויל!

צדוקים־שטים

ביי וועמען איז די תורה טויט געוואָרן,
צעצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט?

פרושים־שטים

די תורה דאַרף אַרומנעמען דאָס לעבן
און, לאָזט זיך נישט, פאַרברייטערט מען דעם צאַם!

צדוקים־שטים

— גיי געבן מעשר פון דיין ווייבס עברות!
— גיי שמעונס תלמיד, אָפּטובלען די זון

פרושים־שטים

— וואָס שטייט דיר ווי א ביין אין האלדז דער תנא?
אין שמעונס צייטן האָט געשיינט די זון
— און שבת ביי דער נאַכט פלעגט פאַלן רעגן!

צדוקים־שטים

— און ליינדזען ווי די גאָלדענע דינאַרים
— און קירבעסן — ווי אייער רבינס קאָפּ!

פרושים־שטים

גזלנים! רוצחים! אָפּגעפוילטע גלידער!

צדוקים־שטים

פאַרשטאָפּטע קעפּ! קנאים היט די ציין!

(דער טומל און די געשרייען צעוואַקסן זיך. עס הייבן זיך
פויסטן. שמעיה און אבטליון פרווון איינשטילן דעם עולם.

(הורדוס באַווייזט זיך אין אַריינגאַנג פון פּאַלאַץ אין דער טיף, אויף די שטיגן. ער איז אין אַ רויטער טאָגע מיט אַ לאָרבער־קראַנץ. הינטער אים זיין לייב־וואַך.)

### הורדוס

העי, פריידן צו דער עדה פון חכמים!
און פריידן צו דעם הערשער פון מיין פאָלק!
איך דיין באמת בין איך געקומען, קעניג!
מען פאָדערט מיך צום משפט — בין איך גרייט.
נו, וואָס איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן, זקנים?
צו לאַסט איז אייך מיין קומען, ווי איך זע?
דאַן איילט אייך צו און פטרט מיך בקיצור,
צו פּלפּול איז מיין אויער נישט געוווינט.

### הורקנוס

(נאָך דער ערשטער איבערראַשונג)

ער איז דאָך דאָ! ער איז געקומען, הורדוס!
נו, זקנים־שופטים, וואָס האָב איך געזאָגט?
עס גילט נאָך די גערעכטיקייט ביי יידן!
א מלך פאָדערט — פאָלגט מען זיך באמת!
מען וויל דיך משפטן? חלילה, הורדוס!
גאָר אויספאָרשן און אויספרעגן, מיין זון!

### שמעיה

דאָס הייסט דאָך משפט. משפט זאָל עס זיין!
איך בעט אייך, זקנים, זעצט זיך אויף די ערטער
און הערט די רייד פון אָנגעקלאָגטן מאַן
ווו איז ער — דער, וואָס דאַרף דאָ שטיין געבויגן.
דעם קאָפּ אין אש, מיט בעטלענדיקע הענט?
און, זעט איר אים, צעעפנט מיינע אויגן.
איך וויל אים אויך זען, זאָגן אים צו טרייסט.
אז אונדזער בית־דין ווייסט דעם וועג פון רחמים
ווו איז ער — דער? איך זע אים אָבער נישט
איך זע א מאַן — א קראַנץ ארום זיין שטערן
דער מאַנטל רויט, אין זיגערישן גלאַנץ,

ער שטייט פאַר אונדז, ווי ער וואָלט אונדז געמשפּט
און מיר פאַר אים — צו פאָלגן זיין באַפעל
וואָס מיינסטו, קריגסמאַן, אונדז וועסטו דערשרעקן!
דערמיט, וואָס דיך באַגלייטן דיינע לייט?
וואָס דענקסטו דיך? קיין משפּט איז נישטאָ מער?

### הורדוס

נישט קיינעמס עסק וואָס איך מיין און דענק
אָן ענטפער גיב איך נאָר פאַר מיינע מעשים,
צי זיינען גוט די מעשים אָדער שלעכט.
מען וואַרפט מיר פאָר: געטויט האָב איך אָן משפּט,
דאַן ענטפער איך, געטאָן האָב איך מיין רעכט.
ווער ס'גייט פאַרפלאַנצן רו אין לאַנד יהודה
דער מוז דעם יושר טראָגן אויף זיין שווערד.

### אבטליון

נישט רעכט אַזוי! אַ קריגסמאַן איז קיין שופט.
עס גילט פאַר אונדז די תורה מיט איר דין.
שוין פופציק יאָר עס משפּט אונדזער בית־דין
און קיינעם נישט פאַרמשפּט נאָך צום טויט.

### הורדוס

און קיינעם נישט פאַרמשפּט? טאַקע קיינעם?
צי האָט איר ווען לעבעדיק געמאַכט,
פון די, וואָס חזקיה האָט זיי פאַרטיליקט,
פון די, וואָס זיינע לייט האָבן געטויט?
האָט איר געטאָן דעם נס, דאַן וועל איך בויגן
פאַר אייך מיין קאָפּ און שלאָגן זיך על־חטא.
און, טאָמער נישט — דאָס וואָרט האָט איר דערהויבן,
דעם זין פון יושר טרעט איר מיט די פיס.
דאַן זייט איר ווערט צו זיין אַליין געמשפּט.

### שמעיה

געפּענדיקט הורדוס? ביין־נאָך, ווי איך זע.
עס הויבט זיך אָן ערשט איבער אונדז דיין משפּט.

דאַן וואַרט זשע אויף, מיר וועלן אָנטאָן זעק,
אַזוי, ווי ס׳פּאַסט צו שטעלן זיך צום בית־דין.
איך קום אָבער מיט טענות נישט צו דיר,
דו יונגער קריגסמאַן, ניין! איך קום צום קעניג,
איך קום צו איך, איר זקנים, מיט מיין וואָרט.
דו, הורקנוס, ביזט דער שולדיקער אין אַלעם,
דו, נאָכגיביקער טרעגער פון דער קרוין!
און איר, און איר, פּחדנותדיקע ריכטער,
וואָס איר קויפט אויס פאַר זיך די חיי־שעה
און צאָלט דעם פּרייז פון כבוד און פון יושר!
געדענקט מיין וואָרט, איר, עדה פון פּחדנים:
די שעה קומט אָן, דער קריגערישער מאַן,
וואָס דאַרף זיין ענטפער געבן פאַרן בית־דין —
אַליין וועט ריכטער זיין. און איר פאַר אים
וועט שטיין דעם קאָפּ הכנעהדיק געבויגן,
דעם אָנבליק נישט קאָנען הייבן קעגן אים,
געדענקענדיק אַמאָליקע פּחדנות.
וואָס ציטערט איר? דאָס לעבן איז איך טייער?
וואָס מאַכט איך שטום? די מורא פאַרן טויט?

## אַבטליון

ניין, שמעיה, נישט גערעכט ביזטו צום בית־דין!
נישט ער קויפט אויס פאַר זיך די חיי־שעה.
דער כבוד פון דער תורה איז אונדז בילכער
און, מיין איך שלעכט, פאַררעכט מיר מיט א וואָרט!

## שמעון

גערעכט! גערעכט! די תורה איז אונדז בילכער!

## אַבטליון

און, אויב אַזוי, דאַן זאָל דער שטאָלצער מאַן,
וואָס שטייט פאַר אונדז אין זיגער־קראַנץ און פּורפּור,
נישט זאָגן מער: ער לאַכט פון אונדזער שאַנד!
נישט מיינען מער: אויס משפּט אין יהודה!

שטימען

א הארבע שטראָף, אזוי ווי ער פארדינט!

אבטליון

און וואָס פארדינט א מאן, וואָס האָט פארטיליקט
יהודהס העלדן?

הורקנוס

פאַרזיכטיקע רייד!
וואָס טוט איר, זקנים? מיינט איר דען באמת,
איר זייט אליין בעל־דעות דאָ אין לאנד?
און וואָס וועל איך און סעקסטוס־צעזאר זאָגן?
און רוים! געדענקט אָן רוים!

אבטליון

עס איז גענוג
פאר אונדז ירושלים צו געדענקען
און רוים, אָ, קעניג, זאָרגן זאָל פאר זיך.

הורקנוס

דאָך ווי צו איך, ווען רוים וועט איך פארזאָרגן!
א משפט פאָדערט פאַרזיכטיקע רייד.
די רגע קאָן אריינברענגען אין טעות.

אבטליון

דאן גיב אן עצה, האר!

הורקנוס

מיין עצה איז?
נישט אָננעמען קיין איילִיקע באשלוסן,
נאר מאָרגן, מיט א רויקן געמיט
אין קילן בלוט דעם משפט פירן ווייטער,
און גאָט וועט אונדז צו הילף זיין. אָבער היינט
דערקלער איך אונדזער זיצונג פאר געשלאָסן.
גייט, זקנים ריכטער, יעדער אין זיין הויז

און גיט איך אָפּ אַ חשבון אין התבודדות
און גרייט אַ קלאָרע תשובה צו אויף מאָרג

### שמעיה

מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו טאָן מער, זקנים
נישט היינט, נישט מאָרגן. אונדזער שפּיל איז אויס.
איך זע, אַז גאָטס השגחה וויל אונדז מיידן.
ווייל איבער דער מלך הויבט שוין יאָ זיין שטים,
דאַן הויבט ער זי, דאָס בית־דין צו באַשפּעטן.
מיך פּוס וועט דאָ נישט זיין מער! זקנים, קומט
און זאָל דאָ גאָט שוין זיין אליין דער שופט.
(סנהדרין מיט שמעיה און אַבטליון — אָפּ דערצאָרנטע. פּויזע).

### הורקנוס

וואָס זאָגסטו, הורדוס, שמעיה איז אַ כעסן?
ווי זאָגסטו, קינד? דער זקן איז גערעכט?
האָב איך געקאָנט דען אַנדערש ריידן, קינד מיינס?
זאָג דו אליין!

### הורדוס

האָסט מיך גערופן, האַר,
כ׳זאָל וואַרטן, ביז דאָס בית־דין וואָלט באַווילקט
זיך אויסשלאָפן און ברענגען דעם פּסק־דין?
(צו זיין לייב־וואַך)
גייט, העלדן מיינע, לייגט איך רויק שלאָפן
איך שטיי נישט אין סכנה איבער נאַכט.
(לייב־וואַך אָפּ)

### הורקנוס

ביין, זון מיינער, זיי דו כאָטש נישט ברוגז!
ביי מיר ביסטו אַן אָנגעלעגטער גאַסט.
כ׳זאָל אויפשניידן מיין האַרץ, וואָלסטו געזען,
ווי טיף עס איז דאָרט איינגעוואָרצלט הורדוס —
דער זון פון אַנטיפּאַטער, פון מיין פריינט.
קום, יונגער העלד, און אַלץ וועט זיין צום גוטן.
דיין פאָטער וואַרט מיט אומגעדולד אויף אונדז.

דאָרט ווערט אַ טיש געגרייט צו אונדזער שמחה
און דו וועסט, קינד מיינס, דער בעל־שמחה זיין.

הורדוס

פון בית־דין צו אַ מאַלצייט?

הורקנוס

יונגער קריגסמאַן,
דיין בענקשאַפט האָב איך איינגעזען פון לאַנג,
דיין פלאַמענדיקע בענקשאַפט צו אַ יונגפרוי,
וואָס מיר איז זי בישט פרעמד. איך האָב געזען,
אַז אויך איר האַרץ אין דיינעם איז באַהאַלטן
דערום האָב איך באַשלאָסן...

הורדוס

פאָטער־קעניג!
פון וועמען איז די רייד?

הורקנוס

דו שטויסט זיך אָן,
פון מרימן מיין אייניקל, פאַרשטייט זיך.
איך זע, עס איז אַ גאָט־זאַך, ליבער זון,
דער אַלטער שטאַם פון שטאָלצע חשמונאים
זאָל אויפבלעמען אין זיך דעם יונגען צווייג
פון גזע אַנטיפּאַטר...

הורדוס

פאָטער־קעניג!
צו וואָר האָסטו אַראָפּגעבראַכט מיין חלום!
מיין דאַנק און לייב וועל איך דיר אייביק צאָלן...

אַלעקסאַנדראַ

(אַרויסגעשוועבט פון הינטער אַ פאָרהאַנג)
און וווּ בין איך? וואָס פרעגט מען בישט ביי מיר?
צו אַדומען זאָל זיין פאַרקבּסט מיין טאָכטער!
אָ, שוואַכער קעניג! הערשער ווילסטו זיין,

ווען ס׳הערשט אויף דיר די בייטש פון אדומס ווילן!
איך גיב אייך נישט מיין טאָכטער! מאליך, קום!

מאליך

(שטיל) אַריינגעשוועבט)

מיין קעניגין, כ׳בין גרייט.

אַלעקסאַנדרא

מען דאַרף זיך איילן,
ס׳איז יעדער רגע טייער!

מאליך

איך בין גרייט,
נאָר יעדער שפאַן דאַרף זיין געמאָסטן.

אַלעקסאַנדרא
מאליך

איןביידנס בעסער זאָל זיך סם געפינען
ווייל אויך דער יונגער הורדוס זיצט ביים טיש.
זאָל אדומס גזע גאַנץ פארניכטעט ווערן!

מאליך

ניין, קעניגין, איך קאָן נישט!

אַלעקסאַנדרא

שלעכטער קנעכט!

מאליך

ווייל הורדוס מוז געשוינט ווערן

אַלעקסאַנדרא

וואָס הער איך?
איך וויל, אז הורדוס זאָל נאָך שטאַרבן היינט!

מאליך

און וואָס וועט דאַן דיין טאָכטער מרים זאָגן?

## אלעקסאַנדראַ

אויב דאָס איז נאָר דיין זאָרג — איז ווי מיין כבוד!
עס קלינגט שוין די ידיעה אויפן מאַרק,
אַז מרים ווערט צו הורדוסן אַ קעפּס־ווייב!
דו טאָרסט עס נישט דערלאָזן, מאַליך, הערסט?
יהודהס קנעכט, דערצו נאָך אַ באַווייבטער
זאָל אויסנוצן צו שאַנד דעם קעניגס בלוט?
איז רעכט ביי דיר — דאַן גילט נישט מער קיין טריַיהייט,
און זאָל דעם קעניגס הויז אין שאַנד פאַרגיין
און זאָל אויף דיר אַ קללה פאַלן, מאַליך,
וואָס דו האָסט עס דערלאָזט...

## מאַליך

איך גיי! איך גיי (אָפּ) ,

## אלעקסאַנדראַ

(אַליין)

און אויב עס זאָל אים אויסמיידן דער בעכער, —
ס'איז מעגלעך אַלץ, דאָס מזל איז מיט אים, —
און אויב עס איז פון גאָט באַשערט דער זיווג
פון אדומס בלוט מיט חשמונאימס גלאַנץ —
דאַן זאָל ער זיין. ס'איז ווייניקער געפערלעך
דער טיגער אויף דער קייט, ווי פריי אין פעלד.
אַ שוואַכע פרוי, און, קאָן איך נישט אריבער ,
איז מוז אַרונטער. מיטן גלייכן וועג,
צי מיטן קרומען — איינער איז מיין ציל.
מיט מאַליכס הילף, מיט הורדוסעס אפילו,
איך מוז די קרוין באַקומען אין מיין האַנט!
מיין זון! מיין יונגער כהן אַריסטאָבול,
חוץ דיר איז מער שוין קיינער נישט אין לאַנד
וואָס ווערט זאָל זיין די מלכות־קרוין צו טראָגן.
און פאַר איר זון די מלכות־קרוין צו קריגן,
דיין מוטער גרייט איז רייטן אויפן טיגער!...

(הורדות און מרים קומען אריין אַרומגענומען)

הורדוס

האָט וואָר געזאָגט דער וואָרזאָגער מנחם:
מיט אַלע וועגן גיי איך צו מיין ציל.
פון איצט און ווייטער גלויב איך, מיין באַשערטע
אַז קיינער וועט נישט אָפּווענדן מיין גליק.
כ׳מיין: אונדזער גליק. און זע ווי פּונקט צום רומל
דער שר־המשקים טראָגט צוויי בעכער ווין —
צוויי פולע בעכער. שטיי נאָר טרייער דינער!

(דער שר המשקים, וואָס איז אין דער רגע אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט מיט צוויי קרישטאַל־בעכער ווין אויף אַ טאַץ, בלייבט שטיין אין טויט־גליווער)

די אַלטע לייט, זיי האָבן מער געדולד
און קאַלטן בלוט. זיי קאָנען לענגער וואַרטן.
דערלאַנג דעם ווין! דאָס האָט דיך גאָט געשיקט
אויף אונדזער וועג. דעם קעניג וועסטו זאָגן:
אַז הורדוס האָט געטראָפן דיך אין וועג
און דיך באַרויבט. דו קלאָגסט אים אָן צום בית־דין.
יאָ, יאָ, מיין פריינט, צו דעם בין איך געוווינט.
איך זע, דו קוקסט אויף מיר ווי אויף אַ גזלן...

(הורדוס שטרעקט אויס די האַנט צום בעכער. אַלעקסאַנדראַ פאַרלויפט דעם וועג, פאַרשטעלט דעם בעכער מיט איר האַנט).

אַלעקסאַנדראַ

פאַרקנסט? פאַרקנסט? געוואָרן חתן־כלה?

הורדוס

דעם קעניגס ווילן מוז דאָך הייליק זיין!

מרים

און חתן־כלה מוזן טרינקען ווין!

אַלעקסאַנדראַ

וואַרט, קינדער, וואַרט... איך וויל אייך, קינדער, זאָגן מיין מזל טוב!

(צעברעכט אַ בעכער אין ד׳ערד)

הורדוס־מרים

מיט מזל זאָלסטו לעבן!

אלעקסאַנדראַ

דער מלך און זיין הויז־פריינט אַנטיפּאַטער,
ווי רעכטע מענער טוען אַלץ אַליין.
מען האַלט זיך נישט קיין עצה מיט אַ מוטער
איך קום צום גרייטן נעמט־זשע קינדער אויף
אַ מאַמעס ברכה. וואָס איז מיין באַגער?
ביי איך אַ שטילן ווינקעלע צו האָבן
ווו אָנצושפּאַרן מיין געפּלאָגטן קאָפּ.

(וויינט)

הורדוס

דו דאַרפסט נישט וויינען, מוטער אלעקסאַנדראַ!
דו האָסט אַ זון — איך וועל דיין צווייטער זיין,
מיט אונדז צוזאַמען — לעבן וועסטו גליקלעך.
כאַ־כאַ־כאַ! זיי גליקלעך זאַלבעדריט,
ווען דאָ איז נאָר איך בעכער וויין פאַרבליבן!
זאָל אפשר יעדער אָפּזופּן זיין טייל?
דאַן טרינק צוערשט, אַ, מוטער אלעקסאַנדראַ!

(ער דערלאַנגט איר דעם בעכער. זי נעמט דעם בעכער מיט אַ ציטערדי־
קער האַנט. שטייט אין פאַרלעגנהייט. טראָגט דעם בעכער צו די ליפּן און
שטעלט אים ראַש אָפּ אויפן טאַץ)

אלעקסאַנדראַ

ביך, הורדוס, ביך! איך וויל פון פולן בעכער
פאַר אייער מזל טרינקען ביזן דעק.
גיי, שר־המשקים, ברענג דריי פולע בעכער!
ביך, וואַרט, איך גיי מיט דיר! איך וויל אַליין
סיי אָנגיסן דעם וויין און סיי דערלאַנגען.
אין דעם באַשטייט אַ מאַמעס גרויסער גליק.
איך גיי און קום מיט פולן באַלד צוריק.

(אלעקסאַנדראַ אָפּ מיטן שר־המשקים)

הורדוס

דיין מוטער אלעקסאנדרא איז צערודערט.
איך צווייפל, אויב עס פרייט זי אונדזער גליק.

מרים

ווייל אומדערוואַרט איז היינט פאַר איר דער קנס־מאָל,
ווייל איך אליין האָב שלעכטס פון דיר געטראַכט.
פאַר כעס האָב איך צעבראָכן דיין מתנה,
דיין גאָלדן רייף, וואָס דו האָסט מיר געשענקט.
ווי פּועלט עס ביי זיך א מאַן ווי דו,
צו פאָלגן דעם באַפעל פון אַלטן מלך
און שטעלן זיך צום בית־דין אויף זיין רוף?

הורדוס

צו ווייניק קאָנסטו מיך, צו ווייניק צוטרוי
די האָסט נאָך צום... אדומי, לאָמיר זאָגן.
ס'איז וואָר, איך בין פאַר דיר א האַלבער העלד.
פאַר זיך אליין — נאָך ווייניקער, מיר פעלט
די לייטזעליקע קלאָרקייט פון פאַרלאַנגען,
דאָס אַלץ — אליין, אָבער מיט דיר צוזאַמען
איז קלאָר און העל פאַר מיר דער ווייטער וועג.

מרים

וווּ פירט ער דיך? איך וויל דאָס וויסן ליבסטער,
כאָטש פילן פילט מיין האַרץ: דיין וועג איז גרויס.

הורדוס

און פילן פילט דיין האַרץ די וואָרהייט, מרים!
העכער אויס און גלויב. מיין וועג איז צו דער קרוין!

מרים

יהודהס קרוין? איך האָב געשטיקט דעם חלום,
דעם חלום פון א חשמונאים־קינד.
צו ערשט־די יורשים. שפּעטער צו — דער ברודער
דער כהן אַריסטאָבול האָט פון מיר
יהודהס קרוין פאַרשטעלט.

### הורדוס

ניין! מיר אַליין,
נאָר מיר אַליין, ווען האַנט אין האַנט, צוזאַמען,
מיט גבורה מיט דיין אַדל־בלוט פאַרקנסט —
נאָר מיר אַליין צו דעם זיינעם הערהוואַקסן.
יהודה דאַרף אַ שטאַרקע האַנט — אָט איז זי!
יהודה דאַרף אַ שטאָלצע מלכה — דו!
נאָר נישט די קרוין אַליין מיך רופט און לאָקערט.
איך האָב פאַרשטאַנד דעם לאַנד צו געבן רו,
אין וועלכן ס'נויטיקט זיך אַזוי. די חורבות
וועל איך אין שטעט און פּאַלאַצן פאַרוואַנדלען,
די גרענעצן — צעשפּרייטן וועל איך ברייט.
צום ים וועל איך זיך דורכשלאָגן אַ צוטריט.
צו עפענען אַ טויער אין דער וועלט.
געמעכטיקט און באַפעסטיקט וועט יהודה
דאַן אָפּעטעמען פריי אויף לאַנגע יאָר.
און שנעל וועט זי פאַרהיילן אירע וואונדן
און גיך וועט זי דערפילן איר באַרוף.

### מרים

דערפילן איר באַרוף? צי האָט אַ לאַנד
אַ חוץ דעם ווילן פריי און רייך צו לעבן
אַן אַנדערע עובדה? ניי זייַען דייַנע רייד!
דערפילן איר באַרוף...

### הורדוס

דאָס זייַנען ווערטער,
וואָס שמידן אין אין זיך אַ גרויסן מיין.
דער מיין איז אויף דיין אַנגעזיכט פאַרצייכנט,
דו, בת־כהנת, טראָגסט אין זיך דעם מיין,
נישט וויסנדיק אַליין פון דייַנע אוצרות.
איך עפן מיינע אויגן און איך לייען,
און מעכטיק ווערט מיין האַנט צו טאָן זיין ווילן.
יהודה זאָל אַ פעסטונג זיין פאַר גאָט,
ווייל גאָט איז איר באַשיצער און רעגירער.

כ׳וועל איבערשטייגן דודן אין גבורה,
כ׳וועל איבערשטייגן שלמהן אין זיין פּלייס.
פאר גאָט וועל איך א נייעם היכל בויען
און שטויבען פאר זיין שיינקייט זאָל די וועלט.
יהודה האָט בן עובדה זיך געשטעלט:
פון עק ביז עק אין שירה זאָל פארקלינגען,
א לויב און דאנק דעם שעפער אין די הימלען!

## מרים

(קוקט אויף הורדוסן מיט באַגייסטערונג)

אָט שטייט פאר דיר א פרוי פון שטאָלצער גזע,
פון גזע חשמונאים, שטייט פארניקט.
פאַר איר ביסטו שוין קעניג און רעגירער.
א פרוי בין איך, וואָס טראָגט דעם סוד שאפן
און ווארט אויף איר באשערטן. און דיין האנט
האָט אָנגערירט מיין יונגפרוילעכן שטערן
און מיט א הויכן רעיון אים באַמאַנט.
געוועזן בין איך א פורעם צו דיין רעיון,
איצט וועל איך זיין דיין חבר צום געוועער,
מיט דיר צוגלייך אין הויכער שטרעבונג פלאַמען.
קום, חתן־מלך! לאָמיר גיין צוזאַמען!

## הורקנוס

(אַריינגעלאָפן אין שרעק און פאַרצווייפלונג).

ווי צו דיין מלך, הורדוס! ווי צו דיר!
מיין האנט איז ריין! גאָט, העלף מיר אין מיין נויט!

## הורדוס

וואָס איז?!

## הורקנוס

דיין פאָטער איז געפאלן טויט!

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

# דער גייסט דער מלך

דראמאטישע פּאָעמע

# אַ לבנה־שפּיל

## אויסצוגן פון פראַגמענט „ב״

צוויי קאַרליקלעך זיי שפּאַנען זאַלבענאַנד —
איינזיקל און זיידע;
און גראָ, ווי גראָע טויבן
און קינדער זיינען ביידע.
דער אַלטער מיט אַ פלעמעלע אין האַנט,
אַין אַ זילבער-מיץ געקרוינט;
צום אַ זילבערנעם דער יונגער.
דעם זיידנס באָרד איז לאַנג,
דעם איינזיקלס איז רונדער.
און געקליידט זיינען זיי
גרינע וועבונגען פון זעע;
הויזן, אַרבעלעך פאַרשאַרצט,
בלויזע מוסלען, בלויז דאָס האַרץ.
ווי אין שוים פון בלויער נאַכט,
צו איר שטילקייט פול מיט אַכט,
פאַזע זעע און פאַזע ברעג,
שפּאַנען פאַרכטיק זייער וועג,
שפּאַנען פאַרכטיק זאַלבענאַנד
גייסט-דעם-מלכּס הייליק-לאַנד
צוויי פישער.

און מיט אָפּשיי און מיט אַכט
צו דער שטילקייט פון דער נאַכט
און מיט נאַכטיק-קלאָרע שטימען,
די מיט זעע-געמורמל שטימען
פירן פישער אַ געשפּרעך.

### אייניקל

דערלויבט דער זיידע מיר צו פרעגן
א וואָרט, א הויכן ענין וועגן:
נעזען א חלום האָט דער זיידע?

### זיידע

א חלום, קינד!

### אייניקל

דערלויבט דער זיידע וויטער ריידן;
אנטפּלעקט א סוד האָט מען דעם זיידן
ביים הייליקן חלום טאָן באשיידן:
זיין ליבער נאָמען טוט באפוילן,
זיין ליבער נאָמען טוט פאַרלאַנגען,
דער זיידע זאָל א נעץ א פולן
פון זעע לבנה־טרערן פאַנגען
און ברענגען זיי צום מלכס הויז?

### זיידע

א שווערער חוב אויף אַלטע פּלייצעס!
דאָך, שווער איז לינד, ווען גרויס דאָס גלויבן;
און איך נאָך האָב זיין נאָמען לויבן,
זיין גנאָד איז גרויס!
מיט זיינער הילף און חכמס עצות
נישט זיין מיין זילבערנעץ וועט ליידיק
אין שווער געפאַנג צו זיין פאַרלאַנג!
געלויבט זיין הייליק נאָמען
פון היינט ביז אייביק!

### ביידע

אמן!

### אייניקל

ווען מיך דער זיידע וויל דערוויילן
מיט אים זיין שווער געפאַנג צו טיילן,
דאַן זאָל דער זיידע מיר דערקלערן

צו וואָס געברויך זיין ליבער נאָמען
דער לבנהס טרערן?

## זיידע

(זיפצט און ווישט דעם שווייס פון שטערן)

נאַריש קינד! ס'איז לייכט צו ריידן!
איז דען פאַר אונדזער קליין פאַרשטאַנד
זיין גרויסן ווילן צו באַנעמען?
די שטרעקעס וווּ צו פאָרשן קענען,
וווּהין ס'גרייפט אָן זיין מעכטיק האַנט,
וווּהין זיך נייגט זיין ברייטער אָרעם?
מיין מוח קליין, מיין אויג איז אָרעם
און קורץ די צונג
זיין גרויס צו פאָרשן און דערקלערן
נישט מער, ביים בעסטן מיין פאַרלאַנג
איך קאָן, מיין קינד, דיך מאַכן הערן
א שוואַכן אָפּקלאַנג פון זיין רום;
ווי שוואַך און וווייך דער ווייטער קלונג
פון גלאָק, דער נענטער מעכטיק ברומט;
ווי קליין דעם רעגן־טראָפּנס האַרץ
דעם זיבן פאַרביק בויגן שפּיגלט,
דער גלאַנצט אַרויס פון שוואַרצן שייד
אין שר פון שטורעמס ברייטן פליגל.
אוי, נישט אַנטפּלעקן זייַנע וועגן,
אויף זיי געפינען קיין באַשייד
מיין צונג איז גרייט.
נישט מער, פון שרעק און פרייד געפירט,
מיין אָרעם האַרץ
דעם זוים פון וואָרהייט קוים באַרירט...
און דו הער אויס מיט קאָפּ דעם זיידען,
דען וויל צו דעם, ווער גוט און פרום
און דורשטיק ניפּט פון זקנימס ריידן...

(דער זיידע מיד ער קוקט זיך אום.)

אוי ווי! דיין יונגער גוף איז מונטער
און איך בין אַלט; שוין שווער צו שטיין!
די מידע פיס זיך ברעכן אונטער

און בעטן רו די אַלטע ביינער,
און מיר נאָך האָבן ווייט צו גיין,
דען אין זיין ליבן נאָמען פאַנגען
איז מותר דאָרט, וווּ ס׳פאַנגט נישט קיינער.

## אייניקל

דאַן זאָל דער זיידע זיך פאַרגינען
א טראָפּן רו ביים ברעג אויף שטיינער
נאָך לאַנג דער טאָג איז צום באַגינען.

## זיידע

כי־כי! האָסט רעכט. ווי זאָגט דער איינער?
אביסל קרימלעך, דאָך, קיין בייז:
„ווען ס׳טוט דער יונגער פריד פאַרפאָלגן,
דאַן מעג דער אַלטער מאַן אים פאָלגן”.
פאַרשטייסט?

(ביים ברעג צוזעצן זיך אויף שטיינער,
זיפצן אָפּ.
דער זיידע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ
און ערשט באַמערקט אין האַנט דאָס פלעמל;
אויף דעם אין אימפּעט אייליק בלאָזט.
דאָס פלעמל לעשן זיך נישט לאָזט)

## זיידע

אוי־וויי! א זינד! א צער! פאַרגעסן
דאָס קנייטעלע פאַרלעשן!
אפּפּו! אפּפּו! דו זעסט אַן עקשן?
די נאַכט איז העל, כאָטש צייל די גראָז,
וואָס ווייט אַרום אין פעלד זיי וואַקסן.
אַנו, דו, יונגער, גיב א בלאָז!

(דער יונגער בלאָזט; דאָס פלעמל לעשט זיך.
דער זיידע גלעט זיך זיין גראָע באָרד
און לאַנג צום ריידן ער פאַרמעסט זיך
און צייטל אַ רענדל יעדעם וואָרט...)

— — — — — — — — — — —

קומט אַן אַמאָל אין הייליק לאַנד

אַ שעת־הכושר:
דערוואַכט פון טויזנט־יעריק טרוים
דעם מלכּם ראַטגעבער און ריכטער —
דער גרייז דער גראָער יושר.
פּאַטגט זיין אוראַלט־שאַרף געהער
אין תּהום פון נאַכט דעם קלאַנג פון טרער
פון הויך אין וואַסער־פלאַך געפאַלן.
דער אַלטער יושר הערט און טראַכט
און שאָקלט מיט זיין באָרד דער גראָער.
דער אַלטער ווייסן איז אַ בעלן:
ווער קלאָגט אין שוים פון שטומער נאַכט?
ווער איינזאַם טרויערט,
ווען ס׳רוט אַ וועלט?
וואָס וועמען פעלט
אין צייט פון זיסן טרוים־געניסן?
און, ס׳קלינגט אַ שטים פון וואַסער־פלאַך
און ס׳קלאָגט אַ טרער אין פלי פון הימל:
„...דאָס קינד פון ליכט, אָ, יושר גראָער,
דאָס קינד פון ליכט עס קלאָגט און טרויערט
אין פאַנגענשאַפט פון בלויער נאַכט;
דאָס קינד פון ליכט עס בענקט און וואַכט,
ווען ס׳זינגט אַ וועלט אין טרוים אין זיסן!...
דערהויבט זיין אַלטן קאָפּ דער יושר;
פון צווישן באָרד־געקנויל באַפרייט,
מיט פרייד צעפליען ווייסע טויבן
פון לאַנג געטרוימטע מעשים־טובים
און, נאָר דערהויבן צו דער הויך,
אין לופט צעגיין, ווי אַ רויך...
דער אַלטער יושר דענקט און טראַכט,
גאַרט דאָס קינד פון ליכט באַפרייען
פון שר פון חושכם שוואַרצער מאַכט
און צווישן שרים, טאָג און נאַכט,
פרידן שליסן.

דאַן ברויך דער גרייז דער גראָער ריכטער,
אַלס צייגעניש, צום ריין געוויסן,
אַ זילבערנעם לבנה־טרערן

צום וואַגשאָל פון געריכט
אַזוי אַרום דאָס קינד פון ליכט
מיט זיינער הילף דערלייזט זאָל ווערן...
אַצינד פאַרשטייסטו שוין, מיין קינד,
צו וואָס געברויך זיין ליבער נאָמען
דער לבנה־טרערן?

(דאָך בלייבן ביידע זיצן שטיל
און, האַלב פאַרשיכורט, דרעמלען איין,
פון זעע און הימלס בלויען ווײַן
אין דער לבנהס זילבער־שפּיל
אין קאַלטן שוים פון זעע צעשפּליטערט.
דערוואַכט דאָס אייניקל פאַרציטערט)

## אייניקל

זיידע!

## זיידע

שטיל, מיין קינד, מען טאָר נישט וועקן...

## אייניקל

זיידעניו, מיך שרעקט!

## זיידע

ווי און ווינד! וואָס קאָן דיך שרעקן?

## אייניקל

מיך שרעקט, אַ זיידעניו, מיך שרעקט
פון בלויער נאַכט די הערשאַפט שטומע!
שוין לאַנג דער אַלטער גלאָק פון טורעם
דער מידער וועלט פון האַלבער נאַכט
האָט שטיל פאַרציילט די אַלטע מעשה;
ביי ליב זיין נאָמענס דינער פרומע
דער זיסער טרוים צוקאַפּנס וואַכט;
און אַלע פיינע אַלטע לייט,
געהילט אין זילבערבערד אין ווייסע,
שוין קערן אויף דער צווייטער זייט.
נאָר מיך און זיידען,

פון בלויער נאַכט די שטומע האַנט
זי פירט אונדז ערגעץ ווו באַנאַנד.
וווּהין, אַ זיידעניו, אונדזביידן
פירט די נאַכט?

### זיידע

עהע, מיין קינד, כ'האָב נישט געדאַכט
פון דיר זאָל זיין אַ שלעכטער פישער!
זיין הייליק חוב מיט פורכט און תפילה
דער פישער דאַרף דערפילן!
און רויק מוז ער וואַכן,
ווען ס'רופט די בלויע נאַכט
זיין פרומען טועבץ מאַכן!
פון גרויסן האַר און זיין געזעץ
די נאַכט די טיפסטע וועקט געדאַנקען;
די נאַכט — דעם גרויסן פישערס נעץ,
ווו ס'ווערט אַ וועלט אין טרוים געפאַנגען!

### איניקל

אַ, זיידע, קרוין, ווי קאָן איך שטילן?
ווי קאָן מיין האַרץ די שטילקייט לויבן,
ווען שטומע וועכטער ריגלען שטרענג
די לעפצן פון דער וועלט?
מיין האַרץ אַ שטים צו הערן בענקט!
דער קלאַנג פון טאָג מיר פעלט!
ווי גרויס איז, זיידעניו, די שטראָף,
פאַר דעם, וואָס וועקט אַ וועלט פון שלאָף?
איך וויל זי וועקן!

### זיידע

זאָלסט נישט דערוועגן!
וואָס טוסטו, קינד! דערבאַרעם דיך
אויף יוגנט דיין און זיידנס עלטער!
אַ גרויסע זינד, אַ גרויס געפאַר
פון נאַכט די רו צו שטערן
מען קאָן אונדז קנסענען דערפאַר,
ווען עמעץ זאָל דערהערן!

# בשעת הבהלה

## אויסצוגן פון פראַגמענט „ג״

איבער בערג און איבער פעלדזן
קנוילן שווערע וואָלקן; —
בלאָע און גראָע מענגעס
יאָגן אַ געיעג;
פולע אייטער טראָגן זיי
מבול, נישט געמאָלקן;
פייערדיקע שטענגעס
קנוילן זיי אין וועג;
שטורעם-רייטער יאָגן זיי
מיט ברומען און געהוילן...
אונטן ליגט דער טאָל,
אין נעפּל-שייד פאַרהוילן.

אין פעלדז אַ שמאָלע שטעגעלע, —
אין שטיין אַ ווייסע שטענגע,
די שיסט פון אונטן צו דער הויך,
צום קוואַל פון שלאַקס און בליץ.
אין הויכן פעלדז, ביים ברעג פון תהום,
אַ קליין סילוועט אין שוואַרצן מיץ
שטייט אויף וואַך.
זיין מיצל באַמבלט זיך אַן שטערן,
אַליין ער לענט אַן האַמער שווערן,
די גראָע באָרד און אָנטאָן לינד, —
זיי פלאַטערן פון ווינט.
עס פלאַטערט אויך זיין הענטל שוואַך,
צו גראָער צייגנדיק דער זייט.

דוכט, ער יאָמערט; דוכט, ער שרייט;
שלינגט דער שטורעם-ווינט זיין יאָמער, —
בלייבט ער שטום.
דוכט, ווען נישט דער שווערער האַמער,
מיד, פון ראַנגלען מיטן שטורעם,
פאַלט ער אום...

צוויי קאַרליקלעך, צוויי אַלטע לייט
זיך דראַפּן מיט דער שטעגעלע
אַרויף, אַרויף.
דוכט, צו זיי דער אַלטער רופט;
דוכט, צו זיי ער ווינקט און שרייט.
זיי דעם וועכטער נישט באַמערקן פון דער ווייט

## ערשטער

גיכער, גיכער, לאָמיר לויפן,
נישט פאַרשפּעטיקן, חלילה!

## צווייטער

מיד בין איך!
שוין דריטן טאָג זיין ווילדן שפּיל
דער שר פון הויכע בערג טוט שפּילן;
שוין דריטע נאַכט קיין אויג פאַרמאַכט,
אין קלאָג פאַרבראַכט אין תפילה.
און וואָס דערוואַרט נאָך אויג און האַרץ
אויף יענער זייט פון פעלדזן שוואַרץ?

## ערשטער

שטאַרק דיך, אַלטער!
וועמענס הענט נאָך קראַפט פאַרמאָגן,
וועמענס פיס מיט אימפּעט טראָגן,
ווער נאָך קאָן זיין האַמער האַלטן, —
דער מיט מוט זיך מוז פאַרהאַלטן
אין אומגליק גרויס.
קעמפן מוז מען, קעמפן, אַלטער,
ביז די כוחות וועלן אויס!

## צווייטער

שוין!... אויס די כוחות... אויס!..

און קענן ווען, — ווי געשריגן, —
קעמפן ווילסטו?
און קענן וועמען טוסט זיך ווערן?
זיין ליבער נאָמען, — דען נישט פּילסטו? —
גרייט זיין מאַכט, דאָס לאַנד צעשטערן,
אַלץ פאַרטיליקן, פאַרניכטן.
און דו, — אַ ווילדער שפּאַס צו הערן —
די וויסטע שטערונג ווילסט פאַרריכטן!

## ערשטער

נאָר נישט זיי ביי זיך געפאַלן!
נאָר נישט לאָז דעם האַמער פאַלן!
נאָך נישט אַלעס גייט צו גרונט
אין שעה פון מלכים צאָרן.
דער הייליק חוב אונדז שטאַרקט דעם ווילן
און מיר, מיט טרייהייט און געדולד,
זיין צאָרן מיען זיך צו שטילן,
פאַרוואַשן אונדזער שולד.
צו ניי נאָך אויפגעריכט זאָל ווערן.
אַלץ, וואָס צינדערט ווערט צעשטערט!
זיין הייליק צאָרן זאָל נישט מערן
און אַלדאָס בייז צו גוטס פאַרקערן!

## צווייטער

איי, זיין חסד טוט אונדז ווייכן!
מען זאָגט: די מעכטיקע די טייכן
אַרויס פון זייער אַלט געלעגער,
די אַלטע וואַסער־צוימען פאַלן,
פאַרפלייצט די טאָלן אַלע!
ווי דעם אויג, וואָס זען געצווונגען,
ווי ס׳גייען דורות מי פאַרפאַלן!
פון ביטער שיקזאַל ווי דעם טרעגער
אין לאַנד די שלעכטע בשורות ברענגט!

— — — — — — — — —

### געפאלענער

בּרידערלעך, ווו בּין איך דאָ,
וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר?
וואָס שרייט מען דאָ? וואָס ליאַרעמט מען
אָן אויפהער, אָן אַ שיעור?
איך בּין פאַרבּלענדט, פאַרטויבּט
אויף מיין גרוי קעפּעלע,
אויך מיין שוואַך הערצעלע
גיסט אויס זיין גרימיקן זיין צאָרן
דער בּייזער שר.
בּאַהאַלט מיך, בּרידערלעך, פאַרבּאָרגט
אין אַ זיכער ווינקעלע.
ווו גרייכן זאָל קיין שטורעם־בּרום, —
דער לאַפּער פון געפאַר!

(אין שרעק דער הויך אַ פינגער שטרעקט)

ווידער, ווידער! ער פאָרויס,
אים פליען נאָך די שוואַרצע רייטער,
פליען אָן און לויפן ווייטער,
גוג־ומגוג פליט אים נאָך!
קרייץ און קווער דעם וועג פאַרלאָפן!
גרויע מחנות, נאָך און נאָך!
אוי, אַן אומגליק! אוי, אַ בּראָך!
דאָס זוכט מען מיר, דעם קליינטשיקן,
דעם שוואַכינקן, דעם איינציקן,
דאָס זוכט מען מיר! מען וויל מיך שטראָפן!

### דריטער

מיט אונדז! מיט אונדז!
מען טאָר נישט הינטערשטעליק בּלייבּן,
ווען ס׳טוט דער חוב אונדז פאָרווערטס טרייבּן!
מיט אונדז! מיט אונדז!

### פערטער

מיינסט אַנטלויפן? וויסן זיי,
דאָס ווער ס׳אַנטלויפט, דער קערט נישט ווידער;

פארשניטן ווערט ער פון דער וועלט,
פארגעסן פון די ברידער!

### דריטער

אווו דיין האמער, דיין געציינ?
דיין האמער ציינ!

### געפאלענער

נישט שרייט-זשע, ברידערלעך, נישט שרייט,
איך פאל אזוי פאר שרעק...
כ'האב שטיל, באזאכט געשפרייזט מיין וועג,
דעם האמער פעסט אין האנט פארפרעסט,
צום העכסטן פעלדז איך גרייך שוין, וועסט,
פון גרויסן שטראם נישט ווייט.
פלוצלינג — קראך! דער הימל פלאצט,
די ערד פארציטערט אויף די זיילן;
דער גרויער ים איבער מיין קאפ
אויף צווייען שפאלט;
אין אלע עקן פון דער וועלט
צעפליען פייערדיקע פיילן...
פאר שרעק דעם האמער לאז איך אפ,
אין תהום ער פאלט;
אליין אים שיער נישט נאכגעפלויגן;
מיט ניסים קוים זיך גלייכגעווויגן;
אוים האמער!
לאזט מיך, לאזט מיך, ליבע לייט!
איך וויל שוין בעסער שטארבן!
וואס נוצט א לעבעדיקער שארבן, —
דעם מלכם דינער אן א האמער?

(באהערשט פון פייניקלעכער פרייד.)

ברידער!
איר וועגדט דעם בליק צום הימל גרוי
און זעט:

א מבול גריים זיך ווידער!
דערפער חרוב!
ס'גייען אונטער שטעט!
דאָס שטרייטן שרים.
פעלדזן טרעפן זיך צוזאַמען,
בערג מיט בערג!
און איינער אויפן צווייטן קלעטערט,
זיין גאַקן ברעכט, זיין שילד צעשמעטערט;
און בליץ אויף בליץ, און שווערד אויף שווערד
ווי דעם אויג, דער זען געצווונגען,
ווי־זוי ס'פאַרגייט אין פלאַם די ערד,
ווי שלאַקס־צעביסן, שטראָם־צעריסן
זי ליגט און אייטערט מיט די ווונדן!
און מיך די אימה האָט געבונדן,
מיין מוח קליין פון רעש פאַרטויבט,
כ'בין ערגער איידער טויט!
גייט אייך, גייט אייך אייער וועג,
ליבע ברידער!
טוט אייך, טוט אייך אייער חוב!
קערט נישט ווידער;
און לאָזט צורו א גוסס טויב, —
מיין אָרעם הארץ אין טויט־שרעק.

### דריטער

אין מיטן וועג אליין אים לאָזן,
אַז עלנדן, א שוואַכן?

### פערטער

וואָס קאָנסטו מאַכן?
ער קאָן אונדז אָנוואַרפן זיין שרעק.

### דריטער

נישטאָ קיין שרעק, ווען ס'וואַכט א לאַנד,
ווען ס'קעמפט א פאָלק!

פערטער

דערום דעם גלייכן שכל פאַלג:
נישט לאָז פון שוואַכן דיך פאַרפירן...
קום אוועק...

— — — — — — — — — — —

## אויסצוגן פון פראַגמענט „ד"

# פון פרעמדע וועלטן

### אביגיל

טרוימט אייך רויק, מיינע ליבסטע, אייער אויסגעבענקטן טרוים,
זאָל פון לעצטן טראָפּן רו דאָס מידע האַרץ געניסן!
פיל מאָל געוועגדט האָט איר צו מיר, דער טרוימערין און זינגערין
דעם בליק פון ליידן מיד, פון דורשט נאָך רו צעפלאַמטן;
מאַך אונדז טרינקען, אביגיל, פון דיין טרוימען־קוואַל דעם זיסן!
מאַך דעם ריזנס שווערע ליידן דורך דיין צויבער־ניגון לינדערן!
נאָר אומזיסט האָט זיך די טרוימערין און זינגערין געמיט
צו ברענגען רו אין אייער האַרץ דורך זיסן צויבער פון איר ליד:
דען קאָן דער בלומען־דופט דעם שטורעם־ים פאַרוויגן?
דען קאָן דאָס וויל־געזאַנג דעם ריזנס ליידן שטילן,
זיין אייביק לאַסט אים מאַכן לינדער?
פון הימלען ליכטיקע פאַריאָגט, צום וויסטן שוים פון דר'ערד געשליידערט,
נישט וויסן ריזן פון קיין רו, ווי ס'ווייסט קיין ליכט דער אייביק בלינדער,
אין אייביק נישטערן און זוכן, אין אייביק גאָט־בעטן און פלוכן,
דעם אויסוועג ליכטיקן אין פינצטערניש פאַרלוירן,
זיי שטרעבן אויפבויען די הימל־בריק צעבראָכענע צוריק,
זיי לעכצן אויפוועקן די הייליקע, אַנטשלאָפענע מוזיק,
דעם עלטסטן ווידערקלאַנג פון הימלשן זכרון,
די טיפסטע שירה, וואָס האָט שטראַלנדיק געקוועלט
פון ריזנס האַרץ, ווען הויך איז ער געזעסן,
באַנעמענדיק אין אויסברוך פון דעם זון־געפּלאַצטן וואָלקן

דעם פּאַטערס ווערק — די ווייטע, ברייטע וועלט...
אומזיסט די מי! די שירה איז פאַרגעסן...

— — — — — — — — — — — — — — —

דערוואַכט, איר גליקלעכע, דערוואַכט!
איך האָב צום מלכּס טעמפּל אייך געבראַכט;
אין טעמפּלס טיפעניש פאַרנומען,
מיט שטויב פון גראָער אייביקייט באַדעקט,
פון שטערבלעך אויג נאָך נישט באַפלעקט,
דאָרט שטייט געהיים און וואַרט אויף אייער קומען
דער וואָרער בעכער גליק.
דערוואַכט, איר גליקלעכע, דערלייטערט אייער בליק,
די הענט צום בעכער שטרעקט: צו אייך ער מוז געהערן!
און איך מיט שנעלע טריט וועל קערן
פון ענגן טאָל צוריק.
ווער ס'בלייבט אין טאָל, באַטרונקען ווערט פון דופט.
און מיך די הויכע פרייהייט רופט;
אין באַרג ביים וועג מיין געלט וועל איך פאַרנויגן
און דורשטיק פאַרשן מיט די אויגן
דעם וועג, מיט וועלכע ליבסטע קערן,
באַלאָדענע מיט גליק.
דאַן בערג און פעלזן זאָלן הערן
דעם נייעם לויב-געזאַנג, לכבוד אייער קומען.
אין זאַנג און האַרפנקלאַנג זאָל אויפבליען מיין מאַכט!
דערוואַכט, איר גליקלעכע, דעם בעכער צו באַקומען,
צום גליק דערוואַכט!

## עפּילאָג

### אויסצוגן פון פראַגמענט „ח״

(דער שוואַכער זילבער-שיין פון דער לבנהס געלט,
באַפרייט פון וואָלקן־יאָך, מיט יעדע רגע העלט;
דער בלאַסער נעפּל-ים צעגיסט זיך אין זיין ברויט;
די ריזן ציטערן דערמונטערט און דערפרייט.)

**גד**

ליכט!

**נעמי**

ליכט!

**גד**

טו אָפּ דיין צווייפלונג, קינד!
עס קומט די גאולה אומגעריכט!
די קאַלטע נאַכט פאַרשווינדט.

**נעמי**

ס'איז וואָר, די זון שיינט ליכטיק העל,
פון זינט מיין פּוס דעם באָדן האָט באַטראָטן;
דאָך ווער פאַרזייט אין אונדזער האַרץ דעם שאָטן,
און לייגט אַ שטרויכלונג ביי דער העלער שוועל?

**גד**

נישט פאַרש! נישט פרעג!
דאָס גליק צו אונדז געהערט און אונדזערס וועט עס בלייבן
דעם לעצטן הויך פון צווייפלונג צו פאַרטרייבן,
דערמאָן דיך, ריזן־קינד, אָן שטראַלנדיקן וועג:

אויף וואָלקן־ווייסן זייד, דורך לויטער־בלויע ימען,
געצירט אין פורפור, שוועבן מיר צום לאַנד פון אונדזער גליק.
פון זון די גאָלדענע האָרף, באַרירט פון פינגער־פלאַמען
זי נעמט אונדז אויף מיט שטראַלנדיקער מוזיק.

פון אונטן שפּרייט די ערד; דאָרטן זילבער־טייכן גלאַנצן
און שניי־בערג שמייכלען אין די ברייטע גראָע בערד.
אויף טעפּיכער פון גרינס דאָרט בלומען־בייטן טאַנצן;
אין אונדזער זכות איז יום־טוב אויך אויף דר'ערד.

פון וויט האָט אונדז באַגריסט דער ריח פון גן־עדן,
און ווייסע טויבן, שאַרן־ווייז, זיי פלאַטערן אַרום;
זיי ברומען איבער אונדז: דאָס בענטשן זיי אונדז ביידן;
אין יעדן ראָזן שנעבעלע אַ בלום.

עס רעגנט איבער אונדז מיט ברכות און מיט בלומען;
און מיר, אין פורפור־קלייד, אויף וואָלקן־ווייסן זייד,

פאַרשיכורטע פון גלאַנץ, פון קטורת און פון ברומען,
מיר שוועבן צו דער לויטער־בלויער ווייט...

### נעמי

ווי שיין באַזינגסטו, ליבסטער, אונדזער וועג!
פאַרגעסן האָט מיין האַרץ דעם טויבן־זיסן ברומען
דעם בלומען־בונטן האַגל,
צוגלייך פון דעם גאָר קיין מאָל נישט געוווסט.
און נאָר דעם זיסן דופט נאָך טראָג איך אין מיין ברוסט,
צוגלייך פאַרזייט אין איר איז איינע פון די בלומען.

### גד

צי דען דורך וועגן צוויי פאַרשידענע מיר קומען
צום הייליקן, געבענטשטן לאַנד?

### נעמי

אָ, ניין! געווען מיר זיינען זאַלבענאַנד
און פרייד און צער געטרונקען פון איין לאָגל.

### גד

פאַרוואָס אין שעה פון פרייד דערמאָנסטו דיך אָן צער?

### נעמי

דערפאַר...

(דער שוואַכער זילבער־שיין פון דער לבנהס צעלט,
פאַרשטעלט פון וואָלקן, ראַש ער צאַנקט און פאַלט;
אַ קאַלטער שאָטן־פליגל איבערפילט דעם רוים:
די ריזן ציטערן, פאַראומגליקלעכט אין טרוים.)

### גד

ווידער?!

### נעמי

אָ, גד! איך האָב דערפילט אין מיינע גלידער
דעם שאָטנס קעלט, באַפאָר זיין שטיין,
ווי קאָן דען זיין פאַרפול מיין פרייד?

## גד

אַ, שטילער, ליבסטע, לאָמיר שווייגן,
ביז וואַן די זון פאַרלאָזט איר שייד.
ס'וועט ווידער ליכטיקן און טאָגן, —
צו מיר די שטים פון גלויבן רופט.
דעם שיין פון גליק אום קאָנען צו פאַרטראָגן,
דורך אַמטע שאָטנס ווערן מיר געפּרוווט.

# אינהאַלט:

## פראַגמענטן פון בוך „שטאַרקע און שוואַכע”:


קורצע כאַראַקטעריסטיק . . . . . . . . . . 3

אין דער סביבה פון פרייער קונסט . . . . . . . . 15

חבר באַלעבאָס . . . . . . . . . . 35

קריג . . . . . . . . . . . . 52

ספעקוליאַנטן . . . . . . . . . . 59

קאַרל קראַנץ . . . . . . . . . . 74

פרילינג . . . . . . . . . . . 86


## באַלאַדן און גראָטעסקן


חיים יונה מימן דלית . . . . . . . . . 93

פאַלשע שטעפּ . . . . . . . . . . 97

גאָלדענע שיך (כעלעמער נוסח) . . . . . . 105

דאָקטאָר פאַוסט קאָן (כעלעמער נוסח) . . . . . 106


## דראַמען


דוכוס (דראַמע אין 4 אַקטן) ערשטער אַקט . . . . 113

הורדוס (טראַגעדיע אין 5 אַקטן) ערשטער אַקט . . . . 141


## דער גייסט דער מלך

(דראַמאַטישע פּאָעמע)


אַ לבנה־שפּיל (אויסצוגן פון פראַגמענט „ב”) . . . . 179

בעשת הבהלה (אויסצוגן פון פראַגמענט „ג”) . . . . 186

פון פרעמדע וועלטן (אויסצוגן פון פראַגמענט „ד”) . . . 192

עפּילאָג (אויסצוגן פון פראַגמענט „ה”) . . . . . 193

צום 100־טן געבוירן־טאג

פון

גרויסן יידישן קלאסיקער

**י. ל. פרץ**

גרייט צו דער פאַרלאַג „יידיש-בוך״
צוויי בענדער אויסגעוויילטע שריפטן
פון זיינע שאפונגען

ביז איצט זיינען אין פארלאג „יידיש-בוך" דערשי-
נען די ווערק פון די אומגעקומענע יידישע שרייבער:

ש. האראנטשיק — געקליבענע שריפטן

מ. בורשטין — ביי די טייכן פון מאזאוויע

אין דרוק:

כלאווגע קאגאן — אויפן טייך

ד. מיצמאכער — מענטשן

עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק:

אלמאנאך פון אומגעקומענע יידישע דיכטער